STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04793

IN GEYEG NOKH A METEOR

Jules Verne

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשול ווערן

אין געיעג נאך א מעטעאר

יידיש: א. ג.

פאַרלאַג א. גיטלין

וואַרשא 1930

Printed in Poland

1 9 3 0
Druk. G. Piment, Sierakowska 4

קאַפּיטל איינס,

אין וועלכן דער ריכטער דזשאָן פּרוט פּירט אויס איינע פון די אומאָנגענעמסטע פליכטן פון זיין אַמט, איידער ער וועט זיך אומקערן צו זיינע בלומען.

מיר האָבן נישט קיין שום סיבה צו פאַרהוילן פאַר אונזער לעזער, אַז די שטאָט, אין וועלכער עס הויבט זיך אָן די־דאָזיקע מערקווירדיקע געשיכטע, ליגט אין דער פּראָווינץ ווירגיניע, אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. לאָמיר אָננעמען, אַז די שטאָט הייסט, אַ שטייגער, וואַסטאָן און אַז זי געפינט זיך, לאָמיר זאָגן, אין דעם מזרח־טייל פון ווירגיניע, אויפן רעכטן ברעג פונם טייך פּאָטאָמאַק; פונדעסטוועגן האַלטן מיר פאַר איבעריק גענויער צו באַצייכענען די געאָגראַפישע לאַגע פון דערדאָזיקער שטאָט, וועלכע דו וואָלסט אומזיסט אַרומגעזוכט אַפילו אויף די גענויסטע קאַרטעס פון די פאַרייניקטע שטאַטן.

דעם 12־טן מערץ פון יאָר... , אין די פרימאָרגן־שעהן, האָבן די וואַסטאָנער איינוווינער, וואָס זענען דעמאָלט דורכגעגאַנגען די אַקסעטער־סטריט, געקענט באַמערקן אַן עלעגאַנטן רייטער, וועלכער איז אַרויפ־ און אַראָפּגעפאָרן איבער דערדאָזיקער זייער משופּעדיקער גאַס און איז ענדלעך געבליבן שטיין אויפן קאָנסטיטוציע־פּלאַץ, אומגעפער אינם צענטער פון שטאָט.

דערדאָזיקער רייטער, אַן אויסגעשפּראָכענער טיפּ פון אַ יענקי, אַ טיפּ מיט אַסאַך אָריגינעלער עלעגאַנץ, האָט געקענט האָבן נישט מער ווי אַ יאָר דרייסיק. ער איז געווען עטוואָס העכער פון מיטעלן וווּקס, גוט און שיין געבויט, מיט רעגולערע שטריכן, טונקעלע האָר און אַ קאַשטאַן-פאַרביקער באָרד, וואָס איר שאַרפער שפּיץ האָט אויסגעצויגן זיין פּנים מיט די זאָרגעוודיק-אויסגעראַזירטע ליפּן. זיין ברייטער מאַנטל, וואָס איז אים אַראָפּגעפאַלן ביז איבער די קני, האָט צוגעדעקט דעם רוקן פון פערד. ער האָט געקערעוועט זיין שיין פערד געשיקט און דרייסט. זיין גאַנצע פיגור האָט עדות געזאָגט אויף אַנטשלאָסנקייט און איינצייטיק אויך אויף אימפּולסיווקייט. ווען עס זאָל זיין נויטיק, וואָלט ער זיך נישט געוואַקלט אינם אויסוואַל צווישן דעם פאַרלאַנג און דער שרעק, ווי דאָס טרעפט זיך ס'רוב ביי מענטשן פון שוואַכן כאַראַקטער. דער אויפמערקזאַמער צוקוקער וואָלט באַך, אַגב, באַמערקט ביי אים אַן איינגעבוירענע אומגעדולד, וואָס האָט זיך שלעכט אויסבאַהאַלטן אונטער דער מאַסקע פון קאַלטער גלייכגילטיקייט.

פאַרוואָס האָט דערדאָזיקער רייטער פאַרבראַכט אין אַ שטאָט, ווו קיינער האָט אים נישט געקענט, ווו קיינער האָט אים קיינמאָל נישט געזען ?.. צי האָט ער דאָ געוויילט פאַרבייפאָרנדיק, אָדער ער האָט דאָ בדעה געהאַט צו פאַרבלייבן אויף לענגער ? אין דעם לעצטן פאַל וואָלט ער געהאַט בלויז אַבּיסל קאָפּדרייעניש מיטן אויסוואַל פון אַ האָטעל. אין דער הינזיכט איז וואַסטאָן געווען אומפאַרגלייכלעך. אין קיין שום אַנדערן ישוב פון די פאַראייניקטע שטאַטן אָדער אַפילו ערגעץ-אַנדערש-ווו וואָלט ער נישט געהאַט אַזאַ קבלת-פּנים, אַזאַ באַדינונג, טיש און אומגעהייערן קאָמפאָרט — פאַר אַזעלכע מעסיקע פרייזן, ווי דאָ. מען מעג, באמת, באַדויערן, וואָס די קאַרטעס ווייזן נישט אָן גענויער די געאָגראַפישע לאַגע פון דערדאָזיקער אומגעוויינלעכער שטאָט.

ניין, דער אָנגעקומענער האָט נישט בדעה געהאַט זיך אָפּ-

צושטעלן אין וואַסטאָן, און די צולאָקנדיקע שמייכלען פון זיי האָטעל-אייגנטימער האָבן אים אַבסאָלוט נישט גערירט. פּאַרזונ-קען אין זיינע מחשבות, גלייכגילטיק צו דער סביבה, איז ער אַרומגעפּאָרן פון אַלע זייטן דעם קאָנסטיטוציע-פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז אין דער מיט געווען אַ קליינע דערהויבונג. ער האָט אַפילו נישט באַמערקט, ווי די דורכגייער קוקן אים נייגע-ריק אָן.

דערווייל האָט זיך די נייגעריקייט פונם עולם אויסערגע-וויינלעך פאַרשאַרפט. זינט דערדאָזיקער רייטער האָט זיך באַוויזן אויפן וואַסטאָנער האָריזאָנט, האָבן די האָטעל-אייגנטימער און באַדינער, שטייענדיק אויף די שוועלן, אויסגעטוישט צווישן זיך אומגעפּער די פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

— מיט וועלכן וועג איז ער אָנגעקומען?
— דורך עקסעטער-סטריט.
— און פון וואַנען?
— פון דער פאָרשטאָט ווילקאָקס.
— שוין אַ גוטע האַלבע שעה, ווי ער באַקוקט דעם פּלאַץ.
— מסתמא וואַרט ער אויף עמעצן.
— מעגלעך. אַגב, מיט אומגעדולד!
— ער קוקט כסדר צו עקסעטער-סטריט.
— דורך דאַנען וועט מען אָנקומען.
— אָבער ווער?.. אָן ער, צי אַ זי?
— דאָס איז דאָך עס!.. כ׳לעבן, ער איז פיין געבויט!
— הייסט עס, אַ באַגעגעניש?
— יאָ, אַ באַגעגעניש, אָבער נישט אַזאַ, ווי דו קלערסט.
— פון וואַנען ווייסטו?
— ווייל דער אומבאַקאַנטער איז שוין דריי מאָל געבליבן שטיין פאַרן הויז פון מיסטער דזשאָן פרוט...
— און אַזוי-ווי מיסטער דזשאָן פרוט איז ריכטער אין וואַסטאָן...
— הייסט עס, אַז ער האָט צו אים עפעס אַ וויכטיקן ענין.

— און זיין קעגנער האָט פאַרשפּעטיקט...

— ביסט גערעכט.

— גוט! דער ריכטער פּרוט וועט מאַכן צווישן זיי שלום און וועט זיי אין איין אויגנבליק איבערבעטן.

— אַ פּיפּיקער מענטש.

— און אַן אָרנטלעכער.

עס קען גריילעך זיין, אַז דאָס איז טאַקע באמת געווען די סיבה פון דער רייטערס פאַרבּרענגען אין דערדאָזיקער שטאָט, ווייל ער האָט זיך שוין עטלעכע מאָל, נישט אַראָפּשטייגנדיק פון פערד, אָפּגעשטעלט פאַרן הויז פון מר. דזשאָן פּרוט. ער האָט געקוקט אויף דער טיר, געקוקט אויף די פענסטער, דערנאָך געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, גלייך ווי ער וואָלט אויסגעקוקט, צי וועט זיך עמעצער נישט באַווייזן אויף דער שוועל פונם הויז, — ביז דאָס פערד האָט זיך גענומען וואַרפן פון אומגעדולד און אים געצווונגען צו פאָרן ווייטער.

ווען ער איז אַזוי איינמאָל געבליבן שטיין, האָט זיך די טיר פון הויז ברייט אויפגעפּראַלט, און אויפן גאַנעק האָט זיך באַוויזן אַ מענטש.

— איך גלויב, אַז מר. דזשאָן פּרוט?.. — האָט דער רייטער געזאָגט, אַראָפּנעמענדיק דעם הוט.

— פּערזענלעך — האָט דער ריכטער געענטפערט.

— איר וועט דערלויבן, איך זאָל אייך שטעלן אַ פראַגע, וואָס פאָדערט אַ קורצן און בינדיקן ענטפער: יאָ, אָדער ניין?

— נו, רעדט.

— צי האָט זיך עמעץ נישט געפרעגט היינט אינדערפרי ביי אייך אויף מר. סעט סטענפאָר?

— אויף וויפיל מיר איז באַוווסט, איז ניין.

— אַ דאַנק.

ווען ער האָט אַרויסגערעדט דידאָזיקע ווערטער, האָט ער זיך נאָכאַמאָל פאַרנייגט און, פריילאָזנדיק אַ ביסל זיין פערד, זיך געלאָזט רייטן צו עקסעטער-סטריט.

— איצט. — האָבן אַלע געטענהט — איז שוין קיין שום ספק נישט, אַז דערדאָזיקער אומבאַקאַנטער האָט געהאַט אַן ענין בײַ דזשאָן פּרוטן. פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט געשטעלט די פראַגע, איז קלאָר, אַז ער איז אַליין טאַקע דערזעלבער סעט סטענפאָר, וועלכער איז דער ערשטער אָנגעקומען אויפן אָרט פון דער באַגעגעניש. איצט שטעלט זיך אָבער אַן אַנדער קשיא, פּונקט אַזאַ אינטערעסאַנטע, ווי די ערשטע. צי איז שוין פאַרבײַ די שעה פון דער באַגעגעניש און צי וועט איצט דער רײַטער פאַרלאָזן די שטאָט אויף אייביק?

דער לעזער מעג אונז גלויבן, — מיר זענען דאָך אין אַמעריקע, אַ פאָלק, וואָס איז מער פון אַנדערע פעלקער גענייגט צו געוועטן — אַז מ׳האָט גענומען גיין אין געוועט, צי וועט דער פרעמדער באַלד צוריקקומען, אָדער ער איז אָפּגעפאָרן אויף אייביק.

וואָס אַן אמת, דאָס וועט-געלט פון די האָטעל-דינער און בײַגעריקע דורכגייער האָט באַטראָפן נישט מער ווי אַ האַלבן דאָלאַר און אַפילו ביז פינף-זעקס סענט; פונדעסטוועגן האָבן די פאַרשפּילנדיקע, סאַמע געזעצטע און געאַכפּערטע מענטשן, געמוזט אַוועקגעבן זייער פאַרשפּילט געלט די געווינער.

וואָס שייך דעם ריכטער דזשאָן פּרוט, האָט אים צופרידנגעשטעלט בלויז אַ בליק, געוואָרפן אין דער ריכטונג פון אָפּפּאָרנדיקן רײַטער, וועלכער האָט זײַן פערד פאַרקערעוועט צו דער פאָרשטאָט ווילקאָקס.

דער ריכטער דזשאָן פּרוט איז געווען אַ פילאָזאָף — יאָ, דערדאָזיקער גלענצנדיקער פאָרשטייער פון געריכטס-ווען האָט געהאַט הינטער זיך פופציק יאָר פון חכמה און פילאָזאָפיע, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַליין מער נישט אַלט געווען ווי אַ יאָר פופציק, — מיט אַנדערע ווערטער, ער איז שוין אויף דער וועלט געקומען אַ חכם און אַ פילאָזאָף. מען דאַרף צוגעבן, אַז בלײַבנדיק אַ בחור (וואָס מען מוז אויך אָננעמען פאַר אַ באַווײַז פון זײַן קלוגשאַפט), האָט ער נישט געהאַט קיין שום

דאגות אין לעבן, און דערדאָזיקער מאַנגל, וועט יעדער מודה זיין, פאַרלייכטערט שטאַרק די אויפגאַבע דורכצוזעצן די פילאָזאָפישע אָנשויאונגען אין לעבן. געבוירן אין וואַסטאָן, האָט ער כמעט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן זיין היים־שטאָט; ער איז געווען נישט בלויז באַליבט, נאָר אויך געשעצט דורך זיינע מיטבירגער, וועלכע האָבן געוווּסט, אַז ער זוכט נישט קיין כבוד.

די ערלעכקייט איז געווען זיין וועגווייזער. ער האָט שטענדיק פאַרגעבלעך באַטראַכט יעדע שוואַכקייט און אַפילו פעלער פון זיינע מיטמענטשן. דורכפירן פּראָצעסן, שלום מאַכן צווישן די קעגנערישע צדדים, וואָס פלעגן זיך שטעלן פאַר זיין באַשיידענעם געריכט, באַזייטיקן די סכסוכים און רייבונגען, וואָס זענען אין דער געזעלשאַפטלעכער גרופּירונג אומפאַרמיידלעך, מעג זיין אַפילו אין דער אידעאַלסטער, — אויף אַזאַ אופן האָט ער פאַרשטאַנען זיין שליחות.

דזשאָן פּרוט איז געווען גאַנץ פאַרמעגלעך. פאַרנעמענדיק דעם אַמט פון אַ ריכטער, האָט ער אים אויסגעפירט מיט ליבשאַפט, נישט זוכנדיק קיין העכערע שטעלונגען. ער האָט געזוכט, סיי פאַר זיך, סיי פאַר אַנדערע — רו; גוטע באַציונגען מיט מענטשן האָט ער קודם־כל געהאַלטן פאַר זיין פּערזענלעכן אינטערעס. ער פלעגט גיין פרי שלאָפן און אויך פרי אויפשטיין. ער פלעגט לייענען זיינע באַליבטע מחברים פון אייראָפּע און אַמעריקע, און זיך צופרידנגעשטעלט בלויז מיט איין צייטונג, „וואַסטאָנער נייעס", וואָס האָט געהאַט מער אַנאָנסן, ווי פּאָליטיק. יעדן טאָג פלעגט ער מאַכן אַ שעהדיקן אָדער צוויי־שעהדיקן שפּאַציר, און בשעת־מעשה האָבן די היט פון די דורכגייער אָן אויפהער געאַרבעט, וואָס עס האָט אים געצוווּנגען יעדע דריי חדשים אָפּצופרישן זיין אייגענעם הוט.

חוץ דידאָזיקע שפּאַצירן און דער צייט, וואָס איז געווען געווידמעט זיין אַמטירונג, פלעגט ער נישט פאַרלאָזן זיין באַקוועמע, רויִקע דירה און זיך מיט ליבשאַפט פאַרנעמען מיט דער קולטיווירונג פון זיינע בלומען, וועלכע האָבן אים פאַרגיטיקט

אַלע באַמיִונגען, באַצויבערנדיק אים מיט דער פרישקייט פון זייערע פאַרבן און מיט זייער תענוגלעכן ריח.

נאָך דערדאָזיקער קורצער סקיצע פון דער געשטאַלט פון מר. דזשאָן פרוט און זיין לעבנס-שטייגער, וועלן מיר ערשט פאַרשטיין, פאַרוואָס דער ריכטער האָט זיך נישט איבעריק פאַר-אינטערעסירט מיט דער פראַגע, וועלכע דער אומבאַקאַנטער ריי-טער האָט אים געשטעלט.

ווען יענער זאָל זיך, אָנשטאָט צו אים, ווענדן צו זיין אַלטער דינסט קעט, וואָלט זיין פראַגע געבראַכט גאָר אַן אַנ-דערן רעזולטאַט. קודם-כל וואָלט זי זיך נאָכגעפרעגט, ווער עס איז דערדאָזיקער סעט סטענפאָר; דערנאָך — וואָס זאָל זי ענט-פערן, אויב עמעצער וועט זיך אויף אים נאָכפרעגן. און אפשר וואָלט זיך די חשובע קעט נישט געקענט איינהאַלטן און נייגעריק אַ פרעג געטאָן, צי וועט דער אומבאַקאַנטער נישט קומען נאָכאַ-מאָל פאַר אָדער נאָכמיטאָג צו מר. דזשאָן פרוט.

מר. דזשאָן פרוט וואָלט זיך אָבער קיינמאָל נישט געקענט מוחל זיין אַזאַ נישט-איינגעהאַלטנקייט, וועלכע איז פאַרגעבלעך ביי זיין דינסט און בכלל ביי אַ פרוי. ניין, דער ריכטער דזשאָן פרוט האָט צומאָל נישט באַמערקט, אַז די קעגנוואַרט און שפּע-טער דער אָפּפאָר פונם אומבאַקאַנטן האָבן צוגעצויגן די אויפ-מערקזאַמקייט פון די פּוסטעפּאַסניקעס אין גאַס; ער האָט רויק צוגעמאַכט די טיר און זיך צוריקגעקערט אין גאָרטן, כדי ווי-טער צו באַגיסן די רויזן, איריסן, געראַניע-בלומען און רע-זעדעס.

דער המון האָט זיין ביישפּיל נישט נאָכגעטאָן און איז געבליבן שטיין אין גאַס.

דערווייל איז דער רייטער געפאָרן איבער דער עקסטער-גאַס, וואָס איר עק האָט זיך געפונען הויך איבער דעם מערב-טייל פון וואַסטאָן, ביז צו דער פאַרשטאָט ווילקאָקס, וואָס איז, טאַקע דורך דערדאָזיקער גאַס, געווען פאַרייניקט מיטן צענטער שטאָט.

דאָ האָט ער פאַרהאַלטן זיין פערד און, נישט אַראָפּ־שטייגנדיק, גענומען זיך אַרומקוקן. פון דאַנען האָט מען געקאָנט זען די גאַנצע אומגעגנט, אַ מייל אַרום און אַרום, און פירנדיק דעם בליק איבער דעם געשלענגלטן, דריי־מייליקן וועג, האָט מען געקאָנט זען דאָס שטעטל סטיל, וואָס האָט זיך אויף יענער זייט פּאָטאָמאַק־טייך געצייכנט מיט אירע גלאָקן־טורעמס אויפן הימלראַנד.

אומזיסט האָט אָבער זיין בליק אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דעמדאָזיקן וועג, ער האָט אויף אים קיינעם נישט געזען. אָט אַזוי איז ער געשטאַנען אַ מינוט צען, און זיין אומגעדולד האָט אַרומגעכאַפּט אויך דאָס פערד, וואָס האָט זיך אומרויִק גענומען באַוועגן. לסוף האָט ער אַ צי געטאָן דאָס ציימל און לאַנגזאַם זיך אומגעקערט צו עקסעטער־סטריט, שוין צום פינפטן מאָל.

— סוף־כל־סוף — האָט ער צו זיך גערעדט — איז עס נישט קיין פאַרשפּעטיקונג.. מיר דאַרפן זיך דאָך באַגעגענען זיבן מינוט נאָך צען, און איצט איז ערשט האַלב צען... דער שטח, וואָס טיילט אָפּ וואַסטאָן פון סטיל, איז אַן ערך דרײַזעל־בער, וואָס פון וואַסטאָן ביז בריאַל, פון וואַנען איך בין געקו־מען, און מ׳קען אים דורכמאַכן אין אַ צוואַנציק מינוט... דער וועג איז שיין, דאָס וועטער לויטער, און איך האָב נישט געהערט וועגן קיין טייך־פאַרפלייצונג, וואָס זאָל חרוב מאַכן די בריק... עס איז, אַלזאָ, נישטאָ קיין שום מניעה... אויב זי וועט זיך נישט צושטעלן צו דער באַשטימטער שעה, הייסט עס, אַז אַזוי איז געווען איר ווילן. אַגב, פּינקטלעך זיין הייסט: קומען צו דער צייט, אָבער נישט פאַר דער צייט... אייגנטלעך, בין איך נישט פּינקטלעך, ווייל איך בין געקומען צו פרי, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטשן... דאָס איז אמת, אָבער פון דער צווייטער זייט האָט שוין פּשוט די העפלעכקייט, אויב נישט דאָס געפיל, געפאָדערט, איך זאָל זיך צושטעלן דער ערשטער!

ער האָט אַזוי ווייטער גערעדט צו זיך, פאָרנדיק מיט דער עקסעטער־גאַס באַרג־אַראָפּ, ביז די פערדישע קאָפּיטעס האָבן

ווידער נישט אָנגעקלאַפּט אָן דעם גאַסן-ברוק.

נאַטירלעך, די יעניקע, וואָס האָבן געטענהט, אַז ער וועט צוריקקומען, האָבן געוווּנען.

בעת ער איז פאַרבייגעפאָרן, האָבן אים דעריבער טייל אויפגענומען פריינדלעך, בעת די אַנדערע האָבן געהויבן בלויז מיט די אַקסלען.

לסוף האָט דער שטאָט-זייגער געשלאָגן צען. דער רייטער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, איבערגעציילט די קלעפּ פונעם זייגער און אַרויסנעמענדיק זיין טאַשן-זייגערל, אָנגעשטעלט עס לויטן גרויסן.

זיבן מינוט האָבן געפעלט צו דער שעה פון דער באַגעגעניש.

סעט סטענפאָר האָט זיך צוריקגעקערט צום אויסגאַנג פון דער עקסעטער-גאַס. קענטיק, סיי ער און סיי זיין פערד האָבן זיך ביידע נישט געקאָנט באַהערשן.

אַ צאָלרייכער עולם האָט אָנגעפילט די גאַס. אָבער סעט סטענפאָר האָט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף די, וואָס זענען געגאַנגען גאַס-אַראָפּ, און זיך נישט אומגעקוקט אַפילו אויף די, וואָס זענען געגאַנגען באַרג-אַרויף.

עקסעטער-סטריט איז גענוג לאַנג, אַז כּדי זי דורכצוגיין צו-פוס, מוז מען האָבן אַ צען מינוט צייט, אָבער רייטנדיק, אָדער אויף אַ וואָגן, קאָן מען זי דורכפאָרן אין דריי אָדער פיר מינוט.

דעם רייטער זענען, אַלזאָ, נישט אָנגעגאַנגען די פּוסגייער. ער האָט זיי אַפילו נישט געזען. ווען זיין בעסטער פריינד זאָל דאָ פאַרבייגיין, וואָלט ער אים נישט באַמערקט. ווייל די פּערזאָן, אויף וועלכער ער האָט געוואַרט, האָט געקאָנט קומען אָדער רייטנדיק, אָדער אויף אַ וואָגן.

צי וועט זי קומען צו דער צייט? עס פעלן בלויז דריי מינוט, פּונקט אַזויפיל, וויפיל עס איז נויטיק, כּדי דורכצופאָרן

די עקסעטער-סטריט, — און דאָ זעט מען נישט פונדערווייטן נישט קיין קאַרעטע, נישט קיין מאָטאָציקל, נישט קיין וועלאָסי-פעד אָדער אויטאָ, וואָס וואָלט נאָך, אַ דאַנק זיין שנעלקייט, באַוויזן אָנצוקומען אַהער פאַר דער באַשטימטער צייט.

— אויב זי וועט נישט קומען — האָט ער מיט אַ גלאַנץ אין זיינע אויגן אַרויסגעפּליסטערט — ביז זיבן מינוט נאָך צען, וועל איך מיט איר נישט חתונה האָבן.

גלייך אַן ענטפער אויף זיין דערקלערונג, האָט זיך אויבן דערהערט אַ געקלאַפּעריי פון פערד-טריט. אויף אַ שיינעם פערד, פירנדיק עס מיט זיכערקייט און מיט אַסאַך חן, האָט געגאַלאָפּירט אַ יונגע פרוי. די דורכגייער האָבן געמאַכט אַ וועג, און זי האָט אָן שטערונגען געקענט אָנקומען אויפן פּלאַץ.

סעט סטענפאָר האָט דערקענט אין איר די דערוואַרטעטע פּערזאָן. זיין פּנים איז ווידער געוואָרן רויק. ער האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און זיך אפילו קיין ריר נישט געטאָן. ער האָט אַ צי געטאָן דאָס פערד און איז צוגעפאָרן צום ריכטערס הויז.

דאָס איז געווען געגוג, אַז עס זאָל ווידער צערייצט ווערן די נייגעריקייט פונם עולם, אויף וועלכן דער אומבאַקאַנטער האָט אינגאַנצן קיין אַכט נישט געלייגט.

מיט עטלעכע סעקונדעס שפּעטער איז די רייטערין אָנגע-קומען אויפן פּלאַץ, און דאָס פערד, באַדעקט מיט שוים, האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאָר טריט פאַר דער טיר פונם ריכטערס הויז.

דער אומבאַקאַנטער האָט אַראָפּגענומען דעם הוט און זיך אָנגערופן:

— איך באַגריס מיס אַרקאַדיע וועלקער.

— און איך דעם מר. סעט סטענפאָר—האָט אַרקאַדיע וועל-קער געענטפערט, גריסנדיק זיך מיט חן.

דער לעזער וועט אונז גלויבן, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז דער עולם האָט פשוט קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון דער אומבאַקאַנטער פּאָר און גערעדט צווישן זיך:

— אויב זיי זענען דאָ געקומען צוליב עפּעס אַן ענין, וואָלט גוט געווען, אַז דער ענין זאָל זיך פאַרביידן גינסטיק פאַרענדיקן. דאָס איז דאָך זיכער, ווייל צי איז דען נישט מר. פּרוט אַ געשיקטער מענטש? און אויב ביידע זענען פריי, וואָלט געווען צום בעסטן, זיי זאָלן חתונה האָבן.

אָט אַזוי האָט מען גערעדט און געזוכט פאַרשיידענע השערות.

אָבער נישט סעט סטענפאָר און נישט מיס אַרקאַדיע וועלקער האָבן קיין אַכט נישט געלייגט אויף דערדאָזיקער נייגעריקייט.

סעט סטענפאָר האָט שוין געוואָלט אַראָפּשטייגן פון זיין פערד, כּדי אָנצוקלאַפּן אין טיר, ווען זי האָט זיך מיטאַמאָל געעפנט, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן מר. דזשאָן פּרוט, און הינטער אים — דאָסמאָל די אַלטע דינסט קעט.

זיי האָבן ביידע דערהערט דעם רעש פון די פערד-טריט און האָבן פאַרלאָזן זייערע באַשעפטיקונגען: ער — דעם גאָרטן, זי — די קיך, כּדי אַ קוק צו טאָן, וואָס עס איז געשען.

סעט סטענפאָר איז דעריבער געבליבן זיצן אויפן פערד און, ווענדנדיק זיך צום ריכטער, געזאָגט:

— הער ריכטער דזשאָן פּרוט, איך בין סעט סטענפאָר פון באָסטאָן.

— זייער אָנגענעם אייך צו קענען, מר. סעט סטענפאָר.

— און דאָס איז מיס אַרקאַדיע פון טרענטאָן.

— ס'פרייט מיך זייער צו קענען די מיס אַרקאַדיע וועלקער.

מר. דזשאָן פּרוט האָט פון דעם אומבאַקאַנטן אַריבערגעפירט מיט אינטערעס זיין בליק אויף דער אומבאַקאַנטער.

מיס אַרקאַדיע וועלקער איז געווען אַ ווונדער-שיינע פרוי, און דעריבער וועט אונז דער לעזער זיין דאַנקבאַר, ווען מיר וועלן בקיצור באַשרייבן איר אויסזען. איר עלטער — אַ יאָר פיראונצוואַנציק; די אויגן — העל-בלויע; די האָר — טונקלקאַשטאַן-פאַרביקע; איר הויט — אומגעוויינלעך פריש, עטוואָס אָפּגעברענט פון זון און ווינט, ווייסע, גלייכע ציין; איר וווּקס — עטוואָס העכער פון מיטעלן; די טאַליע — אַ ווונדערבאַרע;

די פיגור — זעלטן עלעגאַנט, בויגעוודיק און גלייכצייטיק נער־וועז. אין דער קליידונג פון אַ רייטערין האָט זי זיך חנעוו־דיק אונטערגעגעבן די באַוועגונגען פונם פערד, וואָס האָט אומ־רויק צוגעטופּעט מיט די פיס, ווי דאָס פערד פון סעט סטענ־פּאָר. אירע הענט אין דינע הענטשקעס האָבן געשיקט געהאַלטן די צוים, און אַ מבין וואָלט אין איר דערקענט אַ מייסטערין פון דער רייט־קונסט. איר גאַנצע פיגור האָט אויסגעדריקט אַן אויסערגעוויינלעכע עלעגאַנץ, אָט דאָסדאָזיקע „עטוואָס אומבאַ־גרייפלעכע" פון די העכערע קלאַסן פון די פּאַרייניקטע שטאַטן, וואָס מ'וואָלט זיי געקענט אָנרופן אַמעריקאַנער אַריסטאָקראַטיע, ווען דערדאָזיקער נאָמען זאָל נישט זיין קיין סתירה צום דע־מאָקראַטישן אינסטינקט פון די איינגעבירגערטע איינוווינער פון אַמעריקע.

מיס אַרקאַדיע וועלקער, געבוירן אין טרענטאָן, האָט נישט געהאַט קיין נאָענטע קרובים און זי איז אַליין געווען די האַרינטע איבער אירע מעשים. אומאָפּהענגיק מאַטעריעל און באַשאָנקען מיטן אַוואַנטוריסטישן גייסט פון די יונגע אַמעריקאַנערינס, האָט זיך געפירט איר לעבנס־שטייגער לויט איר אייגענעם איינזען. באַ־זוכנדיק אין משך פון יאָרן די גרעסטע מדינות פון אייראָפּע, האָט זיך געוווּסט געגנוי, וואָס עס קומט פאָר אין פּאַריז, לאָנ־דאָן, בערלין, ווין אָדער רוים. און וועגן אָט דעם אַלעם, וואָס זי האָט בעת אירע אומאויפהערלעכע נסיעות געזען, האָט זי גע־קענט רעדן מיט פראַנצויזן, דייטשן, ענגלענדער און איטאַליע־נער אין זייער אייגענער שפּראַך. דערצויגן אונטער דעם זאָרג־פולן בליקן פון איר שוין פאַרשטאָרבענעם אַפּוטרופּוס, האָט זי באַקומען גרינטלעכע בילדונג. אַפילו דער געביט פון געשעפט איז איר נישט געווען פרעמד, וואָס זי האָט קלאָר דערוויזן, פאַר־וואַלטנדיק זייער גוט מיט איר אייגענער נחלה.

דאָס, וואָס מיר האָבן געזאָגט וועגן מיס אַרקאַדיע וועל־קער, וואָלט מען פּונקט אַזוי גוט געקענט אָנווענדן אויך צו מר. סעט סטענפּאָר. אויך אומאָפּהענגיק, רייך, פאַרליבט אין רייזעס,

האָט ער אַרומגערייזט די גאַנצע וועלט, ווידמענדיק גאַנץ ווייניק צייט זיין היים-שטאָט באָסטאָן. ווינטער איז ער געווען דער גאַסט פון אייראָפּע און פון אַלע אירע הויפּטשטעט, ווו ער פלעגט אָפטמאָל טרעפן זיין אַוואַנטוריסטישע חברטע. זומער פלעגט ער צוריקקערן אַהיים, אין די באָד-ערטער, ווו עס פלעגן זיך צונויפקומען די פאַמיליעס פון די רייכע יענקיס. און דאָרט פלעגט ער זיך ווידער באַגעגענען מיט מיס אַרקאַדיע וועלקער.

די קעגנזייטיקע סימפּאַטיע האָט אינגיכן דערגענטערט די דאָזיקע צוויי יונגע און מוטיקע מענטשן, וואָס דער גאַסן-המון פון ביידע מינים האָט זיך אַזוי טרעפלעך וועגן זיי אויסגעדריקט, אַז זיי זענען ווי באַשאַפן איינער פאַרן אַנדערן. און באמת, פאַרוואָס זאָלן זיי איינער דער אַנדערער נישט אַנטשפּעכן, ווייבאַלד ביידע זענען פאַרליבט אין רייזעס און ביידע ווילן זיך אַלעמאָל געפינען דאָרט, ווו אַ פּאָליטישע אָדער מיליטערישע געשעעניש ריי צט-אויף די אויפמערקזאַמקייט פונם עולם? מען דאַרף זיך דעריבער נישט חידושן, וואָס מר. סעט סטענפאָר און מיס אַרקאַדיע וועלקער זענען ביסלעכווייז געקומען צום באַשלוס צו פאַרייניקן זייערע ביידע לעבנס, וואָס עס וואָלט, איבעריקנס, נישט אַרויסגערופן קיין שום ענדערונג אין זייערע געוווינהייטן. דאָס וואָלטן שוין נישט געווען קיין צוויי שיפן, וואָס שווימען צוזאַמען, נאָר איין איינציקע, אויסגעצייכנט געבויטע, גוט אויסגעשטייערטע שיף, צוגעגרייט צו ווייטע נסיות איבער אַלע ימים פון דער ערד.

ניין! נישט קיין פּראָצעס אָדער מחלוקת און אויך נישט קיין ענין פון פאַרמעגן האָט אַהערגעבראַכט סעט סטענפאָרן און מיס אַרקאַדיע וועלקער פאַרן הויז פונם היגן ריכטער. ניין! נאָכן דערליידיקן אַלע יורידישע פאָרמאַליטעטן אין די געעריקע אַמטן פון זייער היים-שטאָט, האָבן זיך די צוויי יונגע מענטשן געזעגנט באַגעגענען אין וואַסטאָן דעמזעלבן טאָג, דעם 12-טן מערץ, אין דערדאָזיקער שעה, זיבן מינוט נאָך צען, כדי צו פאַרענדיקן דעם אַקט, וואָס דאַרף זיין דער וויכטיקסטער אַקט אין

מענטשנס לעבן.

נאָכדעם, ווי סעט סטענפאָר און מיס אַרקאַדיע וועלקער האָבן זיך שוין געהאַט פאַרגעשטעלט, האָט מר. דזשאָן פּרוט גע־מוזט פרעגן, וואָס האָט זיי אַהער געבראַכט.

— סעט סטענפאָר וויל ווערן דער מאַן פון מיס אַרקאַדיע וועלקער — האָט איינער פון זיי געזאָגט.

— און מיס אַרקאַדיע וועלקער וויל ווערן די פרוי פון סעט סטענפאָר — האָט צוגעגעבן די צווייטע.

דער ריכטער האָט זיך פאַרנויגט:

— איך בין צו אייער ביידנס דינסט, מר. סטענפאָר און מיס וועלקער.

די יונגע מענטשן האָבן זיך אויך פאַרנויגט.

— ווען וואָלט איר וועלן, מיין הערשאַפט, צוטרעטן צום דאָזיקן אַקט? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

— גלייך... אויב דאָס וועט אייך זיין באַקוועם — האָט סעט סטענפאָר געענטפערט.

— ווייל מיר האָבן בדעה צו פאַרלאָזן וואסטאָן מיטן מאָ־מענט, ווען איך וועל ווערן די פרוי סטענפאָר — האָט מיס אַרקאַדיע וועלקער דערקלערט.

דער ריכטער האָט מיט זיין גאַנצער פיגור אויסגעדריקט, אויף ווי וויט ער גופא און אויך די גאַנצע שטאָט באַדויערן שטאַרק, למאַי זיי קענען נישט פאַרהאַלטן אין וואסטאָן דידאָזי־קע שיינע פּאָר, וואָס איר וויזיט איז פאַר אים אַ כבוד.

ער איז געגאַנגען עטלעכע טריט הינטערווייטלעכטס צו מאַכן אָרט פאַר זיי אַריינצוגיין, און דערביי צוגעגעבן:

— איך בין גרייט אייך צו דינען.

אָבער מר. סעט סטענפאָר האָט אים מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט פאַרהאַלטן.

— צי מוזן מיר אומבאַדינגט אַראָפּגיין פון די פערד?

דער ריכטער האָט אַ ווײַלע געטראַכט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט — מ'קען אויך מאַכן דעם

חתונה-אַקט אַזוי.

עס איז באמת שווער געווען צו געפינען נאָך אַ ריכטער מיט אַזעלכע קליינע פאָדערונגען אַפילו דאָ, אין דער אייגנאַרטיקער אַמעריקאַנער מדינה.

— נאָך איין פראַגע — האָט דער ריכטער געזאָגט — צי ווענען דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן פון געזעץ?

— אַלע — האָט סעט סטענפאָר געענטפערט.

דערביי האָט ער דערלאַנגט דעם ריכטער אַ דאָפּלטע דערלויבעניש אין אַ געעריקער פאָרם, רעדאַגירט דורך די געריכטס־קאַנצעלאַריעס אין באָסטאָן און טרענטאָן, נאָכן אַריינטראָגן דעם געעריקן אָפּצאָל.

מר. דזשאָן פרוט האָט גענומען די פּאַפּירן, אַרויפגעזעצט אויף דער נאָז זיינעברילן אין די גאָלדערנע רעמלעך און אויפמערקזאַם איבערגעלייענט אַלע אַקטן, וואָס זענען געווען אין אָרדענונג און געחתמט דורך דער געעריקער מאַכט.

— די פּאַפּירן זענען אין אָרדענונג — האָט ער געזאָגט — איך בין אייך גרייט אויך אַרויסצוגעבן אַ חתונה-אַקט.

זאָל זיך דער לעזער נישט וווּנדערן, וואָס די צאָל נייגעריקע צוקוקער איז געוואָרן וואָס-אַמאָל גרעסער; אַלע האָבן זיך געשטופּט צו דעם יונגען פּאָר, ווי זיי וואָלטן וועלן זיין די עדות פון אָט דער מערקווירדיקער חופּה, וואָס וואָלט אין יעדער אַנדערער מדינה אויך אויסגעזען לכל-הפּחות אַ ביסל אויסטערליש. מיט זייער נייגעריקייט האָבן זיי אָבער נישט געוואָלט באַליידיקן נישט זיך אַליין, נישט חתן-כּלה.

דער ריכטער איז אַרויף מיט די טרעפּ אויף אַ גאַנעק און מיט אַ הויכער שטים געזאָגט:

— מר. סעט סטענפאָר, צי זענט איר מסכּים צו נעמען מיס אַרקאַדיע וועלקער פאַר אייער ווייב?

— יאָ.

— מיס אַרקאַדיע וועלקער, צי זענט איר מסכּים צו נעמען פאַר אייער מאַן מר. סעט סטענפאָר?

— יאָ.

דער ריכטער האָט זיך עטלעכע רגעס קאָנצענטרירט און מיט דעם ערנסט פון אַ פאָטאָגראַפיסט, ווען ער דאַרף אַרויסזאָגן די באַקאַנטע ווערטער „איך בעט זיין רויק", געזאָגט:

— מר. סעט סטענעפאָר פון באָסטאָן און מיס אַרקאַדיע וועלקער פון טראָנטאָן, אין נאָמען פון געזעץ דערקלער איך, אַז איר זענט מאַן-און-ווייב.

דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט זיך דערלאַנגט די הענט, ווי זיי וואָלטן וועלן דערמיט חתמענען דעם אַקט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן נאָר-וואָס.

דערנאָך האָט יעדער פון זיי דערלאַנגט דעם ריכטער צו פינפהונדערט דאָלאַר.

— האָנאָראַר — האָט מר. סעט סטענעפאָר געזאָגט.

— פאַר אָרעמעלייט—האָט מיס אַרקאַדיע סטענפאָר צוגעגעבן.

דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע פאַרנייגט פאַרן ריכטער און אַ ציי געטאָן די פערד, וואָס האָבן זיי אַוועקגעטראָגן אין דער ריכטונג צו דער פאָרשטאָט ווילקאָקס.

— דאָס איז זייער פיין, זייער פיין — האָט לסוף געזאָגט די דינסט קעט, וועלכע איז פון גרויס איבערראַשונג אַ צען מינוט געשטאַנען אומבאַוועגלעך.

— וואָס זאָגסטו דערצו, קעט? — האָט דער ריכטער געפרעגט.

די אַלטע קעט האָט אָפּגעלאָזט דעם ברעג פון איר פאַרטוך, וועלכן זי האָט די גאַנצע צייט געוויקלט, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער שטריקמאַכער.

— איך מיין, — האָט זי געזאָגט — אַז דידאָזיקע מענטשן זענען געריירט פון זינען, הער ריכטער.

— אוודאַי, מיין חשובע קעט, אוודאַי — האָט מר. דזשאָן פרוט מודה געווען, אומקערנדיק זיך בשעת-מעשה צו זיין וואַסערקענדל. — אָבער וואָס איז דאָ דער חידוש?... אָט די אַלע, וואָס האָבן חתונה, צי זענען זיי נישט אין אַ געוויסער מאָס געריירט פון זינען?

קאַפּיטל צוויי,

וואָס פירט אַריין דעם לעזער אין הויז פון
דעאַן פאָרסיט, באַקענט אים מיט פאָר-
סיטס שוועסטער-זון, פראַנס גאָר-
דאָן, און מיט זיין אַלטער
דינסט מיץ.

— מיץ!... מיץ!...
— וואָס איז, מיין קינד?
— וואָס איז דעם פעטער דעאַן?
— איך ווייס נישט.
— אפשר איז ער קראַנק?
— גיי שוין, גיי! נאָר אַוודאי, אויב עס וועט אזוי דוי-
ערן לענגער, וועט ער זיכער ווערן קראַנק.

דעמדאָזיקן שמועס האָט געפירט אַ דרייאונצוואַנציקיאָ-
ריקער יונגערמאַן מיט אַ פינפאונזעכציקיאָריקער פרוי אינם
עס צימער פון אַ געוויסן הויז אויף עליזאַבעט-סטריט, טאַקע
אין דערזעלבער שטאָט וואַסטאָן, ווו עס איז פאָרגעקומען די
סאַמע אָריגינעלסטע חתונה לויטן אַמעריקאַנישן שטייגער.

דאָסדאָזיקע הויז האָט געהערט צו מר. דעאַן פאָרסיט, אַ
מענטש פון אַ יאָר פינפאונפערציק, וואָס האָט אויך אויסגעזען
אויף זיינע יאָרן. אַ גרויסער צעשויבערטער קאָפּ. קליינע אויגן
הינטער די ברילן, עטוואָס איינגעבויגענע אַקסלען, אַ מעכטי-

קער, דיקער האַלז, אַרומגעבונדן צוויי מאָל, אין יעדן טייל פון יאָר מיט אַ האַלזטוך ביזן קין, אַ ברייט צעקנאָדערט רעקל, אַ לויזע, אַראָפּפאַלנדיקע וועסט, קיינמאָל נישט פאַרקנעפּלט אויף די אונטערשטע קנעפּלעך. צו קורצע הויזן, וואָס האָבן נישט פאַר־דעקט זיינע צו ברייטע פּאַנטאָפל, אַ מיצל מיט אַ פראַנז אויף זיינע גרויל׳עכע, אומזאָרגעוודיקע האָר, אַ פּנים מיט טייזנט קנייטשלעך, פאַרענדיקט מיט אַ בערדל אויפן צפון־אַמעריקאַנישן שטייגער, אַ צערייצטע נאַטור, וואָס האַלט שטענדיק אָט־אָט־אָט ביים ווערן אין כעס — אָט דאָס איז די געשטאַלט פון מיסטער דעאַן פּאָרסיט, וועגן וועלכן זיין שוועסטער־זון פראַנס גאָרדאָן האָט נאָר־וואָס גערעדט מיט דער אַלטער דינערין מיץ אין די פרימאָרגן־שעהן פון 21־טן מערץ.

פראַנס גאָרדאָן, וועלכער האָט אין פריען עלטער פאַר־לאָרן די עלטערן, איז דערצויגן געוואָרן ביי מר. דעאַן פּאָר־סיט, זיין מאַמעס ברודער, נאָך וועלכן ער האָט געדאַרפט ירשע־נען אַ גאַנץ גרויס פאַרמעגן; פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געהאַלטן פאַר פּטור פון יעדער אַרבעט, אין וואָס מר. פּאָרסיט האָט מיט אים מסכים געווען. נאָכן ענדיקן דעם פילאָזאָפישן פאַקולטעט אינם באַרימטן האַרוואַרדער אוניווערזיטעט, איז ער אָנ־געקומען אויפן יורידישן און איז איצט געווען אַן אַדוואָקאַט אין וואַסטאָן, וואָס האָט צום בעסטן פאַרטיידיקט אַלמנות, יתומים און גרענעץ־מויערן. ער האָט אויסגעצייכנט גוט געקאָנט די גע־זעצן און דאָס געריכטס־וועזן און האָט פאַרטיידיקט וואַרעם, מיט אַ גערירטער און אויך רירנדיקער שטים. אַלע זיינע חברים, אַלט און יונג, האָבן אים געשעצט. און ער האָט נישט געהאַט קיין שונאים. זייער אַ ווילער און אויסערלעך סימפּאַטישער, אַן אייגנטימער פון שיינע, קאַשטאַן־פאַרביקע האָר און שוואַרצע אויגן, עלעגאַנטע מאַניערן און פיינעם, נישט בייזווילי׳קן וויץ. דינסט־גרייט אָן איבערגעטריבנקייט און געשיקט אין כלערליי ספּאָרט־קונסטן, וועלכע די אַמעריקאַנער יוגנט גיט־אָפּ אַ סך צייט, — פאַרוואָס זאָל ער נישט געהערן צו די פאָרנעמסטע

יונגעלייט פון דער שטאָט און פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין פאַר-ליבט אין דער וואונדערשיינער דזשעני הודעלסאָן, די טאָכטער פון דאָקטאָר הודעלסאָן און זיין פרוי, געבוירן פלאָרע קלאַריש?...

עס איז נאָך אָבער פריצייטיק אויפמערקזאַם צו מאַכן דעם לעזער אויף אָט דאָס פריילן. עס וועט זיין אָנשטענדיקער, ווען זי וועט אַרויסגיין אויף דער סצענע אין דער געזעלשאַפט פון איר פאַמיליע, און דערדאָזיקער מאָמענט איז נאָך נישט געקו-מען. אינגיכן וועט ער, אגב, אָנקומען. מיר מוזן אָבער ביים אָנטוויקלען דידאָזיקע דערציילונג, וועלכע פאָדערט אומ-געוויינלעכע פינקטלעכקייט, אָנווענדן זייער אַ שטרענגן מעטאָד.

ווען פראַנס גאָרדאָן וועלן מיר צוגעבן, אַז ער האָט גע-וווינט אינם הויז אויף עליזאַבעט-סטריט און אַז ער וועט עס מסתמא נישט פאַרלאָזן, אַחוץ ביזן טאָג פון זיין חתונה מיט מיס דזשעני... מיר וועלן, בכן, צורו לאָזן מיס דזשעני הודעלסאָן דאָרט, ווו זי איז, און דערקלערן בלויז דעם לעזער, אַז די גוטע מיץ איז געווען די פּאַרטרוינגס-פריינדין פון איר האַרס שוועסטער-זון און אַז זי האָט אים ליב געהאַט, ווי אַן אייגן קינד אָדער, בעסער געזאָגט, ווי אירס אַן אייניקל, — ווייל די באָבעס האָבן די איבערהאַנט על-פי-רוב בנוגע מוטערלעכע געפילן.

מיץ, אַ מוסטערהאַפטע דינסט, וועלכע מ׳וואָלט דיינט אומזיסט אַרומגעזוכט, האָט געהערט צו אַ מין, וואָס עקזיסטירט שוין היינט נישט און וואָס קומט אַרויס גלייכצייטיק פון אַ קאַץ און פון אַ הונט: פון אַ קאַץ, ווייל זי איז געווען צוגע-בונדן צו דער שטוב, און פון אַ הונט, ווייל זי איז געווען טריי אירע באַלעבאַטים. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, אַז מיץ איז געווען אין אינטימע, היימישע באַציונגען מיט מר. דעאַן פאָר-ניט. ווען ער איז נישט געווען גערעכט, פלעגט זי עס אָן קונצן זאָגן — וואָס אַן אמת, אין אַ משונהדיקן לשון, וואָס זיין מאָדנע פאַנטאַזיע וועט זיין, אַפילו אומגעפער, שווער איבער-צוגעבן אין אַן אַנדער שפּראַך. אויב ער האָט איר נישט גע-

וואָלט האָרכן, איז אים געבליבן איינס צו טאָן: צו פאַרלאָזן דאָס שלאַכט-פעלד, זיך אומצוקערן צו זיך אין קאַבינעט און זיך צו פאַרשפּאַרן אויף אַ ריגל.

איבעריקנס, מר. דעאַן פאָרסיט האָט נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר איינזאַמקייט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט דאָרט, אין זיין קאַבינעט, געפינען זיין חבר, וועלכער האָט אויך אויפן זעלבן אופן אויסגעמיטן די לערע און שטראָף-רייד פון דער זייער חשובער מיץ.

דערדאָזיקער פאַרשוין, וועלכן מען האָט גערופן אָמיקראָן, האָט דעמדאָזיקן צונאָמען געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין נידעריקן וווּקס; און מען וואָלט אים וואַרשיינלעך גערופן אָמעגאַ, ווען נישט זיין צו קליינער וווּקס.

ווען ער איז אַלט געווען פופצן יאָר, האָט ער געהאַט פיר פוס מיט זעקס צאָל די הויך, און זינט יענער צייט איז ער אינגאַנצן נישט צוגעוואַקסן. זיין אמתער נאָמען איז געווען טאָם ווייף, און אָט אַזאַ איז ער צו פופצן יאָר אָנגעקומען צו מר. פאָרסיטן אין שטוב, נאָך פאַר זיין פאָטערס צייטן, אַלס אַ יונגער באַדינער. איצט איז ער שוין אַלט געווען פופציק יאָר מיט אַ שמיץ, און דער לעזער וועט דערפון אַרויסדרינגען, אַז ער איז שוין אַ יאָר פינפאונדרייסיק געווען דינער ביים פעטער פון פראַנס גאָרדאָן.

עס איז אויך וויכטיק צו וויסן, אין וואָס עס איז באַשטאַנען דידאָזיקע דינסט. זי איז, אַלזאָ, באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט צוגעהאָלפן מר. דעאַן פאָרסיטן אין זיין אַרבעט, וועלכע פלעגט אים באַגייסטערן, נישט ווייניקער ווי זיין באַלעבאָס.

הייסט עס, אַז דעאַן פאָרסיט האָט געאַרבעט?

יאָ, אַלס ליבהאָבער, אָבער מיט וויפיל באַגייסטערונג און ברען, — וועגן דעם וועלן מיר זיך בקרוב דערוויסן.

מיט וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מר. דעאַן פאָרסיט? מיט מעדיצין, רעכט, ליטעראַטור, קונסט אָדער ביזנעס, ווי אַזוי פיל

בירגער פון דער פרייער אַמעריקע?

חלילה.

— מיט וואָס-זשע דען? — וועט איר פרעגן — אפשר וויסנשאַפט?

ניין, נישט געטראָפן. נישט מיט קיין וויסנשאַפט בכלל, נאָר מיט אַ באַשטימטער וויסנשאַפט, וואָס הייסט אַסטראָנאָמיע.

ער האָט אָן אויפהער געטרוימט וועגן אַנטדעקן נייע שטערנס און פּלאַנעטן.

עס איז אים לחלוטין אָדער כמעט לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען דאָס אַלץ, וואָס אויף דער וועלט איז פּאָרגעקומען; ער האָט געלעבט אין אומענדלעכן רוים. אַזאַ איינדרוק האָט ער געמאַכט. פונדעסטוועגן, היות ווי ער האָט אין דעמדאָזיקן רוים נישט געקענט געפינען נישט קיין פרישטיק, נישט קיין מיטאָג, — האָט ער זיך געמוזט פון דאָרט אַראָפּלאָזן לכל-הפחות אַ צוויי מאָל אין טאָג.

נאָר גראָד דעמדאָזיקן פרימאָרגן האָט ער זיך נישט באַוויזן צו דער צייט און געלאָזט אויף זיך וואַרטן; דעריבער טאַקע האָט מיך געבראָמט אומצופרידן, אַרומפּאָרענדיק זיך בשעת-מעשה אַרום טיש.

— צי וועט ער נישט קומען? — האָט זי איבערגעחזרט.

— און אָמיקראָן איז צוזאַמען מיט אים? — האָט פראַנס גאַרדאָן געפרעגט.

— צוזאַמען מיט זיין באַלעבאָס, ווי אַלעמאָל, — האָט די דינסט געענטפערט — נאָר איך האָב שוין קיין פּיס נישט (יאָ, אויף אַזאַ אופן, באמת, האָט זיך אויסגעדריקט די חשובע מיך) צו קריכן צו אים אויפן הינערשלאַק.

דעדאָזיקער הינערשלאַק איז געווען, נישט מער און נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַ טורעם, וואָס זיין פלאַכער שפּיץ האָט געטורעמט אויף אַ צוואַנציק פּיס איבערן דאַך פון הויז; דאָס איז געווען אין פולן זין פון וואָרט אַן אָבסער-

וואַטאָריע. אונטער דער גאַלעריע האָט זיך געפונען אַ רונד צי־מער מיט פיר פענצטער צו אַלע פיר וועלט-זייטן. אינעווייניק זענען אויף פּאָסטומענטן געשטאַנען עטלעכע לונעטעס און טע־לעסקאָפּן פון גאַנץ באַדייטנדיקער גרויס, וואָס זענען כסדר געווען אין דער אַרבעט. מען האָט אפילו געמעגט מורא האָבן, אַז מר. דעאַן פּאָרסיט און אָמיקראָן קענען נאָך פאַרלירן זייער ראיה ביים אומאויפהערלעכן אָבסערווירן דורך די טעלעסקאָפּן.

אין אָט דעם צימער האָבן זיי ביידע פאַרבראַכט דעם גרויסן טייל פון מעת-לעת, טוישנדיק זיך איינער מיטן אַנדערן. זיי האָבן געקוקט, אָנגעשטרענגט די ראיה, געשוועבט אין די רוימען צווישן די פּלאַנעטן, געשטויסן פון דער האָפענונג עפּעס צו אַנטדעקן אַזוינס, וואָס זאָל באַרימט מאַכן דעם נאָמען פון דעאַן פּאָרסיט.

כּל-זמן דער הימל איז געווען ריין, פלעגט זיך עס ווי־עס-איז איינגעבן. צום באַדויערן! דאָס פלעגט פאָרקומען נישט אָפט אין אָט דעם אָרט, ווו עס געפינט זיך דער שטאַט ווירגיניע. כמאַרעליי וואָלקנס, צעקראַכענע, געדיכטע, שנייאיקע, רעגנ־דיקע — האָבן זיי געשטערט אין דער אַרבעט.

נו, האָבן שוין נישט געפעלט קיין טענות און קיין דראָ־ונגען קעגן דעם הימל-געוועלב, אויף וועלכן דער ווינט האָט געפּליקט אויף שטיקער די צאָלרייכע נעפּלען!

דער עיקר האָט מר. פּאָרסיטס געדולד געהאַט ביי צושטיין אַ שווערן נסיון אין די לעצטע טעג פון מערץ. זינט עטלעכע טעג איז דער הימל כּסדר געווען פאַרוואָלקנט, און דאָס ד־האָט דערפּירט דעם אַסטראָנאָם ממש צו פאַרצווייפלונג.

דעמדאָזיקן פרימאָרגן, דעם 21-טן מערץ, האָט אַ שטאַרקער מערב-ווינט געטריבן די וואָלקנס כמעט איבער דער סאַמע ערד, באַדעקנדיק זי בשעת-מעשה מיט פאַרצווייפלט-שוואַרצע כמאַרעס.

— ס'אַראַ שאָד! — האָט שוין צום צענטן מאָל אַ זיפץ געטאָן מר. דעאַן פּאָרסיט, פּרווונדיק צום לעצטן מאָל אַדורכ־דרינגען דעם געדיכטן נעפּל-שלייער. — איך פיל, אַז מיר

מיידן זיך אויס מיט אַן אומגעוויינלעכער אַנטדעקונג.
— דאָס איז זייער ווּאַרשיינלעך, — האָט אַמיקראָן געענטפערט — ווײַל מיט עטלעכע טעג צוריק האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך האָב אויפֿן שטיקל ריינעם הימל דערזען...
— און איך האָב עס טאַקע געזען אויף אַן אמת, אַמיקראָן.
— הייסט עס, אַז ביידע, ביידע גלייכצייטיק!
— אַמיקראָן!... — דהאָט מר. פּאַרסיט זיך אַ בייזער געטאָן.
— יאָ, יאָ, אַוודאי, איר פֿריער — האָט אַמיקראָן מודה געווען, צושאָקלענדיק באַדייטונגספול מיטן קאָפּ — נאָר ווען איך האָב דערזען דידאָזיקע דערשיינונג, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז דאָס מוז זיין... דאָס מוז זיין...
— און איך — האָט מר. דעאַן פּאַרסיט דערקלערט — טענה, אַז דאָס איז געווען אַ מעטעאָר, וואָס איז געגאַנגען פֿון צפֿון צו דרום צו.
— יאָ, מר. דעאַן, גראַד-ווינקלדיק צו דער ריכטונג פֿון דער זון.
— צו איר פּלומרשטער ריכטונג, אַמיקראָן...
— אַוודאי, צו איר פּלומרשטער.
— און דאָס איז פֿאַרגעקומען דעם 16-טן היינטיקן חודש.
— דעם זעכצנטן.
— זיבן אַזייגער, מיט דרייסיק מינוט, מיט צוואַנציק סעקונדעס.
— צוואַנציק סעקונדעס, אַזוי האָב איך טאַקע פֿעסטגעשטעלט אויף אונזער זייגער.
— און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער זיך מער נישט געוויזן! — האָט מר. פּאַרסיט אויסגערופֿן, דראָענדיק דעם הימל מיט דער פֿויסט.
— ווי קען ער טאָן אַזאַ זאַך! דידאָזיקע וואָלקנס... די וואָלקנס... די וואָלקנס! שוין פֿינף טעג, ווי עס איז נישטאָ קיין שטיקל תּכלת אויפֿן הימל, אַפֿילו אויף אַ רפֿואה!

— דאָס איז אַ פאַקט אַ בכיוונדיקער, אַ מין צו־להכעיס, און איך בין איבערצייגט, אַז נאָר מיר טרעפן זיך אַזעלכע זאַכן.

— אונז — האָט פאַרריכט אָמיקראָן, וועלכער האָט זיך געהאַלטן פאַר זיין האַרס אַ מיטאַרבעטער.

וואָס אַן אמת, אַלע איינוווינער פון דער געגנט האָבן געהאַט דאָס רעכט, זיך צו באַקלאָגן אויף די כמאַרעס, וואָס האָבן פאַרפינסטערט דעם הימל. צי עס שיינט די זון, צי נישט, שיינט זי דאָך נישט פאַר אַלעמען.

נאָר הגם דאָסדאָזיקע געזעץ איז געווען אַן אַלגעמיינס, איז קיינעם אויפן רעיון נישט געקומען, חוץ איין מר. פאָרסיט, אַרויסצוווייזן אומצופרידנקייט צוליב אָט דעם נעפל אַרום דער שטאָט, מיט וועלכן ס'האָבן נישט געקאָנט קעמפן אַפילו די מעכטיקסטע טעלעסקאָפן און פולקומענסטע גלעזער. און נעפלען טרעפן זיך אין וואַסטאָן גאַנץ אָפט, נישט געקוקט דערויף, וואָס די שטאָט גופא ליגט ביי די דורכזיכטיקע וואַסערן פון פאָטאָמאַק און נישט ביי די בלאָטיקע וואַסערן פון דער טיימס.

ווי עס זאָל נישט זיין, וואָס האָבן זיי דאָרט דערזען דעם 16־טן מערץ (אָדער ס'האָט זיך זיי אויסגעדוכט), דער באַלעבאָס מיטן דינער, בעת דער הימל איז געווען לויטער?... נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַ מעטעאָר אין דער פאָרם פון אַ קויל, וואָס האָט אומגעהייער שנעל געשוועבט פון צפון צו דרום צו און האָט אַזוי געלויכטן, אַז ער וואָלט געקענט קאָנקורירן בעת אַ וועטלויף מיטן צעזייטן זון־ליכט. נאָר אַזוי־ווי ער איז געווען גאַנץ ווייט פון דער ערד, וואָלט מען אים פונדעסטוועגן געקענט אָבסערווירן, נישט געקוקט אויף זיין שנעלקייט, לפחות אַ געוויסע צייט,—ווען נישט דערדאָזיקער פריצייטיקער נעפל, וואָס האָט זיך זיי געשטעלט אין וועג.

זינט יענעם מאָמענט הויבן זיך אָן אַלע דאגות פון מר. פאָרסיט. צי וועט זיך נאָך דער מעטעאָר באַווייזן אויפן וואַסטאָנער האָריזאָנט? צי וועט מען קענען באַרעכענען זיינע עלעמענטן, באַשטימען זיין אומפאַנג, זיין וואָג, זיין כאַראַקטער?

צי וועט אַ צווייטער אַסטראָנאָם נישט זיין גליקלעכער פון אים און אים נישט אויסכאַפּן דעם מעטעאָר אין אַן אַנדער זייט הימל? צי מעג דעאַן פּאַרסיט, וועלכער האָט אים געזען בלויז אַ קורצע ווײַלע, פֿאַרבינדן זיין נאָמען מיט דערדאָזיקער אַנט-דעקונג? צי וועט סוף-כּל-סוף דערדאָזיקער גרויסער כּבוד נישט טרעפן וועלכן-עס-איז געלערנטן פון אייראָפּע אָדער אַמעריקע, וואָס ווידמען זייערע אַלע טעג און נעכט און גאַנצע עקזיסטענץ דער פאָרשונג פון די הימל-רוימען?

— דאָס זענען ווונדערניקעס! — האָט דעאַן פּאַרסיט גע-שריען — דאָס זענען די ים-רויבער פון דעם הימל-געוועלב!

דעמדאָזיקן פרימאָרגן, דעם 21-טן מערץ, האָבן זייביידע, סיי פּאַרסיט און סיי אָמיקראָן, נישט געקענט פּועלן ביי זיך, נישט געקוקט אויפן אומגינסטיקן וועטער, צו פאַרלאָזן די פענ-סטער פון דער צפון-זייט.

זייער צאָרן איז געוואַקסן מיט יעדער שעה. לסוף האָבן זיי אײַנגאַנצן אויפגעהערט צו רעדן. דעאַן פּאַרסיט האָט מיטן בליק געגנישטערט אינם ברייטן האָריזאָנט, וועלכער איז פון דער זייט געווען אָפּגעשלאָסן דורך דער נישט-גלייכער ליניע פון די סערבאָר-בערגלעך, וואָס איבער זיי האָט אַ גאַנץ שטאַרקער ווינט צעטריבן די מאַסע פון די וואָלקנס.

אָמיקראָן האָט זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער, כּדי צו פאַרגרעסערן זיין זע-שטראַל. איינער פון זיי האָט פאַרלייגט די הענט אויפן בוזעם, פּרעסנדיק די ברוסט מיט די פאַרדריק-טע פויסטן. דער צווייטער האָט מיט צוזאַמענגעקאָרטשעטע פינגער געפּויקט אין דער פענסטער-ברעט.

עטלעכע פייגלען האָבן זיך שנעל אַ הויב געטאָן מיט אַ פלאַפלעריי, ווי זיי וואָלטן געטריבן קאַטאָוועס מיטן באַלעבאָס און מיט זיין דינער. למאַי זיי זענען ביידע צוגעשמידט צו דער ערד-פלאַך... אַך! ווען זיי קענען זיך אַזוי אַ לאָז טאָן נאָך די פייגל און אין עטלעכע שפּרונגען אַדורכפליען דידאָזיקע נעפּל-שיכט, — אפשר וואָלטן זיי דעמאָלט דערזען דעם הימלשן קער-

פער, אַ שוועבנדיקן אינם פאַרבלענדנדיקן שיין פון דער זון!

אין דעם מאָמענט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. דעאַן פּאָרסיט און אָמיקראָן, ביידע פאַרזונקען אין זייערע מחשבות, האָבן דערויף קיין אַכט נישט געלייגט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן פראַנס גאָרדאָן.

דעאַן פּאָרסיט און אָמיקראָן האָבן זיך אַפילו נישט אויסגעדרייט.

דער שוועסטער-זון איז צוגעגאַנגען צום פעטער און האָט אים לייכט אָנגערירט דעם אַקסל.

מר. דעאַן פּאָרסיט האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שוועסטער-זון מיט אַזאַ ווייטן בליק, ווי ער וואָלט זיך אַצינד אומגעקערט פון סיריוס אָדער לכל-הפּחות פון דער לבנה.

— וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

— פעטער, דער פרישטיק שטייט אויפן טיש. מיר וואַרטן.

—אַך, אמת — האָט מר. פּאָרסיט געזאָגט — איר וואַרט? מיר וואַרטן אויך.

— אויף וואָס וואַרט איר?

— אויף דער זון — האָט אָמיקראָן דערקלערט, און די ווערטער פונם דינער האָט מיטן קאָפּ באַשטעטיקט דער באַלעבאָס.

— אָבער פעטער, איך האַלט, אַז דו האָסט דאָך נישט איינגעלאַדן די זון צום פרישטיק, און מיר קענען אָפּעסן אָן איר.

וואָס זאָל ער ענטפערן דערויף? אויב דער שטראַלנדיקער הימל-קערפּער וועט זיך נישט ווייזן דעם גאַנצן טאָג, וועט מר. פּאָרסיט פּאַסטן ביזן אָוונט?

— ווער ווייס?... וואָרן דעם אַסטראָנאָמס געשטאַלט האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ווילן צופרידנצושטעלן דעם בחור.

— פעטער — איז פראַנס צוגעשטאַנען — מיך איז אומגעדולדיק, איך וואָרן דיך.

מר. דעאַן פּאָרסים איז מיטאַמאָל ניכטער געוואָרן. ער

האָט גוט געוווּסט, וואָס עס באַדייט די אומגעדולדיקייט פון דער גוטער מיץ. און אַזוי-ווי זי האָט געשיקט אַ שליח, הייסט עס, אַז דער ענין איז אַ וויכטיקער, און מען דאַרף תּיכּף אַראָפּגיין.

— וויפיל איז דער זייגער? — האָט ער געפרעגט.

— זעקסאונפערציק מינוט אויף צוועלף — האָט פראַנס גאָרדאָן געענטפערט.

די צייט פון פרישטיק איז שוין ווירקלעך געהאַט אַריבער, ווייל אַלעמאָל פלעגן זיך דער פעטער מיטן פלימעניק פונקט עלף אַזייגער זעצן איינער קעגן דעם אַנדערן צום טיש.

— זעקסאונפערציק מינוט אויף צוועלף! — האָט מר. דעאַן פאָרסיט אויסגערופן, כלומרשט אומצופרידן, כדי צו פאַר-באָרגן זיין אומרויִקייט — ווי האָט מיץ געקענט זיין אַזוי אום-פּינקטלעך!

— אָבער פעטער, — האָט פראַנס געזאָגט — מיר קלאַפּן שוין צום דריטן מאָל אָן אַן ענטפער אין דיין טיר.

מר. פאָרסיט איז אָן איין וואָרט אַראָפּ פון די טרעפּ, און אַמיקראָן, וועלכער פלעגט שטענדיק דערלאַנגען צום טיש, איז געבליבן וואַרטן אויף דער זון.

דער פעטער מיט זיין שוועסטער-זון זענען אַריין אין זאַל.

מיץ האָט אַ קוק געטאָן איר באַלעבאָס גלייך אין די אויגן אַריין. יענער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— און אַ מי ק ר אָ ן?... — האָט זי געפרעגט, ווייל מיץ האָט, אין איר נאַיִוויטעט, אַזוי גערופן דעם פינפטן וואָקאַל פון דעם גריכישן אַלף-בית.

— ער איז פאַרנומען אויבן — האָט פראַנס גאָרדאָן גע-ענטפערט — מיר וועלן זיך היינט באַגיין אָן אים.

— מיט פאַרגעניגן — האָט מיץ ברוגז דערקלערט — ער מעג זיך דאָרט בלייבן, אין זיין ס ע ר וו אַ ט אָ ר י ע, וויפיל ער וויל. עס וועט זיין בעסער אָן דעמדאָזיקן ערשטקלאַסיקן שמאָדער.

דער פרישטיק האָט זיך אָנגעהויבן. די מיילער האָבן זיך

געעפּנט נאָר צום עסן. מיך, וועלכע איז שטענדיק בעתן באַדי-נען געווען באַרעדעוודיק, האָט איצט געשוויגן. דידאָזיקע שוויי-געניש האָט געדריקט, און די אָנגעשטרענגטע שטימונג האָט זשענירט.

פּראַנס גאָרדאָן האָט עס געוואָלט איבעררייסן און האָט זיך געווענדט צו זיין פעטער מיט דער ערשטער-בעסטער פראַגע:

— ביסט צופרידן, פעטער, פונם היינטיקן פרימאָרגן?

— ניין, — האָט דעאַן פּאָרסיט געענטפערט — דער הימל איז נישט גינסטיק, און אָט דער סיורפּריז האָט מיר היינט פּשוט געקאָסט געזונט.

— צי ביסטו אויפן שפור פון אַן אַסטראָנאָמישער אַנט-דעקונג?

— דאַכט זיך, אַז יאָ, פראַנס — אָבער זאָגן אויף זיכער קען איך נישט, כּל-זמן די נייע אויספאָרשונג...

— דאָס איז עס, הייסט עס! — האָט אים מיך ברוגזלעך איבערגעשלאָגן די רייד — אָט דאָס גריזשעט עס אייך שוין אַכט טעג אויף אַזוי ווייט, אַז איר וואַקסט-צו צום טורעם און שטייט-אויף אינמיטן דער נאַכט... יאָ, יאָ, דריי מאָל היינטיקע נאַכט, איך האָב עס גוט געהערט, ווייל איך בין נאָך, אַ דאַנק גאָט, נישט משוגע געוואָרן דערווייל! — האָט זי צוגעגעבן, ווי אַ מין ענטפער אויף דער באַוועגונג פונם באַלעבאָס און כּדי צו ווייזן, אַז זי איז נאָך נישט טויב.

— באמת, מיין גוטע מיך — האָט מר. פּאָרסיט מיט אַן איינגעמענדיקן טאָן מודה געווען — פּאַרפּאַלן!

— אַן אַ ס ט ר אָ נ אָ מ י ש ע אַנטדעקונג! — האָט די חשובע דינסט מיט אויפרעגונג נישט אויפגעהערט צו שיטן פעך און שוועבל. — ווען איר זאָלט אַפילו א ו י ס ט ר י נ ק ע ן א י י ע ר ב ל ו ט דורך דידאָזיקע רערן, ווען איר זאָלט אַפילו באַקומען ברעכעניש אין די ביינער, ווען איר זאָלט זיך איינרייסן אָדער באַקומען אַ לונגען-אָנצינדונג, וואָלט עס נאָך אַלץ גוט געווען! אפשר וועלן קומען די שטערנס אייך פלעגן? אָדער אפשר וועט

אייך דער דאָקטאָר הייסן, איר זאָלט זיי אַראָפּשלינגען אין פּילן?

מר. פּאָרסיט האָט געזען, ווי דער שמועס גייט אַוועק, און ער האָט באַשלאָסן נישט צו ענטפערן. ער האָט שווייגנדיק געגעסן, אָבער אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט עטלעכע מאָל אַ נעם געטאָן אַ גלאָז אָנשטאָט אַ טעלער און פאַרקערט.

פראַנס גאָרדאָן האָט זיך באַמיט אונטערצוהאַלטן דעם שמועס, אָבער אומזיסט, ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומען אין אַ מדבר. דער פּעטער איז געווען פאַרצאָגט און האָט נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים. לסוף האָט ער גענומען רעדן וועגן וועטער.

אַ דאַנקבאַרע טעמע, בעת עס פעלט-אויס אַן אַנדערע. אַן אויסגעשעפּטע טעמע, וואָס איז צוטריטלעך פאַר יעדן מוח. אייבעריקנס, איז דערדאָזיקער אַטמאָספערישער ענין שטאַרק אָנגעגאַנגען מר. דעאַן פּאָרסיט, דעריבער, ווען אין אַ געוויסן מאָמענט איז אין עס-צימער, צוליב די געדיכטע כמאַרעס, געוואָרן זייער פינסטער, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן צום פענסטער צו און, אַ וואָרף טוענדיק אין אַ דערדריקטער שטימונג דעם גאָפּל, אויסגערופן:

— צי וועלן שוין דידאָזיקע פאַרשאָלטענע וואָלקנס נישט פאַרלאָזן מער דעם הימל אָפּילו פאַרן רעגנס וועגן?

— אמת, נאָך דריי וואָכן פון אַזאַ טריקעניש וואָלט עס נישט געווען קיין איבעריקע זאַך פאַר דעם באָדן.

— באָדן!... ערד!... — האָט מר. דעאַן פּאָרסיט אַרויסגעפּליסטערט מיט אַזוי פיל פאַראַכטונג, אַז ער האָט זיך דערוואָרט אַזאַ מין ענטפער:

— יאָ, מיין האַר, די ערד. מיר דאַכט זיך, אַז זי איז נאָך ווערט דעם הימל, פון וועלכן איר ווילט קיינמאָל נישט אַראָפּקומען, אָפּילו אויף פרישטיק נישט!

— אָבער, מיין גוטע מיץ... — האָט פראַנס מיט אַ חניפהדיקער שטים געזאָגט.

די באַמיונגען זענען געווען אַ ברכה-לבטלה. מיץ איז נישט

גע־יען געשטימט זיך איבערצובעטן.

— איך דאַרף נישט אייערע „מיין גוטע מיץ" — האָט זי־ ווייטער גערעדט מיטן זעלבן טאָן — עס לוינט נישט צו שוויצן, קוקנדיק אויפן שטערן, אויב מען ווייס אפילו נישט, אַז אין פרילינג פאַלט רעגן. אויב ער וועט נישט פאַלן פרילינג-צייט, טאָ ווען-זשע וועט ער פאַלן, פרעג איך, אַ?

— פעטער, — האָט דער פלימעניק באַשטעטיקט — עס איז דאָך טאַקע ערשט מערץ, אָנהויב פרילינג, מען מוז דער־מיט שלום מאַכן!... אָבער אינגיכן וועט קומען דער זומער, און דער הימל וועט זיין ריין. וועסט האָבן גינסטיקע אַרבעט-באַ־דינגונגען, נאָר אַביסל געדולד, פעטער!

— געדולד, זאָגסטו? — האָט מר. דעאַן פּאָרסיט געענט־פערט, און זיין שטערן איז בעת־מעשה געוואָרן פאַרוואָלקנט, ווי דער האָריזאָנט — געדולד! און אויב ער וועט זיך אויף אַזוי פיל דערוויטערן, אַז מ'וועט אים שוין נישט קענען זען?... און אויב ער וועט זיך שוין מער נישט ווייזן ביים האָריזאָנט?...

— ער? — האָט מיץ באַכגעזאָגט — וועלכער „ער"?

אין דעם מאָמענט האָט זיך געלאָזט הערן אָמיקראָנס שטים:

— קומט גיכער, פאַניע!

— נייעס! — האָט מר. דעאַן פּאָרסיט אויסגעשריען, אָפּ־רוקנדיק האַסטיק דעם שטול און לויפנדיק צו דער טיר.

ער איז נאָך נישט צוגעקומען צו דער טיר, ווען אַ העַ־לער זון-שטראַל האָט באַלויכטן דאָס צימער, אָפּשפּיגלענדיק זיך מיט גלאַנציקע פונקען אין די גלעזער און פלעשער אויפן טיש.

— זון!... זון!... — האָט איבערגעחזרט מר. פּאָרסיט, איי־ליק לויפנדיק איבער די טרעפּ.

— און גאָט לאָזט עס אַזוי טאָן! — האָט מיץ געזאָגט, זיך צוזעצנדיק. — אָט איז ער אַוועק, און ווי-נאָר ער וועט זיך פאַרשפאַרן אויפן ריגל מיט זיין אַ מ י ק ר אָ ן אין דער ס ע ר וו אַ ט אָ ר י ע, מעג מען אים רופן, ווי די נעכטיקע טעג.

פרישטיק וועט אים ברענגען אַ רוח פון הימל... און דאָס אַלץ צוליב די שטערנס?...

אויף אַזאַ אופן האָט די חשובע מיק אויף איר פיינעם לשון אויסגעדריקט איר אויפרעגונג. עס איז נישטאָ, וואָס צו באַדויערן, למאַי אַזאַ שיינע רעדע איז פאַרלאָרן נעגאַנגען פאַרן מר. פאָרסיט, וועלכער איז אַ פאַרסאַפּעטער אַרויפגעלאָפן אין זיין אָבסערוואַטאָריע.

דער דרום-מערב-ווינט האָט אַוועקגעטריבן די וואָלקנס צום מזרח. אַ טייל הימל, ביזן זעניט, ווו דער מעטעאָר האָט זיך דעמאָלט געהאַט באַוויזן, איז געווען ריין. דאָס צימער איז גע-ווען פול מיט זון.

— נו?... — האָט מר. דעאַן פאָרסיט געפרעגט — וואָס איז אַזוינס?

— זון, — האָט אָמיקראָן געענטפערט — אָבער נישט אויף לאַנג, ווייל אויפן מערב ווייזן זיך ווידער וואָלקנס.

— מען טאָר קיין מינוט נישט פאַרלירן! — האָט מר. דעאַן פאָרסיט אויסגערופן, אָנשטעלנדיק די לאָרנעטע, בעת דער דינער האָט אָנגעשטעלט דעם טעלעסקאָפּ.

מיט וואָס פאַר אַ פיבער זיי האָבן עס אַן ערך פון פער-ציק מינוט אָנגעשטעלט זייערע מכשירים! מיט וויפיל געדולד זיי האָבן געדרייט די שרויף, כדי אויפצוהאַלטן דאָס זע-פעלד! מיט וויפיל קליינלעכער אויפמערקזאַמקייט זיי האָבן געגישטערט אין אַלע ווינקעלעך און באַהעלטענישן פון אָט דעם טייל פונם הימל-געוועלב!... אָט דאָ טאַקע, אונטער דעם ווינקל, אויף רעכטס, האָט זיך צו זיי באַוויזן צום ערשטן מאָל דער מעטעאָר, כדי דערנאָך אַריבערצוגיין העכער, איבערן זעניט! אין דעם זענען זיי געווען זיכער.

און איצט איז אויף דעם אָרט גאָרנישט, גאָרנישט נישטאָ! אָט דאָס גאַנצע שטיקל הימל, וואָס פּאַסט אַזוי פיין אויף אַ שפּאַציר-אָרט פאַר מעטעאָרן, איז געווען ליידיק! קיין שום סימן נישט!

— גאָרנישט — האָט מר. דעאַן פּאָרסיט געזאָגט, אויס־ווישנדיק די אויגן, וואָס זענען אים אָנגעלאָפן מיט בלוט.

— גאָרנישט! — האָט אָמיקראָן אָפּגעזיפצט, ווי אַ טרויעריקער עכאָ.

עס איז שוין געווען צו שפּעט אָנצוהויבן פונדאַסניי די אַרבעט. די וואָלקנס האָבן זיך ווידער באַוויזן, דער הימל האָט זיך ווידער פאַרוואָלקנט. דאָס לויטערע שטיק הימל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, שוין אויפן גאַנצן טאָג. אינגיכן האָט זיך דער נעפּל פאַרוואַנדלט אין אַן איינטאָניקע שמוציק-גרויע מאַסע, און אַ דריבנער רעגן האָט גענומען טריפן. מ׳האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון די ווייטערדיקע פאָרשונגען, צו דער גרויסער פאַרצווייפלונג פונם באַלעבאָס און זיין דינער.

— און פונדעסטוועגן — האָט אָמיקראָן געזאָגט — זענען מיר זיכער אין אונזערס.

— צי מיר זענען זיכער! — האָט אויסגערופן מר. דעאַן פּאָרסיט, אויפהויבנדיק די הענט צום הימל.

און מיט אַ שטים, אין וועלכער די אומרו האָט זיך אויסגעמישט מיט קנאה, האָט ער צוגעגעבן:

— מיר זענען אין דעם גענוג זיכער, שוין אפילו צו שטאַרק, ווייל אויך אַנדערע האָבן דאָך אים געקאָנט זען... ווען מיר זאָלן קענען זיין די איינציקע!... עס פעלט מיר נישט מער, נאָר אַז דאָס זאָל האָבן געזען אויך דערדאָזיקער... ער, סידניי הודעלסאָן!

קאַפּיטל דריי.

אין וועלכן עס ווערט דערציילט וועגן דעם דאָקטאָר סידניי הודעלסאָן, וועגן זיין ווייב, מיס פלאָרא הודעלסאָן, און וועגן זייערע צוויי טעכטער, מיס דזשעני און מיס לו.

— דערדאָזיקער אינטריגאַנט פאָרסיט זאָל אים נאָר אויך נישט האָבן באַמערקט!

אַזוי האָט געטענהט צו זיך דער דאָקטאָר סידניי הודעלסאָן אין דער שטילקייט פון זיין קאַבינעט, אין יענעם אומפאַרגעס-לעכן פרימאָרגן, דעם 21-טן מערץ.

ער איז באמת געווען אַ דאָקטאָר, אָבער נישט פּראַקטי-צירט אין וואַסטאָן, כדי זיין גאַנצע צייט און זיינע פעיִקייטן צו ווידמען אַ ברייטערן און העכערן געביט. לעבנדיק אין פריינדשאַפטלעכע באַציונגען מיט מר. דעאַן פאָרסיט, איז ער איינצייטיק אויך געווען זיין קאָנקורענט. געפּענטעט פון דערזעל-בער ליידנשאַפט, האָט ער זיין גאַנצע עקזיסטענץ קאָנצענטרירט אין די הימל-רוימען און, פּונקט ווי זיין פריינד, געווידמעט זיין אינטעלעקט דער פאָרשונג פון די אַסטראָנאָמישע רעטענישן אינם אוניווערסום.

דאָקטאָר הודעלסאָן האָט פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקע נחלה, וועלכע ער האָט געהאַט צו פאַרדאַנקען זיך אַליין און אויך זיין ווייב, דער געבוירענער פלאָרע קלאַריש.

דידאָזיקע נחלה, וועלכע איז געווען שטאַרק אָפּגעהיט און אָנגעפירט פון גוטע באַלעבאַטים, האָט אים פאַרזיכערט זיין צו-קונפט, ווי אויך די צוקונפט פון זיינע צוויי טעכטער, דזשעני און לו, אַכצן און פערצן יאָר אַלט.

וואָס שייך דער עלטער פונם דאָקטאָר גופא, איז אויב מ'זאָל זיך אויסדריקן ליטעראַריש, איז כדאי צו זאָגן, אַז דער זיבנאונפערציקסטער ווינטער פון זיין לעבן האָט מיט ווייסן שניי באַשאָטן זיינע האָר.

דערדאָזיקער באַחנטער משל איז אָבער נישט אויפן אָרט דערפאַר, ווייל דאָקטאָר הודעלסאָן איז געווען אַזוי פליכטוואַטע, אַז אַפילו דאָס גאָל-מעסער פונם געשיקטסטן פיגאַראָ וואָלט נישט בכוח געווען מיט אים צו קאָנקורירן.

די באַהאַלטענע קאָנקורענץ צווישן סידניי הודעלסאָן און דעאַן פאָרסיט איז אָבער נישט געבליבן אָן איינפלוס אויף דער קעגנזייטיקער באַציִונג פון ביידע משפחות, וואָס זענען ביז דע-מאָלט געווען געקניפּט און געבונדן. אוודאי וואָלטן זיי זיך נישט געאַמפּערט צוליב אַ פּלאַנעט, שטערן אָדער בכלל צוליב די הימ-לישע קערפּער, וואָס זייערע ערשטע אַנטדעקער בלייבן שטענדיק אומבאַקאַנט און וואָס געהערן אין אַ געוויסער מאָס צו אַלעמען, אָפּטמאָל אָבער פלעגן זיך זייערע שמועסן מכוח זייערע אייגענע מעטעאָראָלאָגישע אָדער אַסטראָנאָמישע באַאָבאַכטונגען פאַרענדיקן מיט אַ שאַרפן וויכוח, וואָס פלעגט זיך ס'רוב מאָל פאַרוואַנדלען אין אַ מחלוקת.

עס איז קיין ספק נישט, אַז ווען עס וואָלט עקזיסטירט אויף דער וועלט אַזאַ פאַרשווינטע, ווי מאַדאַם פאָרסיט, וואָלטן דידאָזיקע אַמפּערנישן נאָך שאַרפער געוואָרן, און עס וואָלט אויך געקומען מסתמא נישט איינמאָל צו טרויעריקע סצענעס. צום גליק אָבער, האָט דידאָזיקע מאַדאַם נישט עקזיסטירט, ווייל דער יעניקער, וועלכער וואָלט על-פי שכל געדאַרפט זיין איר מאַן, איז געבליבן אַ בחור, און דערצו נאָך אַ בחור, וואָס אים איז אין דער לינקער פאה נישט געלעגן, אַפילו אין חלום, ווען-עס-

איז חתונה צו האָבן. מיט איין וואָרט, עס האָט, צום גליק, נישט עקזיסטירט די פרוי פון דעאַן פּאָרסיט, וואָס וואָלט אַוודאי גע-פּרוּווט מאַכן שלום און דערמיט פאַרשאַרפט דעם ענין ביז צו אַזאַ מדרגה, אַז יעטוועדער אופן פון שלום צווישן די צוויי אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער וואָלט געווען אַן אויסגעשלאָסענע זאַך.

אמת, עס האָט דאָך עקזיסטירט די פרוי פלאָרע הודעל-סאָן, אָבער מרס. פלאָרע הודעלסאָן איז געווען אַ מוסטערהאַפט ווייב, אַ מוסטערהאַפטע מוטער, אַ מוסטערהאַפטעווירטין, אַ רויִקע פרוי, וואָס איז נישט מסוגל געווען עמעצן צו באַעוולהן, און פלעגט נישט צופראַווען איר פרישטיק מיט רכילות אָדער איר מיטאָג מיט פאַרשווארצונג לויטן שטייגער פון אַזויפיל העכסט-חשובע דאַמען פון פאַרשידענע געזעלשאַפטן אין אייראָפּע אָדער אַמעריקע.

אַ מערקווירדיקע דערשיינונג: דערדאָזיקער מוסטער פון ווייבערשן מין האָט זיך באַמיט צו באַרויקן דעם מאַן, ווען דער לעצטער פלעגט קומען אַ צעקאָכטער נאָך אַ וויכוח מיט זיין אַלטן פריינד, דעאַן פּאָרסיט.

מערקווירדיק איז אויך דער פאַקט, וואָס מרס. הודעלסאָן האָט געהאַלטן פאַר נאַטירלעך, למאַי מר. הודעלסאָן פאַרנעמט זיך מיט אַסטראָנאָמיע און וואָס ער דרינגט אַריין אין די טיפענישן פונם הימל-געוועלב, — אָבער מיטן תנאי, אַז ווען זי וועט אים בעטן אַראָפּצונידערן, וועט ער עס גלייך טאָן. אין קעגנזאַץ צו מיץ, האָט זי קיינמאָל איר מאַן נישט אויפגערייצט. זי פלעגט געדולדיק וואַרטן אויף אים אין יענע שעהן, וואָס זענען געווען באַשטימט צום עסן. זי פלעגט נישט שעלטן, ווען ער האָט פאַר-שפּעטיקט, נאָר זיך באַמיט, אַז דאָס עסן זאָל נאָך זיין גענוג וואַרעם, ווען ער וועט קומען.

זי האָט געשעצט זיינע דאַגות, ווען ער איז געווען פאַר-טיפט אין זיינע מחשבות. זי האָט זיך אַפילו אינטערעסירט מיט זיין אַרבעט און אַפילו אים צוגעגעבן מוט מיט אַ גוט וואָרט, וואָס איז איר געפלאָסן פון טיפן האַרצן, בעת דער אַסטראָנאָם

האָט זיך געפּילט פאַרלוירן אין זיינע אומפּרוכטבאַרע זוכעניש איבער די אומענדלעכע רוימען.

אָט דאָס איז אַ ווייב, וואָס מיר ווינטשן אַלע מענער, בפרט אויב זיי זענען אַסטראָנאָמען. ליידער! אַזעלכע קאָן מען געפינען נאָר אין די מעשה-ביכלעך.

דזשעני, די עלטערע טאָכטער, איז געגאַנגען, משמעות, אין איר מאַמעס וועגן. דעריבער טאַקע האָט פראַנס גאָרדאָנען, דעם קינפּטיקן מאַן פון דזשעני הודעלסאָן, געמוזט טרעפן אין דער צוקונפט אַ גרויס גליק.

אָן שום באַליידיקונג פאַר אַלע אַמעריקאַנער מיידלעך, מוזן מיר דאָך זאָגן, אַז אין גאַנץ אַמעריקע איז שווער געווען צו געפינען נאָך אַזאַ באַחנט, רייצנדיק מיידל מיט אַזויפיל מענטשלעכע מעלות.

דזשעני הודעלסאָן איז געווען אַ שיינע בלאָנדינע מיט בלויע אויגן, מיט אַ שיינער הויט, שיינע הענט, שלאַנקע פיס און פי־גור, — אַ מיידל, וואָס איז געווען פונקט אַזוי באַחנט, ווי באַשיידן, און פונקט אַזוי גוט, ווי קלוג. דעריבער טאַקע האָט זי פראַנס גאָרדאָן אַזוי שטאַרק געשעצט, און זי אים אויך. און אַזוי-ווי די גאַנצע פאַמיליע הודעלסאָן האָט אים אויך זייער געשעצט, האָט אים די קעגנזייטיקע סימפּאַטיע געגעבן דעם מוט צו בעטן איר האַנט, אויף וואָס ער האָט באַקומען זייער אַ פריינדלעכן ענטפער.

די יונגע מענטשן זענען געווען ווי צוגעפּאַסט איינער פאַרן צווייטן.

דזשעני, באַשאָנקען מיט אַזויפיל פאַמיליע-מעלות, האָט געדאַרפט ברענגען גליק דעם פאַמיליע-ווינקל. פראַנס האָט דעם הויז געקאָנט פאַרזיכערן זיין מאַטעריעלע עקזיסטענץ, ווי דער קינפּטיקער יורש פון זיין פעטער. נאָר לאָמיר נישט כאַפּן די צוקונפט, ווייל אויך די קעגנוואַרט איז געווען פאַר זיי אַ גליקלעכע.

פראַנס גאָרדאָן איז, אַלזאָ, דער חתן פון דזשעני הודעל־

סאָן, און זי איז זיין כּלה. אינגיכן וועלן זיי חתונה האָבן. די חתונה-צערעמאָניע וועט דורכפירן דער ערווירדיקער אָ׳גאַרט אין דער סען-אַנדריי-קירך, די הויפּט-קירך פון דערדאָזיקער גליקלעכער שטאָט וואַסטאָן.

איר מעגט זיין זיכער, אַז די קירך וועט זיין איבערפול, ווייל דידאָזיקע צוויי משפחות זענען זייער באַליבט און גע-שעצט; און איר מעגט אויך זיין זיכער, אַז די פרייליכסטע, לעבעדיקסטע און די גרעסטע שטיפערקע וועט דעמדאָזיקן טאָג זיין די ווילינקע לו, וועלכע וועט זיין די אונטערפירערקע פון איר געליבטער שוועסטער.

לו איז נאָך נישט אַלט קיין פופצן יאָר און זי האָט דאָס רעכט צו זיין שטיפעריש, און איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז איר וועט פון דעמדאָזיקן רעכט אירן געניסן. פון פיזישן שטאַנד-פונקט איז זי בכלל אייביק אין באַוועגונג, און פון עטישן — אַ שטיפערקע, וואָס שרעקט זיך נישט אָפּ פאַר קיין שום שטי-פערייען, לאָז זיין אַפילו אויפן חשבון פון „איר פאָטערס פּלאַ-נעטן״! אָבער אַלץ איז מען איר מוחל. צום מערסטן איז איר מוחל דאָקטאָר הודעלסאָן גופא, און אַלס שטראָף גיט ער איר אַ קוש אין איר פרישן בעקל.

אין פלוג איז מר. הודעלסאָן געווען אַן אָרנטלעכער, גוי-טער מענטש, אָבער אַ גרויסער עקשן. חוץ לו, האָבן זיך אַלע גערעכנט מיט זיינע משוגעתן און געוויינהייטן. שטאַרק באַ-גייסטערט פון זיינע אַסטראָנאָמיש-מעטעאָראָלאָגישע פאָרשונגען, איז געווען שרעקלעך פאַרביסן אין זיינע השערות, אייפערזיכ-טיק צוליב כּלערליי אמתע אָדער כּלומרשטע אַנטדעקונגען און גלייכצייטיק — אַן איבערגעגעבענער פריינד פון דעם פאַר-סיט און זיין שרעקלעכסטער קאָנקורענט. צוויי יעגער אויף איין פעלד, און ביידע יאָגן זיך נאָך איין חיה! אָפטמאָל פלעגט דער-פון אַרויסקומען אַ קאַלטקייט, וואָס וואָלט זיך געענדיקט מיט מחלוקת, ווען נישט די פאַרמיטלונג פון דער גוטער פרוי הו-דעלסאָן און די וויכטיקע מיטהילף פון אירע ביידע טעכטער

צוזאַמען מיט פראַנס גאָרדאָן.

דערדאָזיקער האַרמאָנישער קוואַרטעט האָט געלעבט מיט גרויס האָפנונג, אַז סוף-כּל-סוף וועלן די מחלוקתן אויפהערן, אַ דאַנק דעם בונד פון דער יונגער פּאָר, וואָס וועט ענגער פאַר-קניפּן די צוויי פאַמיליעס און וועט אָפּשוואַכן די צאָל און די קראַפט פון דידאָזיקע אָפטע פאַמיליע-שטורעמס. ווער ווייס, צי וועלן זיך גאָר ביידע אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער, געאייניקט מיט זייער שותּפותדיקער אַרבעט נישט דערלאַנגען די הענט אויך אויפן געביט פון זייערע אַסטראָנאָמישע אַרבעטן? זיי וואָלטן זיך דעמאָלט געטיילט מיט דערדאָזיקער חיה, וואָס אויב זי וואָלט נישט געווען קיין געפאַנגענע, וואָלט זי יעדנפאַלס גע-געווען אַן אַנטדעקטע אויף די אומגעהייערע פעלדער פונם הימל-רוים.

דאָס הויז פון דאָקטאָר הודעלסאָן איז געווען איינס פון די סאַמע עלעגאַנטסטע. אומזיעט וואָלט איר געזוכט אַ בעסערע שטוב אין גאַנץ וואַסטאָן. זיין שיינער פּאַלאַץ צוזאַמען מיטן גאַנצן הויף און גאָרטן, מיט די שיינעביימער און גרינע גראָז-פּלעצער, איז געלעגן אין צענטער פון מאָריס-סטריט. ער איז באַשטאַנען פון פּאַרטער און אַן ערשטן שטאָק פון זיבן פראָנט-פּענסטער.

איבערן דאַך לינקס איז געווען אַ פּירזייטיקער טורעם פון אַ דרייסיק מעטער די הויך, פאַרענדיקט מיט אַ טאַראַס און אַ באַלוסטראַדע.

ביי איין עק האָט אַרויסגעשטאַרט אַ מאַסטבוים, אויף וועלכן מען פלעגט זונטיק און אין די יום-טוב-טעג אַרויסהענ-גען די פאָן מיט די איינאונפערציק שטערנס פון די פאַרייניק-טע שטאַטן פון צפון-אַמעריקע.

דאָס העכסטע צימער פון דעמדאָזיקן טורעם איז געווען באַשטימט פאַר דער ספּעציעלער אַרבעט פונם באַלעבאָס.

דאָרט האָבן זיך געפונען דעם דאָקטאָרס מכשירים, גלעזער און טעלעסקאָפּן, אויב ער פלעגט זיי אין די שיינע זומער-נעכט

נישט אַריבערטראָגן אויפֿן טאַראַס, פֿון וואַנען ער האָט פֿריי גע־קאָנט זען דעם גאַנצן הימל־געוועלב.

דאָרט פֿלעגט אויך דער דאָקטאָר, נישט געקוקט אויף דער וואָרענונג פֿון פֿרוי הודעלסאָן, כאַפּן די ערגסטע קאַטאַרן.

— אויף אַזוי ווייט, — פֿלעגט לו טיילמאָל זאָגן — אַז דער פּאַפּאַ וועט סוף־כּל־סוף אָנשטעקן מיט זיין קאַטאַר די פּלאַנעטן.

אָבער דער דאָקטאָר איז געווען טויב צו אַלץ אַרום און, נישט ליגנדיק קיין אַכט אויף די זיבן־און אַכט־גראַדיקע פֿראָסטן, פֿלעגט ער בלייבן אויף זיין אָרט, צוגעצויגן דורך דער דורכ־זיכטיקייט פֿונעם הימל.

פֿון דער אָבסערוואַטאָריע אויף מאָריס־סטריט האָט מען גוט געזען דעם טורעם פֿון עליזאַבעט־סטריט. צווישן זיי איז געווען קוים אַ האַלבער מייל, און קיין שום ביימער האָבן מיט זייערע צווייגן נישט פֿאַרשטעלט דעם שטח.

אַפֿילו אָן אַ טעלעסקאָפּ האָט מען לייכט, מיט אַ גוטער לאָרנעט, געקאָנט דערקענען די מענטשן אויף די טורעמס. פֿאַר־שטייט זיך, אַז דעאַן פֿאָרסיט האָט געהאַט עפּעס וויכטיקערס צו טאָן, איידער צו קוקן אויף סידניי הודעלסאָנען, און הודעלסאָן ווידער, פֿון זיין זייט, האָט לחלוטין נישט בדעה געהאַט צו פּטרן צייט אויף צו אָבסערווירן דעאַן פֿאָרסיטן. עס איז אָבער אַ נאַטירלעכע דערשיינונג, וואָס פֿראַנס גאָרדאָן איז יאָ געווען אַ בעלן צו זען, צי געפֿינט זיך אפֿשר מיס דזשעני הודעלסאָן אויפֿן טאַראַס; און אָפּטמאָל האָבן זיך זייערע אויגן פֿאַרשטענ־דיקט דורך די לאָרנעטן. איך רעכן, אַז אין דעם איז קיין חטא נישט געווען.

מען האָט גאַנץ לייכט געקאָנט מאַכן אַ טעלעגראַפֿישע אָדער טעלעפֿאָנישע פֿאַרבינדונג צווישן די צוויי הייזער. אַ דראָט פֿון איין טורעם צום צווייטן וואָלט געווען דער פֿאַרמיטלער פֿון די ליבע האַרץ־סודות פֿון פֿראַנס גאָרדאָן און דזשעני הודעלסאָן.

דעאַן פּאָרסיט און סידניי הודעלסאָן האָבן אָבער נישט געהאַט אַזעלכע אָנגענעמע טעמעס צום שמועסן, און זיי איז קיינ-מאָל נישט אייגעפאַלן אַ טראַכט צו טאָן מכּוח אַזאַ אינסטאַליִ-רונג. אפשר ווען חתן-כּלה וועלן ווערן מאַן-און-ווייב, וועט מען עס טאָן. נאָך דער פאַמיליע-פאַרבינדונג וואָלט די עלעקטרישע פאַרבינדונג נאָך שטאַרקער פאַרקניפּט די פאַמיליע-באַציונגען.

דעמזעלבן טאָג נאָכמיטאָג, ווען די חשובע שרייערקע מיט האָט געהאַט דעם כּבוד צו געבן דעם לעזער טועם צו זיין איר מענה-לשון, האָט פראַנס גאָרדאָן, ווי דער שטייגער, אָפּגעגעבן אַ וויזיט דער פרוי הודעלסאָן מיט אירע טעכטער (מיט איר טאָכטער, פלעגט פאַרריכטן זי, כּלומרשט באַליידיקט). מיר וועלן זיך אָבער דערלויבן צו זאָגן, אַז מ'האָט אים אויפגענומען ווי אַ גאָט. אמת, ער איז נאָך נישט געווען דזשענטלמאַן, אָבער זי האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ ברודער, און וואָס זי האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, איז דאָרט געבליבן זיצן פעסט.

דאָקטאָר הודעלסאָן האָט זיך דערווייל פאַרמאַכט אין זיין טורעם און איז דאָרט געזעסן פון פיר אַזייגער פאַרטאָג. ער האָט פאַרשפּעטיקט אויף פרישטיק, ווי דעאַן פאָרסיט, און זיך אומגעקערט מיטאָמאָל אויפן טעראַס, ווי דעאַן פאָרסיט, בעת עס האָבן זיך באַוויזן די זון-שטראַלן. באַאומרויִקט נישט ווייניקער פון זיין קעגנער, האָט ער נישט בדעה געהאַט אָפּצוטרעטן.

און דערווייל האָט מען בשום-אופן נישט געקאָנט אַנט-שיידן די גרויסע פראַגע, וואָס האָט געזאָלט באַטראַכט ווערן אין דער קעגנוואַרט פון דער גרויסער משפּחה.

— אָט איז מר. פראַנס, דער אייביקער מר. פראַנס! — האָט אויסגערופן זי, ווען זי האָט דערזען דעם בחור אַריינ-קומען אין סאַלאָן — אויף מיין וואָרט, מ'זעט דאָ קיינעם נישט, חוץ אים!

פראַנס גאָרדאָן האָט איר בלויז אַ סטראַשע געטאָן מיטן פינגער, אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש, און עס פלעגט זיך אָנהויבן אַ ווילער, היימישער שמועס.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז מ׳האָט זיך זינט נעכטן אינ־גאַנצן נישט געשיידט, — און באמת, אין גערדאַנק האָבן זיי זיך נישט געשיידט קיינמאָל.

מיס לו האָט געטענהט, אַז „דער אייביקער פראַנס״ פאַר־לאָזט קיינמאָל נישט זייער דירה, און אויב ער מאַכט זיך כלומרשט, אַז ער גייט אַרויס דורכן אַרויסגאַנג פון גאַס, קומט ער באַלד צוריק דורך דער גאָרטן-פאַרטקע.

מ׳האָט געשמועסט דעמדאָזיקן טאָג דאָסזעלבע, וואָס יעדן טאָג. דזשעני האָט זיך ערנסט און גלייכצייטיק מיט פיל חן צו־געהערט צום פראַנסעס ווערטער. זיי האָבן געקוקט אויף זיך מיט ליבע און גערעדט וועגן זייער צוקונפט, וואָס האָט, דאַכט זיך, אָט-אָט געזאָלט פאַרווירקלעכט ווערן. וואָרן צו וואָס טויג דאָ אָפּצושלעפּן? פראַנס גאָרדאָן האָט שוין געפונען אויף לאַמבעט-סטריט אַ דירה, וואָס איז זייער צוגעפּאַסט פאַר אַ יונגן פּאָר־פאָלק. זי איז געלעגן אויף מערב-זייט מיט אַן אויסקוק צום טייך פּאָטאָמאַק און נישט ווייט פון מאָריס-סטריט. פרוי הודעלסאָן האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט די דירה באַקוקן, און אויב זי וועט געפעלן ווערן דער קינעטיקער איינוווינערין, וועט מען זי אפשר דינגען דיזעלבע וואָך. פאַרשטייט זיך, אַז לו וועט מיטגיין מיט איר מאַמע און שוועסטער. זי האָט זיך אפילו נישט פאַרגעשטעלט, מען זאָל זיך באַגיין אָן איר מיינונג.

— אָבער יאָ, — האָט זי מיטאַמאָל אויסגערופן — און מר. פּאָרסיט? צי וועט ער היינט קומען?

— דער פּעטער וועט קומען פיר אַזייגער — האָט פראַנס גאָרדאָן געענטפערט.

— זיין קעגנוואָרט איז אומבאַדינגט נויטיק דורכצופירן די זאַך — האָט פרוי הודעלסאָן צוגעגעבן.

— ער ווייס דערפון און וועט קומען צו דער צייט.

— אויב נישט, — האָט לו דערקלערט, דראָענדיק מיט איר פויסטל — וועט ער האָבן מיט מיר צו טאָן און וועט זיך אַזוי לייכט נישט אויסקויפן.

— מר. הודעלסאָן? — האָט פראַנס געפרעגט — ער איז דאָך אונז פונקט אַזוי נויטיק, ווי מיין פעטער.

— דער פעטער איז ביי זיך אין טורעם — האָט דזשעני געענטפערט — ער וועט אַראָפּקומען, ווי-נאָר מ׳וועט אים דאַרפן האָבן.

— דאָס נעם איך אויף זיך, — האָט לו געענטפערט — איך וועל אַ לויף טאָן אויפן זעקסטן שטאָק.

באמת, די קעגנוואַרט פון מר. פּאָרסיט און מר. הודעלסאָן איז געווען אומבאַדינגט נויטיק. צי האָט מען נישט געדאַרפט באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה? אין פלוג האָט די חתונה געדאַרפט פּאָרקומען וואָס-גיכער, נאָר מיטן תנאי, אַז די אונטער-פירערקע זאָל האָבן גענוג צייט זיך צוצוגרייטן אַ שיין קליידל — אַ לאַנגע קלייד, ווי עס טראָגן דערוואַקסענע מיידלעך, וואָס זי וועט ערשט אָנטאָן צום ערשטן מאָל.

פראַנס האָט געמאַכט אַ שפּאַס.

— און אויב דאָס באַרימטע קלייד וועט נישט פאַרטיק ווערן צו דער צייט?

— וועט נישט פּאָרקומען די חתונה! — האָט געפּסקנט די דעספּאָטישע פאַרשווינטע.

דעמדאָזיקן ענטפער האָט באַגלייט אַזאַ שטאַרקער אויסברוך פון געלעכטער, אַז מר. הודעלסאָן האָט אים זיכער דערהערט דאָרט אין זיין טורעם.

דערווייל איז דער ווייזער פון זייגער געגאַנגען אַרום און אַרום, און מר. פּאָרסיט האָט זיך נישט געוויזן. אומזיסט האָט לו אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער, פון וואַנעט מ׳האָט געקענט זען די אַריינגאַנגס-טיר, מר. פּאָרסיט איז נישט געווען! מען האָט זיך, אַלזאָ, געמוזט באַוואָפענען מיט געדולד — אַ געווער, וואָס איז לו געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

— און דאָך האָט מיר דער פעטער צוגעזאָגט... — האָט פראַנס גאָרדאָן איבערגעחזרט — נאָר שוין עטלעכע טעג, ווי איך ווייס נישט, וואָס מיט אים איז פּאָרגעקומען.

— איך רעכן, אַז מר. פּאָרסיט איז נישט קראַנק — האָט דזשעני געפרעגט.

— ניין, נאָר פאַרדאַגהט... צעטראָגן... ער קען פון זיך קיין דריי ווערטער נישט אַרויסברענגען. איך קען נישט טרעפן, וואָס עס איז אים אַריין אין קאָפּ.

— אַ שטיקל שטערן — האָט דאָס מיידל אויסגערופן.

— דאָסזעלבע איז מיט מיין מאַן — האָט פרוי הודעלסאָן גערעדט — מיר דאַכט זיך, אַז היינטיקע וואָך איז ער פאַרנומען מער, ווי אַנדערש-ווען. מ׳קענט אים פשוט נישט אַרויסשלעפן פון דער אָבסערוואַטאָריע: עס מוז פּאָרקומען אויפן הימל עפּעס אומגעווייגלעכס.

— באמת, — האָט פראַנס געענטפערט — איך בין גרייט אין דעם צו גלויבן, אויב איך זאָל זיך רעכענען מיט מיין פעטערס האַלטונג. ער גייט אינגאַנצן נישט אַרויס, שלאָפט נישט און עסט כמעט נישט און פאַרגעסט אָן די עס-שעהן.

— מיך מוז שוין זיין איינמאָל צופרידן! — האָט לו אויסגערופן.

— זי איז אויסער זיך, — האָט פראַנס דערקלערט — אָבער דאָס העלפט נישט. דער פעטער, וועלכער האָט שטענדיק מורא געהאַט פאַר די מוסר-רייד פון דער אַלטער דינסט, לייגט איצט דערויף אינגאַנצן קיין אַכט נישט.

— אַט אַזוי ווי ביי אונז — האָט דזשעני מיט אַ שמייכל געזאָגט — מיר דאַכט זיך, אַז די שוועסטער מיינע האָט אינגאַנצן פאַרלוירן איר גרויסע השפּעה אויפן פאָטער...

— טאַקע, פריילין לו? — האָט פראַנס מיטן זעלבן טאָן געפרעגט.

— אמת! — האָט דאָס מיידל געענטפערט — אָבער געדולד... געדולד! מיך און איך וועלן זיך אַ נעם טאָן!

— פונדעסטוועגן, — האָט דזשעני געזאָגט — וואָס האָט פאַרט געקענט מיט זיי ביידן פּאַסירן?

— מסתמא האָבן זיי פאַרלוירן עפּעס אַ טייערן פּלאַנעט

— האָט לו אויסגערופן — זיי זאָלן אים כאַטש געפינען פאַר דער חתונה!

— מיר שפּאַסן — האָט פרוי הודעלמאַן איבערגעריסן — און מר. פּאָרסיט קומט נישט.

— און אָט שלאָגט שוין באַלד האַלב פינף! — האָט דזשעני צוגעגעבן.

— אויב דער פּעטער וועט נישט קומען אין משך פון פינף מינוט, גיי איך נאָך אים.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ קלינג ביי דער טיר, אַריינגאַנגס-טיר.

— אָט איז מר. פּאָרסיט! — האָט לו פעסטגעשטעלט — איי, ווי ער קלינגט! ס'אַראַ טומל! איך קען גיין מיט אייך אין געוועט, אַז ער הערט זיך גאָר צו, ווי די קאָמעטן פליען, און גיט זיך גאָר נישט אָפּ קיין דין-וחשבון, אַז ער קלינגט!

דאָס איז ווירקלעך געווען מר. דעאַן פּאָרסיט. ער איז כמעט תיכף אַריין אין סאַלאָן. לו האָט אים אויפגענומען מיט טענות.

— אַזאַ פאַרשפּעטיקונג! איר ווילט, משמעות, מ'זאָל זיין אויף אייך אין כּעס.

— גוטמאָרגן, פרוי הודעלסאָן; גוטמאָרגן, טייערע דזשעני! — האָט מר. פּאָרסיט געזאָגט, קושנדיק דאָס מיידל — גוט-מאָרגן, לו — האָט ער איבערגעחזרט, גלעטנדיק דאָס מיידעלע איבער די באַקן.

דידאַזיקע באַגריסונג איז געווען זייער אַ צעטראָגענע. ווי לו האָט ריכטיק געטענהט, האָט מר. פּאָרסיט „געהאַט דעם קאָפּ ערגעץ אַנדערש".

— פּעטער, — האָט זיך פראַנס גאָרדאָן אָנגערופן — איך האָב גערעכנט, אַז דו האָסט פאַרגעסן וועגן דער אָפּגעשמועסטער שעה.

— טיילווייז טאַקע יאָ, און איך בעט אייך זייער איבער, מיס הודעלסאָן. צום גליק, האָט מיר מיין דערמאָנט אויף איר שטייגער וועגן דעם.

— גוט געטאָן — האָט לו געזאָגט.

— מאַטער מיך נישט, קליינע! דאָס זענען וויכטיקע זאַכן... איך שטיי אפשר פאַר אַן אומגעווייגלעכער אַנטדעקונג.

— אַזוי ווי דער פּאַפּאַ... — האָט לו אָנגעהויבן.

— וואָס! — האָט אויסגערופן מר. דעאַן פאָריסט און זיך מיטאַמאָל האַסטיק אַ הויב געטאָן פון אָרט, גלייך אַ שפּרינג־פּע־דער וואָלט אים אַ וואָרף געטאָן פון אָרט — דו זאָגסט, אַז דער דאָקטאָר...

— מיר זאָגן גאָרנישט, ליבער מר. פאָרסיט, — האָט איי־ליק געענטפערט די פרוי הודעלסאָן; זי האָט מורא געהאַט, אָגב מיט רעכט, טאָמער וועט דאָס זיין נאָך אַ סיבה צו קריגערייַ צווישן איר מאַן מיטן פעטער פון פראַנס גאָרדאָן.

דערנאָך האָט זי, כדי איבערצורייסן די אומאָנגענעמע פּאַ־סירונג, צוגעגעבן!

— לו, גיי נאָכן פאָטער.

לייכט, ווי אַ פייגעלע, איז דאָס מיידל אַרויפגעלאָפן אויפן טורעם. עס וואָלט זיך געקענט דוכטן, אַז אויב זי איז נישט אַרויסגעפלויגן דורכן פענסטער, נאָר דורך די טרעפּ, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט זיך נישט געוואָלט באַנוצן מיט אירע פליגלען.

אין אַ ווייל ע אַרום איז מר. סידניי הודעלסאָן אַריינגע־קומען אין סאַלאָן. אַן ערנסט פּנים, אַ מיד אויג, אין קאָפּ האָט געזעצט, ווי פאַר אַן אַפּאָפּלעקסיע־אַטאַק.

מר. דעאַן פאָרסיט און ער האָבן זיך געדריקט די הענט און קרום, פאָרשנדיק זיך אָנגעקוקט. זיי האָבן בגנבה איינער דעם אַנדערן אָבסערווירט, ווי זיי וואָלטן איינער צום צווייטן קיין צוטרוי נישט געהאַט.

אָבער סוף־כּל־סוף זענען זיך דאָך די פאַמיליעס צונויפגע־קומען מיטן צוועק צו באַשטימען דעם טערמין פון דער חתונה, אָדער — מיט לוס לשון — צו פאַרייניקן די צוויי שטערנס פון פראַנס און דזשעני. — עס האָט זיך, אַלזאָ, קודם־כּל געהאַנדלט

װעגן באַשטימען דעם טערמין. אַזוי־װי אַלע האָבן מסכים געװען, אַז די חתונה זאָל פּאָרקומען אין דער נאָענטסטער צײַט, האָט דער שמועס קײן סך צײַט נישט פאַרנומען.

עס איז אַפילו נישט זיכער, צי האָבן מר. פּאָרסיט און מר. הודעלסאָן געלײגט אַכט אױפן גאַנצן שמועס. מיר האָבן גיכער רעכט צו טראַכטן, אַז זײ האָבן אַרומגעשװעבט ערגעץ אין רוים, זוכנדיק עפּעס אַ פאַרלױרענעם פּלאַנעט און טראַכטנדיק אָן אױפהער װעגן דעם, צי איז שױן נישט, חלילה, אײנער פון זײ אױפן ריכטיקן װעג.

יעדנפאַלס האָבן זײ נישט געהאַט קעגן דעם, אַז די חתונה זאָל פּאָרקומען אין עטלעכע װאָכן אַרום. דאָס איז געװען דעם 21־טן מערץ, און מען האָט באַשטימט די דאַטע פון 15־טן מאַי.

— אַזױ־אַרום װעט מען שנעל קענען צוגרײטן די נײַע דירה.

— און ענדיקן נײען מײן קלײד — האָט לז צוגעגעבן זײער ערנסט.

קאַפּיטל פיר,

אין וועלכן מיר דערוויסן זיך, ווי אַזוי צוויי בריוו, איינער אַרויסגעשיקט אין דער אָבסערוואַטאָריע אין פּיטסבורג, דער צווייטער צו דער אָבסערוואַטאָריע אין טשינטשינאַטי, זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם מעטעאָרן־אַרכיוו.

צום הער דירעקטאָר פון דער אָבסערוואַטאָריע
אין פּיטסבורג, פּענסילוואַניע.

וואַסטאָן, 24־טן מערץ.

הער דירעקטאָר!

איך האָב דעם כּבוד אייך צו מעלדן וועגן דעם פאָלגנדיקן פאַקט, וואָס קאָן שטאַרק אינטערעסירן די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט. אינדערפרי, דעם 16 מערץ, האָב איך אַנטדעקט אַ מעטעאָר, וואָס איז געפלויגן מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט איבער דער צפון־זייט פונם הימל. דער וועג, וועלכן ער האָט אָנגעצייכנט פון צפון צו דרום צו, האָט זיך אָפּגענייגט פונם מערידיאַן מיט אַ ווינקל פון 31¹ 30⁰, וואָס איך האָב גענוי פעסטגעשטעלט. ער האָט זיך באַוויזן אַזייגער זיבן מיט זיבנאונדרייסיק מינוט מיט צוואַנציק סעקונדעס און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אַזייגער זיבן מיט זיבנאונדרייסיק מינוט מיט נײַנאונצוואַנציק סעקונדעס. זינט דעמאָלט האָב איך, נישט געקוקט אויף

מיינע זייער געניע פאָרשונגען, מער גאָרנישט געטאָן. דעריבער בעט איך אייך צו לייגן אַכט אויף דערדאָזיקער דערשיינונג און צוצושיקן מיר אַ באַשטעטיקונג פון דעמדאָזיקן בריוו, וואָס וועט מיר אין פאַל פון נאָך איין מעטעאָר, דערשיינונג פאַרזיכערן די בכורה בנוגע אָט דער ווערטפולער אַנטדעקונג.

נעמט אָן, הער דירעקטאָר, דעם אויסדרוק פון טיפער אַכטונג פון אייער איבערגעגעבנסטן

דעאַן פאָרסיט,

עליזאַבעט-סטריט.

צום הער דירעקטאָר פון דער אָבסערוואַטאָריע אין טשינטשינאַטי, אָהיאָ.

וואַסטאָן, 24-טן מערץ.

הער דירעקטאָר!

דעם 16-טן מערץ אינדערפרי, צווישן זיבן אַזייגער מיט זיבנאונדרייסיק מינוט מיט צוואַנציק סעקונדעס און זיבן אַזייגער מיט זיבנאונדרייסיק מינוט מיט ניינאונצוואַנציק סעקונדעס, האָב איך געהאַט דאָס גליק צו אַנטדעקן אַ נייעם מעטעאָר, וועלכער האָט געשוועבט פון צפון-זייט צו דרום צו אין דעם צפון-טייל פון הימל און וואָס זיין כּלומרשטע ריכטונג האָט זיך אָפּגעניגט פונם מערידיאַן מיט אַ ווינקל פון 3031. זינט דעמאָלט האָב איך מער זיין שפּור נישט אָנגעטראָפן. נאָר אויב ער וועט זיך נאָכאַמאָל באַווייזן אויפן האָריזאָנט, אין וואָס איך צווייפל נישט, האַלט איך פאַר ריכטיק זיך אָנצורופן דער אַנטדעקער פון דערדאָזיקער דערשיינונג, וועלכע פאַרדינט, מען זאָל זי אַריינציען אין די אַסטראָנאָמישע יאָר-ביכער פון אונזער צייט. צו דעם צוועק נעם איך זיך דעם מוט צוצושיקן אייך דעמדאָזיקן בריוו, און איך וועל אייך זיין זייער דאַנקבאַר, אויב איך וועל פון אייך באַקומען אַ באַשטעטיקונג וועגן דעם, אַז איר האָט אים דערהאַלטן.

נעמט אָן, הער דירעקטאָר, צוזאַמען מיט האַרציקע גרוסן, די פאַרזיכערונג פון מיין טיפסטער אַכטונג.

דאָקטאָר סידניי הודעלסאָן

17 מאָריס-סטריט.

קאַפּיטל פינף,

אין וועלכן מר. דעאַן פאָרסיט און דר. הודעלסאָן דערוויסן זיך, נישט געקוקט אויף זייער אויפרעגונג, בלויז פון די צייטונגען וועגן דעם מעטעאָר, וועלכן זיי האָבן אַנטדעקט.

אויף דידאָזיקע 2 בריוו, וואָס זענען באַזאָרגט געוואָרן מיט אַ דרייפאַכיקער חתימה, אויפן אַדרעס פון די אָבסערוואַטאָריע-דירעקטאָרן אין פיטסבורג און טשינשינאַטי, האָט מען אָפּגעענטפערט בלויז מיט אַ קוויטירונג און מיט דער באַשטעטיקונג, אַז מען האָט עס אַריינגעצויגן אין די אַקטן. די אָפּנעמער האָבן מער נישט פאַרלאַנגט. ביידע זענען געווען זיכער, אַז דער מעטעאָר וועט אינגיכן צוריקקומען. אַז די דערשיינונג האָט געקענט פאַרשווונדן ווערן אין די הימל-רוימען און מער זיך אין די אונטערלבנהדיקע ספערן נישט ווייזן, האָבן זיי אַפילו נישט געוואָלט זיך פאָרשטעלן. פאַרשטייט זיך, אַז אונטערגעוואָרפן דעם אַלגעמיינעם געזעץ, וועט ער זיך אומקערן אויפן וואַסטאָנער האָריזאָנט; מ'וועט אים ווידער קענען זען, באַצייכענען זיינע ספערן, און דער מעטעאָר וועט פאַרנעמען אַן אָרט אויף די הימל-קאַרטעס, געקרוינט מיטן באַרימטן נאָמען פון אַנטדעקער.

אָבער ווער איז געווען דער אַנטדעקער? זייער אַ דראַסטישער ענין, וואָס וואָלט געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט אַפילו

שלמהס גערעכטיקן משפּט. ווען דער מעטעאָר זאָל זיך באַווייזן באָכאַמאָל, וואָלטן זיי ביידע געקעמפּט פֿאַרן נצחון. ווען פֿראַנס גאָרדאָן מיט דזשעני הודעלסאָן זאָלן וויסן וועגן דער סכּנה, וואָס האָט זיי געדראָט, וואָלט זיי זיכער געבעטן ביי די הימלען, זיי זאָלן גורם זיין, אַז זייער חתונה זאָל קענען פֿאָרקומען, איידער דער אומגליקלעכער מעטעאָר וועט צוריקקומען. און אויב די פֿרוי הודעלסאָן, לו, מיץ און אַלע פֿריינד פֿון ביידע משפּחות וואָלטן פֿון גאַנצן האַרצן מיטגעבעטן ביי די הימלען.

אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָ קומט פֿאָר, און נישט געקוקט אויף דער שטייגנדיקער אומרו פֿון ביידע קעגנער — אָן אומרו, וועלכע אַלע האָבן באַמערקט, נאָר קיינער האָט נישט געוווּסט צו דערקלערן — האָט קיינער פֿון די בני-בית אינם הויז אויף מאָריס-סטריט נישט געזאָגט, חוץ דעם דאָקטאָר הודעלסאָן, וואָס עס קומט פֿאָר אין הימל-רוימען. קיין דאגות זענען נישט געווען, דערפֿאַר אָבער איז געווען אָן אַ שיעור באַשעפֿטיקונג. וויזיטן און ווינטשונגען, מעלדונגען און איינלאַדונגען, די הכנות צו דער חתונה און דער אויסוואַל פֿון חתונה-מתנות — אָט דאָס אַלץ האָט, לויט לוס מיינונג, דערמאָנט אָן הערקולעסעס צוועלף שווערע אַרבעטן, און מען האָט נישט געטאָרט פֿאַרלירן קיין רגע.

— די חתונה פֿון דער ערשטער טאָכטער איז נישט פֿון די קלייניקייטן — האָט זי געזאָגט — מען האָט נישט קיין דערפֿאַרונג. מיט דער צווייטער טאָכטער וועט שוין גיין לייכטער. ס׳וועט שוין זיין געניטקייט, מ׳וועט נישט דאַרפֿן מורא האָבן, טאָמער האָט מען עפּעס פֿאַרגעסן. מיט מיר וועט שוין, אַלזאָ, זיין בעסער.

ס׳טייטש! — האָט פֿראַנס גאָרדאָן געענטפֿערט — מיס לו קלערט שוין וועגן חתונה האָבן? אויב אַזוי, צי קען מען וויסן, ווער עס וועט זיין דערדאָזיקער גליקלעכער אויסדערוויילטער...

— טראַכט אייך וועגן דער חתונה מיט מיין שוועסטער — האָט דאָס מיידל געענטפֿערט — דאָס איז אַ באַשעפֿטיקונג, וועל-

כער דו דאַרפסט זיך איבערגעבן אינגאַנצן. אַגב, מיש זיך נישט אַריין אין מיינע עסקים.

פרוי הודעלסאָן האָט געהאַלטן וואָרט און זיך געקליבן גיין זען די דירה אויף לאַמבעט-סטריט. וואַרטן אויפן דאָקטאָר וואָלט געווען אַ משוגעת.

— אַלץ, וואָס דו וועסט טאָן, וועט זיין גוט, מיין ווייב, איך פאַרלאָז זיך אינגאַנצן אויף דיר — האָט ער געענטפערט, ווען מ'האָט אים געבעטן, ער זאָל גיין אַ קוק טאָן דאָס קינפּ-טיקע וווין-אָרט פונם יונגן פּאָרפּאָלק — אַגב, גייט עס אָן קודם-כל פראַנסן מיט דזשעני.

— ס'טייטש, פּאַפּאַ, דו האָסט גאָרנישט בדעה אַראָפּצוקו-מען פון דיין טורעם אַפילו אינם טאָג פון דער חתונה? — האָט לו געזאָגט.

— יאָ, לו, אוודאי.

— און אַ ראָק און וויסער וועסט און אין הויזן מיט אַ ווייסן קראַוואַט?

— יאָ, לו, אוודאי.

— און די וועסט מסכים זיין צו פאַרגעסן אָן דיינע פּלאַ-נעטן, כדי אויסצוהערן די דרשה פונם ערווירדיקן אַגאַרט, וואָס וועט זיין מסתמא זייער רירנדיק?

— יאָ, לו, אוודאי. נאָר עס האַלט נאָך נישט דערביי! און אַזוי-ווי דער הימל איז איצט אויסגעלייטערט, וואָס עס איז אין די צייט אַ זעלטענע זאַך, טאָ גייט אייך אָן מיר.

פרוי הודעלסאָן, דזשעני, לו און פראַנס גאָרדאָן האָבן דעריבער איבערגעלאָזט דעם דאָקטאָר ביי זיין טעלעסקאָפּ, בעת מר. דעאַן פאָרסיט — אין וואָס מיר צווייפלען, אַגב, נישט — איז געשטאַנען ביי זיינע מכשירים אויפן טורעם אויף עליזאַ-בעט-סטריט. צי וועט זיך דידאָזיקע עקשנות דערוואַרטן לכל-הפחות אויף באַלוינונג? צי וועט זיך דער מעטעאָר באַווייזן נאָכ-אַמאָל אין די אָביעקטיוון פון זייערע אַפּאַראַטן?

דערווייל זענען זיי אַלע פיר אַראָפּ פון דער מאָריס-גאַס,

אַדורך דעם קאָנסטיטוציע-פּלאַץ, ווי זיי האָבן מיט אַ פריינדלעכער פאַרנייגונג באַגריסט דעם ריכטער דזשאָן פרוט, און אַרויף אויף דער עקסטער-סטריט, ווי עס האָט געהאַט געטאָן סעט סטענפאָר, וועלכער האָט דאָ מיט עטלעכע טעג צוריק געהאַט אָפּגעוואַרט אַרקאַדיע וועלקער. לסוף זענען זיי צוגעקומען צו לאַמבעט-סטריט, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס הויז.

דאָס הויז איז געווען שיין, איינגעאָרדנט לויט אַלע פאָדערונגען פון מאָדערנעם געשמאַק. די פענסטער פון קאַבינעט און עס-צימער זענען אַרויס צום גאָרטן, נישט קיין גרויסן, וואָס אָן אמת, אָבער אַ באַשאָטנטן פון עטלעכע אַלטע קלאָמבן, אויף וועלכע ס'האָבן שוין גענומען בליען די ערשטע פרילינג-בלומען. די צימערן פאַר דער דינערשאַפט און די קיך האָבן זיך געפונען אונטן, לויטן אַנגלאָ-זאַקסישן שטייגער.

דער ערשטער שטאָק איז געווען פונקט אַזוי שיין איינגעאָרדנט, ווי דער פּאַרטער, און דזשעני האָט בלויז געקענט גראַטולירן איר חתן צוליב זיין גוטן געשמאַק און צוליב דעם אויסוואַל פון אַזאַ ווילער דירה.

פרוי הודעלסאָן האָט מסכים געווען מיט דזשעני און פאַרזיכערט, אַז קיין באַקוועמערע דירה איז נישט צו געפינען אין גאַנץ וואַסטאָן.

דידאַזיקע פּאָזיטיווע מיינונג האָט זיך נאָכאַמאָל באַשטעטיקט, ווען זיי זענען אַרויף אויפן לעצטן שטאָק. דאָ האָט געקיניגט אַ ברייטער טעראַס און אַ באַלוסטראַדע, פון וואַנען עס האָט זיך געצויגן אַ פּראַכטפולע לאַנדשאַפט. מ'האָט געקענט אַרומנעמען מיטן בליק דעם גאַנצן לויף פונם פּאָטאָמאַק-טייך און ווייטער דאָס שטעטל סטיל, פון וואַנען אַרקאַדיע וועלקער איז אַרויסגעפאָרן זיך באַגעגענען מיט סעט סטענפאָר.

דאָס גאַנצע שטעטל האָט צוגעצויגן דעם בליק מיט די גלאָקן-טורעמס פון זיינע קירכן, מיטן הויכן באַשלאַג פון די דעכער אויף די עטלעכע געביידעס, וואָס האָבן גרין געלויכטן מיט זייערע ביימער-שפּיצן.

— אַט איז דער קאָנסטיטוציע-פּלאַץ — האָט דישעני גע-זאָגט, קוקנדיק דער לאָרנעטע, וועלכע זיי האָבן מיטגענומען — אַט איז מאָריס-סטריט... איך זע אונזער הויז און דעם טורעם מיט דער פלאַטערנדיקער פאָן! עמעצער שטייט אויפן טורעם.

— דער פאָטער! — האָט גלייך פעסטגעשטעלט לו.

— נאַטירלעך, נישט קיין אַנדערער — האָט פרוי הודעל-סאָן צוגעגעבן.

— יאָ, ער איז עס — האָט באַשטעטיקט דאָס מיידל און אַ כאַפּ געטאָן אָן שום קונצן די לאָרנעט — איך דערקען אים... ער האַלט אַ לונעטע... איר וועט זען, אַז ער וועט זי אָנשטעלן אין אונזער ריכטונג... אַך, ווען מיר זאָלן זיין אויף דער לבנה.

— אויב איר זעט, מיס לו, אייער הויז, איז אפשר וועט איר וועלן אויך אַ קוק טאָן אויפן הויז פון מיין פעטער?

— גוט — האָט דאָס מיידל געענטפערט — נאָר דערלויב, איך וועל אים אַליין אויפזוכן... איך וועל אים לייכט דערקענען לויטן טורעם... ער דאַרף זיין אין דער זייט. וואַרט... אַט איז ער... איך דערקען אים.

לו האָט זיך נישט טועה געווען. דאָס איז ווירקלעך גע-ווען דאָס הויז פון מר. דעאַן פאָרסיט.

— אויפן טורעם איז נאָך עמעצער דאָ!... — האָט זי נאָך אַ ווײַלע שטיל-שווייגן ווידער געזאָגט.

— אוודאי מיין פעטער — האָט פראַנס געענטפערט.

— אָבער נישט אַליין.

— מיט אַמיקראָנען.

— און ס'וואָלט געווען איבעריק צופרעגן, מיט וואָס זיי זענען באַשעפטיקט — האָט פרוי הודעלסאָן צוגעגעבן.

— מיט דעם, מיט וואָס מיין פאָטער איז באַשעפטיקט — האָט דזשעני געזאָגט מיט אַ לייכטן טאָן פון טרויער, ווייל די קאָנקורענץ צווישן מר. דעאַן פאָרסיט און מר. הודעלסאָן האָט זי שטענדיק באַאומרויקט.

נאָכן וויזיט און נאָכדעם, ווי לו האָט ווידעראַמאָל אויס-

געדריקט איר פולשטענדיקע צופרידנקייט, זיי זענען צוריקגע־גאַנגען אַהיים. אויף צומאָרגנס האָט מען זיך געדאַרפט פאַר־שטענדיקן מיטן אייגנטימער, און דאָך וואָלט מען צוגעטרעטן איינצואָרדנען די דירה, כּדי זי זאָל גרייט זיין אויפן 15-טן מאַי.

דערווייל האָבן מר. דעאַן פאָרסיט און דאָקטאָר הודעלסאָן נישט פאַרלוירן קיין איין רגע. וויפיל פיזישע און מאָראַלישע אָנשטרענגונג האָט אַוועקגענומען ביי זיי דאָס זוכעניש פון דעמ־דאָזיקן מעטעאָר, וועלכער האָט זיך, ווי אויף צו־להכעיס, אינ־גאַנצן מער נישט באַוויזן!

ביז איצט איז די אַרבעט געווען אָן רעזולטאַט. נישט ביי־טאָג, נישט ביינאַכט איז מעגלעך געווען צו דערזען דעם מעטעאָר אויפן האָריזאָנט פון וואַסטאָן.

— צי וועט ער זיך נאָך באַווייזן? — האָט דעאַן פאָרסיט געזיפצט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך לאַנג איינגעקוקט אין די גלע־זער פונם טעלעסקאָפּ.

— ער וועט זיך באַווייזן — האָט אָמיקראָן מיט פעסטער זיכערקייט געענטפערט — איך וואָלט אַפילו געזאָגט: אָט ווייזט ער זיך שוין.

— טאָ פאַרוואָס זעען מיר אים נישט?

— ווייל ער איז אומזעבאַר.

— אויך מיר אַ טרייסט? דו האָט דעאַן פאָרסיט ווידער אַ זיפץ געטאָן — אָבער סוף־כּל־סוף, אויב ער איז פאַר אונז אומזעבאַר, מוז ער דאָך זיין אומזעבאַר פאַר אַלע... לכּל־הפּחות אין וואַסטאָן.

— דאָס איז זיכער — האָט אָמיקראָן באַשטעטיקט.

אַזוי־אַרום האָט דער באַלעבאָס איינגעטענהט מיט זיין דינער, און דערדאָזיקער שמועס איז געווען זייער ענלעך צו דעם, וועלכן דאָקטאָר הודעלסאָן, אויך פאַרצווייפלט צוליב זיין שלימזל, האָט מיט זיך אַליין געפירט.

ביידע האָבן באַקומען תּשובות אויף זייערע בריוו פון פּיטס־בורג און טשינטשינאַטי. מען האָט גענוי פאַרשריבן די דערשיי־

ונג פונם מעטעאָר דעם 16-טן מערץ אין דער צפון-זייט פונם וואַסטאַנער האָריזאָנט. מען האָט צוגעגעבן, אַז ביז איצט האָבן די אָבסערוואַציעס קיין שום רעזולטאַט נישט געבראַכט, נאָר אויב דער מעטעאָר וועט זיך באַווייזן, וועט מען וועגן דעם תיכף מעלדן ביידע אַסטראָנאָמען.

פאַרשטייט זיך, אַז די אָבסערוואַטאָריעס האָבן געענטפערט יעדער באַזונדער, נישט וויסנדיק, אַז יעדער איינער פון די צוויי אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער האָט געהאַלטן זיך אַליין פאַרן אַנטדעקער פונם מעטעאָר.

זינט דעם מאָמענט, ווען דער ענטפער איז געקומען, האָבן די טורעמס אויף עליזאַבעט-סטריט און מאָריס-סטריט געקענט צורו לאָזן זייער פיינלעכע זוכעניש. די אָבסערוואַטאָריעס האָבן געהאַט אַסאַך שטאַרקערע און געניטערע מכשירים, און אויב דער מעטעאָר איז נישט געווען קיין בלאָנדזשענדיקער הימל-קערפער, נאָר ער האָט אַרומגעקרייזט איבער אַ געשלאָסענעם קרייז, מיט איין וואָרט, אויב ער וועט צוריקקומען אויפן איינמאָל אָנגעצייכנטן וועג, וועלן די לונעטעס און טעלעסקאָפּן פון פּיסטבורג און טשינטשינאַטי זיין בכוח צו דערהיטן זיין אָנקום. מר. דעאַן פאָרסיט און דר. הודעלסאָן וואָלט געטאָן צום בעסטן ווען זיי האָבן צוטרוי צו די געלערנטע אַסטראָנאָמען פונדי צוויי באַרימטע אָבסערוואַטאָריעס. אָבער מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן זענען אַסטראָנאָמען און נישט קיין פילאָזאָפן, און דערפאַר האָבן זיי זיך פון זייער אַרבעט נישט אָפּגעזאָגט; פאַרקערט, זיי האָבן זיך איר אָפּגעגעבן מיט נאָכמער ברען. נישט פאַרציילנדיק איינער פאַרן צווייטן די דאגות, האָבן זיי פון זיך אַליין געפילט, אַז זיי יאָגן זיך נאָך איין חיה, און די שרעק, טאָמער יאָגט יענער איבער, האָט זיי נישט געלאָזט קיין רו. די קנאה האָט זיי געפּרעסן די הערצער, און דידאָזיקע אומאָנגענעמע שטימונג האָט זיך נישט-ווילנדיק אָפּגעשלאָגן אויף די באַציונגען צווישן די צוויי פאַמיליעס.

באמת, איז געווען צוליב וואָס צו זיין באַאומרויקט. זייער פאַרדעכטיקייט איז געווען וואָס-אַמאָל באַשיינפּערלעכער, אַזוי,

אַז לסוף האָבן זיך דידאָזיקע איינגעלעבטע פריינד אינגאַנצן אויפגעהערט צו באַגעגענען.

ס'אַראַ אומאָנגענעמע לאַגע פאַר חתן-כּלה! אמת, פראַנס גאָרדאָן איז פריי געקומען צו די הודעלסאָנס אויף מאָריס-סטריט, און מאַדאַם הודעלסאָן האָט אים אַרויסגעוויזן דיזעלבע פריינד-לעכקייט און צוטרוי; אָבער דער יונגערמאַן האָט געפילט, אַז זיין קעגנוואָרט שטערט דעם דאָקטאָר. יעדנפאַלס איז עס געווען גאָרנישט אין פאַרגלייכן דערמיט, וואָס סידניי הודעלסאָנען פלעגט פאָרקומען, ווען מ'האָט אין זיין קעגנוואָרט דערמאָנט דעם נאָמען פון דעאַן פאָרסיט. דער דאָקטאָר פלעגט ווערן מיטאַמאָל אַן אַנ-דער מענטש; ער פלעגט ווערן בלייך און רויט, די אויגן האָבן געבליצט אָדער בייז געקוקט פאַר זיך, און דידאָזיקע באַדויערונגס-ווערטע סימנים פון קעגנזייטיקער אַנטיפּאַטיע האָבן זיך געלאָזט מערקן אויך ביי דעאַן פאָרסיט.

אומזיסט האָט זיך פרוי הודעלסאָן געוואָלט דערוויסן וועגן דער סיבה פון דידאָזיקע קאַלטע באַציונגען — נאָכמער, פון דעמדאָזיקן עקל, וועלכן ביידע אַמאָליקע פריינד האָבן געפילט איינער צום אַנדערן. איר מאַן פלעגט איר בלויז ענטפערן.

— אַ שאָד די צייט... דו וואָלסט עס נישט פאַרשטאַנען...

נאָר איך האָב זיך קיינמאָל נישט געריכט מצד פאָרסיטן אַזאַ מין האַנדלונג.

וואָס פאַר אַ האַנדלונג? ס'איז געווען אוממעגלעך עפּעס צו דערגיין. אַפילו לו, דאָס געפּיעשטשעטע קינד, האָט נישט געוווּסט.

זי האָט פאַרגעלייגט, מ'זאָל זיך נאָכפרעגן וועגן דעם ביי מר. פאָרסיטן גופא, אָבער פראַנס גאָרדאָן האָט אָפּגערעדט.

— ניין, איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז הודעלסאָן זאָל זיין מסוגל צו אַזאַ האַנדלונג בנוגע מיר — וואָלט געזאָגט פעטער פאָרסיט, ווען מ'וואָלט אים אַ פרעג געטאָן.

ווי אַ באַווייז קען דינען דער ענטפער, וועלכן ס'האָט גע-הערט מיץ אַ געוויסן טאָג, ווען זי האָט זיך דערוועגט צו פרעגן.

— מיש זיך נישט אַריין אין קיין פרעמדע עסקים! — האָט נר מיט אַ טרוקענעם טאָן געענטפערט.

מיטן מאָמענט, ווען מר. דעאַן פאָרסיט האָט זיך דערוועגט צו ריידן אויף אַזאַ אופן צו דער גרויזאַמער מיץ, איז איר לאַגע געוואָרן זייער אַן ערנסטע.

מיץ גופא איז געווען אַזוי צעשמעטערט, אויף איר לשון, אַז זי האָט פאַרזיכערט, בכן זי האָט געמוזט פאַרבייסן די צונג ביזן בלוט, כדי נישט צו ענטפערן אויף אַזאַ חוצפה — וואָס שייך מיר באַלבאָס, האָט זיך שוין סיי-ווי-סיי געהאַט וועגן אים אַ באַשטימטע מיינונג, פון וועלכער זי האָט קיין סוד נישט געמאַכט. לויט איר איז מר. פאָרסיט פראָסט-פשוט אַראָפּ פון זינען, און דערקלערט האָט זי עס דערמיט, וואָס ער איז געצווונגען צו שטיין ביי זיינע מכשירים אין אַן אומבאַקוועמער פּאָזיציע, בפרט ווען ער האָט אַרויפגעקוקט צום זעניט און געמוזט האַלטן דעם קאָפּ פאַרריסן אויף הינטן. דערפון האָט מיץ אַרויסגעדרונגען, אַז מר. פאָרסיט האָט זיך צעבראָכן דעם ביין פון מוח, — וואָס איז, נאַטירלעך, איר אייגענער אויסדרוק.

פונדעסטוועגן איז נישט אַזאַ סוד, וואָס זאָל נישט אַרויס אויף דער אויבערפלאַך. מען האָט זיך לסוף, דורך דעם אומדיסקרעטן אָמיקראָן, דערוווּסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זיין באַלעבאָס האָט אַנטדעקט אַן אומגעוויינלעכן מעטעאָר און ער האָט מורא, צי האָט אים אויך דר. הודעלסאָן נישט אַנטדעקט.

אָט דאָס, הייסט עס, איז געווען די סיבה פון זייער מחלוקת! אַ מעטעאָר! אַן אַעראָליט, אַ שוועבנדיקער שטערן, אַ שטיין, אַ גרויסער שטיין, אויב איר ווילט, אָבער בקיצור, אַ שטיין, אַ געוויינלעכער שטיין, אָן וועלכן ס'האָט געקענט צעקלאַפּן דער חתונה-רייטוואָגן פון פראַנס מיט דזשעני!

לו האָט טאַקע דעריבער באַלד אַריבערגעשיקט „צו אַלדי רוחות די מעטעאָרן מיט דער גאַנצער הימל-מעכאַניק".

דערווייל איז די צייט געגאַנגען... וואָס-ווייטער אַ טאָג, איז מערץ קירצער געוואָרן, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט דעם חודש

אַפּריל. אינגיכן האָט שוין נעדאַרפט אָנקומען דער טאָג פון דער חתונה. צי וועט אָבער פאַרדעם גאָרנישט געשען? ביז איצט איז זייער קאָנקורענץ געווען בלויז אַ השערה. וואָס וועט זיין, אויב אַן אומפאָרויסגעזעענער פאַל וועט עס פאַרוואַנדלען אין אַ זיכערן אמת און עפּעס אַן אויפטרייסלונג וועט אָפּהילן די פאַרמאַס־קירטע פּנימער פון די קאָנקורענטן?

דידאָזיקע פאַרשטענדלעכע אומרויִקייט האָט אָבער נישט געשטערט לחלוטין די הכנות צו דער חתונה. אַלץ האָט געמוזט ווערן פאַרטיק, אַפילו דאָס קליידל פון מיס לו.

די אַטמאָספערישע אומשטענדן פון דער ערשטער העלפט אַפּריל זענען געווען פאַטאַלע: רעגן, ווינט, דער הימל געדיכט באַדעקט מיט וואָלקנס, וועלכע זענען געקומען איינער נאָכן אַנ־דערן. עס האָט זיך נישט געוויזן די זון, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַ גאַנץ גרויסן קרייז איבערן האָריזאָנט, און נישט די לבנה אין מולד, וואָס האָט מיט אירע שטראַלן געדאַרפט באַ־לויכטן די רוימען, און נישט, פאַרשטייט זיך, דער פאַרלוירענער מעטעאָר.

מיס. הודעלסאָן, דזשעני און פראַנס גאָרדאָן האָבן זיך, פאַרשטייט זיך, נישט באַקלאָגט דערויף, וואָס מ'קען נישט מאַכן קיין שום אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַציעס. אָבער לו, וועלכע האָט נישט סובל געווען קיין ווינט און קיין רעגן, האָט זיך דאָסמאָל געפרייט, וואָס דאָס שלעכטע וועטער האַלט־אָן אַזוי לאַנג, מערער ווי די זון מיטן שענסטן הימל.

— ווען אַזוי זאָל בלייבן כאָטש ביזן טאָג פון דער חתונה,— האָט זי געזאָגט — אויב אין משך פון דידאָזיקע דריי וואָכן זאָל נישט זיין קיין זון, נישט קיין לבנה, נישט קיין שטערנדל אַפילו, וואָלט גוט געווען!

אָבער ווי אויף צו־להכעיס איז פון 15־טן אויפן 16־טן אַפּריל פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע אַטמאָספערישע ענדערונג. דער צפון־ווינט האָט צעטריבן די וואָלקנס, און דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט.

מר. דעאַן פּאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָבןביידע, יעדער איינער פון זיין טורעם, געגומען אויפמערקזאַם אָבסערווירן דעם הימל־געוועלב פון האָריזאָנט ביזן זעניט.

צי איז דער מעטעאָר פאַרבייגעגאַנגען פאַר די גלעזער פון זייערע לונעטעס? דאָס קאָן מען נישט גלויבן, אויב מ'זאָל נעמען אין באַטראַכט דעם פינסטערן פנים־אויסדרוק פון ביידע פאָרשער. זייער שלעכטע שטימונג האָט עדות געזאָגט שוין גענוג קלאָר אויף זייער דורכפאַל. יאָ, דאָס איז געווען די ריכטיקייט. ניין, מר. סידניי הודעלסאָן האָט נישט דערזען גאָרנישט אין די הימל־רוימען, פונקט ווי מר. פאָרסיט. צי האָבן זיי טאַקע צו טאָן מיט אַ בלאָנדזשענדיקן מעטעאָר, וואָס פאַלט נישט אַרונטער אונטערן געזעץ פון דעם ערד־מאַגנעטיזם?

די נאָטיץ, וואָס האָט זיך דעם 19־טן אַפּריל באַוויזן אין די צייטונגען, האָט געגעבן דערויף דעם ריכטיקן ענטפער.

דידאָזיקע נאָטיץ, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך דער באָסטאָנער אָבסערוואַטאָריע, האָט דערציילט:

„איירערנעכטן, פרייטיק דעם 17־טן אַפּריל, אַזייגער ניין מיט ניינצן מינוט און ניין סעקונדעס האָט אַ פּראַכטפולער מעטעאָר דורכגעשניטן די לופט אינם מערב־טייל פון הימל מיט אַ שווינדלדיקער שנעלקייט.

„דערדאָזיקער פאַקט איז אַ מערקווירדיקער, און די שטאָט וואַסטאָן מעג זיין שטאָלץ, וואָס דער, מעטעאָר איז דעמזעלבן טאָג און דיזעלבע שעה באַמערקט געוואָרן דורך זיינע צוויי חשובסטע בירגער.

„לויט דער פּיטסבורגער אָבסערוואַטאָריע, איז עס דערזעלבער מעטעאָר, וועגן וועלכן עס האָט איר דעם 24־טן מערץ געמאָלדן מר. דעאַן פאָרסיט; און לויט דער אָבסערוואַטאָריע אין טשינטשינאַטי, איז עס דערזעלבער, וועגן וועלכן עס האָט דעמזעלבן טאָג צוויסן געגעבן דר. סידניי הודעלסאָן. אַלזאָ, מר. דעאַן פאָרסיט און סידניי הודעלסאָן זענען איינוווינער פון וואַסטאָן, ביידע זייער געשעצט אין דערדאָזיקער שטאָט.

קאַפּיטל זעקס.

וואָס אַנטהאַלט עטלעכע מער אָדער ווייניקער פאַנטאַסטישע באַמערקונגען וועגן מעטעאָרן בכלל און דער עיקר וועגן דעם מעטעאָר, וואָס וועגן זיין אַנטדעקונג קאָנקורירן גלייכצייטיק מר. פאָרסיט און דאָקטאָר הודעלסאָן

אויב אַ געוויסער וועלט-טייל קאָן ווען-עס-איז זיין צופרידן פון די לענדער, וואָס געהערן צו אים, פונקט ווי אַ פאָטער איז צופרידן פון איינעם פון זיינע קינדער, איז עס בלי-שום-ספק צפון-אַמעריקע. אויב אַ רעפּובליק קען זיין שטאָלץ אויף איינעם פון אירע מדינות, איז עס אַוודאי — די פאַראייניקטע שטאַטן. אויב איינער פון די איינאונפופציק שטאַטן, וואָס זייערע איינ-אונפופציק שטערנס באַצירן דעם בונד-פלאַג, קען זיין שטאָלץ אויף איינער פון זיינע הויפּט-שטעט, איז עס ווירגיניע מיט איר הויפּט-שטאָט רישמאָנד. און לסוף, אויב די שטעט אין ווירגיניע קענען זיין שטאָלץ אויף זייערע זין, איז עס די שטאָט וואַסטאָן, וווּ עס איז געמאַכט געוואָרן אַ באַרימטע אַנטדעקונג, וואָס דאַרף פאַרנעמען אַ ריזיקן אָרט אין די יאָר-ביכער פון די אַסטראָנאָמישע יאָרהונדערטער.

אַזוי, לכל-הפּחות, איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג פון די וואַסטאָנער איינוווינער.

מען קאָן זיך לייכט משער זיין, אַז די ציַיטונגען, לכל-

הפחות די וואַסטאָנער צייטונגען, האָבן אָפּגעדרוקט אַ גאַנצע ריי אַרטיקלען, פול מיט באַגייסטערונג, לכבוד מר. דעאַן פּאַר־סיט און דאָקטאָר הודעלסאָן. צי באַשטראַלט דען נישט דער גרויסער נאָמען פון דידאָזיקע צוויי בירגער די גאַנצע שטאָט? ווער פון די בירגער איז אין דעם נישט מיטבאַטייליקט? צי וועט נישט דער נאָמען פון וואַסטאָן בלייבן אויף אייביק פאַר־בונדן מיט דערדאָזיקער אַנטדעקונג?

דער פּועל־יוצא פון דידאָזיקע זשורנאַליסטישע לויב־געזאַנגען האָט זיך בקרוב געלאָזט שפּירן צווישן דער אָרטיקער באַ־פעלקערונג, וועלכע האָט זיך, אַזוי ווי אַלע אַמעריקאַנער, לייכט אונטערגעוואָרפן דער השפעה פון דער עפנטלעכער מיינונג. דער לעזער וועט זיך, אַלזאָ, נישט חידושן, — און אויב יאָ, בעטן מיר אים אונז גלויבן אויפן וואָרט — ווען מיר וועלן אים זאָגן, אַז זיבנט יענעם טאָג אָן האָט די באַפעלקערונג מאַסנוויז גענו־מען גיין אין די הייזער אויף מאָריס־סטריט און עליזאַבעט־סטריט.

קיינער האָט נישט געוווּסט וועגן דער קאָנקורענץ פון מר. פּאָרסיט מיט מר. הודעלסאָן. אָבער די אַלגעמיינע באַגייסטערונג האָט זיי אין דעם פאַל פאַרייניקט, וועגן דעם איז גאָר קיין צווייפל נישטאָ.

פאַר אַלעמען זענען דידאָזיקע צחיי נעמען געווען אומצע־טיילבאַר לעולם־ועד, אומצעטיילבאַר אויף אַזוי ווייט, אַז אין טויזנטער יאָרן אַרום וועלן מסתּמא די היסטאָריקער האַלטן, אַז דיביידע נעמען האָבן געהערט צו איין מענטשן.

איידער אָבער די צייט וועט דערלויבן צו קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון דידאָזיקע השערות, האָט מר. דעאַן פּאָרסיט גע־מוזט זיך באַווייזן אויפן טאַראַס פון זיין טורעם און מר. סידניי הודעלסאָן — פון זיינעם, כדי צו ענטפערן אויף די אויסרופן פון המון.

בעת די הויכע געשרייען זענען דערגאַנגען צו זיי, האָבן זיי זיך מיט דאַנקבאַרקייט פאַרנייגט.

דער גוטער באַאָבאַכטער וואָלט אָבער באַמערקט, אַז זייער שטעל דריקט נישט אויס קיין אומבאַגרענעצטע פרייד. אַ שאָטן האָט פאַרטונקלט זייער נצחון, ווי דער וואָלקן פאַרטונקלט די זון. אַ קרומער בליק איז געגאַנגען פון איין טורעם צום צווייטן און פאַרקערט.

יעדערער פון זיי האָט געזען זיין קעגנער, ווי ער דאַנקט דעם עולם פאַר די אַפּלאָדיסמענטן, און יעדערער האָט ווייניקער אַכט געלייגט אויף די אַפּלאָדיסמענטן אין זיין זייט, נאָר אויפן דיסאָנענס פון דידאָזיקע, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן לכבוד זיין קאָנקורענט.

אין דער אמתן אָבער זענען די אַפּלאָדיסמענטן געווען דיזעלבע.

דער המון האָט נישט געמאַכט קיין שום אונטערשיד צווישן דיביידע אַסטראָנאָמען. דעאַן פאָרסיט האָט נישט באַקומען מער אַפּלאָדיסמענטן, ווי דר. הודעלסאָן, און פאַרקערט.

בעת דידאָזיקע אָוואַציעס, וועלכע האָבן אויפגעלעבט ביידע קוואַרטאַלן. — וואָס האָבן געשמועסט צווישן זיך פון איין זייט פראַנס גאָרדאָן מיט דער דינסט מיק, און פון דער צווייטער זייט פרוי הודעלסאָן, דזשעני און לו? צי האָבן זיי מורא געהאַט, טאָמער וועט דידאָזיקע נאָטיץ פון דער באָסטאָנער אָבסערוואַטאָריע אין די צייטונגען נישט מיטשלעפּן מיט זיך קיין קלאָגעדיקע רעזולטאַטן? דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אין געהיים, איז איצט געוואָרן באַשיינפּערלעך. מר. פאָרסיט און מר. הודעלסאָן האָבן זיך אָפיציעל דערוווּסט וועגן זייער קאָנקורענט. צי האָט מען נישט געקאָנט משער זיין, אַז זיי וועלן זיך ביידע נאָכיאָגן, אויב נישט נאָך קיין נוצן, איז ווייניקסטנס נאָכן כבוד צו זיין אַן אַנטדעקער, און אַז פון דאַנען קאָן אַרויסקומען אַ טרויעריקע שפּאַלטונג צווישן ביידע משפּחות?

עס איז זיך נישט שווער פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ געפילן עס האָבן באַהערשט די פרוי הודעלסאָן און דזשעני, בעת דער המון האָט אַפּלאָדירט דעם אַסטראָנאָם פאַרן הויז.

בעת דער דאָקטאָר איז געשטאַנען אויפן טאַראַס, האָבן זיי זיך פון אַ באַהעלטעניש צוגעקוקט מיט פאַרקלעמטע הערצער דערדאָזיקער מאַניפעסטאַציע, וואָס האָט קיין גוטס נישט אָנ-געזאָגט.

אויב פאַרסיט און הודעלסאָן, אָנגעצרעגט פון אומזיניקע קנאה-געפילן, וועלן נעמען אויף אַן אמת קאָנקורירן צווישן זיך וועגן דער אַנטדעקונג פונם מעטעאָר, צי וועט זיך דער עולם דערפון נישט דערוויסן און צי וועט ער זיך נישט צעטיילן אויף צוויי פאַרטייען, פאַר איינעם און קעגן צווייטן? יעדערער פון זיי וועט האָבן זיינע אָנהענגער, און ביי אַזאַ אויפרעגונג, וואָס וועט באַהערשן די שטאָט, אין וואָס פאַר אַ לאַגע וועלן זיך דאַן געפינען די יונגע מאַן-און-ווייב, דידאָזיקע ראָמעאָ און יוליע, אין דעם וויסנשאַפטלעכן סכסוך, וואָס וועטביידע משפחות פאַרוואַנדלען אין קאַפּולעטיס און מאָנטעקיס*)?

לו איז געווען אויפגעבראַכט. זי האָט געוואָלט אויפעפענען אַ פענסטער און אָוועקטרייבן דעמדאָזיקן המון. זי האָט באַ-דויערט, למאַי זי האָט נישט אונטער דער האַנט אַ וואַסער-פּאָמפּע, וואָס וואָלט דעם עולם באַגאָסן מיט אַ שטראָם קאַלט וואַסער.

די מוטער און די טאָכטער האָבן קוים איינגעהאַלטן דאָס אויפגערעגטע, אָנגעצונדענע מיידל.

אין דער שטוב אויף עליזאַבעט-סטריט איז געווען די-זעלבע.

פראַנס גאָרדאָן וואָלט אויך גערן אָפּגעשיקט צו אַלדי רוחות דידאָזיקע היצקעפּ, וואָס האָבן בלויז געקאָנט פאַרערגערן די אַזוי אויך גענוג אָנגעשטרענגטע לאַגע. ער האָט זיך אויך נישט באַוויזן פאַרן המון, בעת מר. פאַרסיט און אָמיקראָן האָבן געפּאָכעט מיט די הענט פונם טורעם, אויפנעמענדיק מיט גרויס

---

*) איטאַליענישע משפחות, וועלכע האָבן זיך קעגנזייטיק באַקעמפט. שעקספּיר האָט פאַראייביקט זייער קאַמף אין „ראָמעאָ און יוליע".

גאַווה דידאָזיקע אויסדרוקן פון אָנערקענונג.

און פונקט אַזוי, ווי פרוי הודעלסאָן האָט געמוזט באַהערשן לוס אומגעדולד, אַזוי האָט פראַנס געמוזט צוימען דעם גרימ-צאָרן פון דער גרויזאַמער מיך.

די דינסט האָט געוואָלט, נישט מער און נישט ווייניקער, נאָר אָפּרוימען דעם עולם, און אין איר מויל איז דראָונג נישט געווען קיין פוסטע פראַזע.

קיינער האָט נישט געדאַרפט צווייפלען, אַז דידאָזיקע כּלי, מיט וועלכער זי האָט זיך טאָג-טעגלעך אַזוי מייסטערהאַפט באַנוצט, וואָלט אין אירע הענט אויפגעטאָן ווונדער. יעדנפאַלס וואָלט אַ קבלת-פּנים מיט דער באַרשט פאַר מענטשן, וואָס זענען געקומען אויסדריקן זייער אָנערקענונג, געווען נישט קיין איבעריק העפלעכע האַנדלונג.

— אַך, קינד מיינס, צי זענען די שרייער געריירט פון זינען?

— מ׳קאָן טאַקע גלויבן, אַז יאָ — האָט פראַנס געאָרדאָן געענטפערט.

— און דאָס אַלץ צוליב עפּעס אַ שטיין, וואָס שפּאַצירט אַרום איבערן הימל?

— יאָ, מיך.

— עפּעס אַ מ ע ד אָ ר!

— אַ מעטעאָר, מיך, — האָט איר פראַנס פאַרריכט, איינהאַלטנדיק זיך פון געלעכטער.

— נו יאָ, אַ מ ע ר אָ ר, איך זאָג דאָך עס טאַקע — האָט מיך מיט איבערצייגונג איבערגעחזרט — ווען ער קען זיי אַזוי אַראָפּפאַלן אויף די קעפּ און צעשמעטערן כאָטש אַ האַלבן טוץ! און זאָג מיר, איך בעט דיך, דו, וואָס דו ביסט דאָך אַ געלערנטער, וואָס טויג זיי אַזאַ שטיין?

— צו צעשמעטערן צוויי משפּחות — האָט פראַנס געאָרדאָן דערקלערט, בעת דער עולם האָט גאַנץ געשמאַק אַפּלאָדירט דעם אַסטראָנאָם.

פאַרוואָס זאָלן זיך אָבער די צוויי פריינד נישט צעטיילן, אַ שטייגער, מיטן רום פון זייער אַנטדעקונג? זיי האָבן זיך דאָך נישט געמאַכט קיין שום איינרעדענישן מכוח מאַטעריעלן נוצן, מכוח געלט-רווחים.

עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט, אַלזאָ, וועגן ריין פּלאַטאָנישן רום. איז פאַרוואָס-זשע זאָלן זיי נישט איינגיין, לאָמיר זאָגן, אַז ביידנס נעמען זאָלן זיין פאַרבונדן מיט דערדאָזיקער אַנט-דעקונג ביזן סוף פון די דורות? נו, פאַרוואָס? פשוט דערפאַר, ווייל דאָ האָט געשפּילט אַ ראָלע די אייגנליבע און די גאווה. און ווען עס גייט אין אַמביציע און אייגנליבע, ווער איז דאַן בכוח איבערצורעדן דעם מענטשן?

צי שאַפט אָבער די אַנטדעקונג פון אַ מעטעאָר באמת אַזאַ גרויסן נאָמען? צי איז עס נישט אַ פשוטער צופאַל? צי ווען דער מעטעאָר זאָל נישט פאַרביילויפן אַזוי העפלעך דאָס ראיה-פעלד פון פּאָרסיטס און הודעלסאָנס מכשירים אין יענעם מאָמענט, ווען זייערע אויגן האָבן געקוקט דורכן טעלעסקאָפּ, — צי וואָלטן זיי אים דערזען דען, די צוויי אַסטראָנאָמען, וואָס האַלטן זיך דערמיט אַזוי גרויס?

און איבעריקנס, צי גייען נישט פאַרביי טאָג-און-נאַכטווייזנטער אַזעלכע הימל-קערפּער, אַזעלכע מעטעאָרן, אַזעלכע זינקענדיקע שטערן? צי וואָלט גאָר מעגלעך געווען צו ציילן דידאָזיקע פייער-קוילן, וואָס שוועבן-דורך מאַסנווייז די הימל-רוימען איבער זייע-רע פאַנטאַסטישע קרייזן?

זעקסהונדערט מיליאָן מעטעאָרן, האַלטן די געלערנטע, שוועבן פאַרביי דורך דער ערדישער אַטמאָספער אין משך פון איין נאַכט, דאָס הייסט צוועלף הונדערט מיליאָן אין אַ מעת-לעת.

דידאָזיקע ליכט-קערפּער פליען, אַלזאָ דורך אין די מיליאָסן, און ניוטאָן האָט געהאַלטן, אַז פון צען ביז פופצן מיליאָן קאָן מען דערבליקן מיטן נאַקעטן אויג.

„דריבער טאַקע, — האָט געשריבן „פּונטש", די אײנציקע װאָסטאָנער צײַטשריפֿט, װאָס האָט דעם גאַנצן ענין באַהאַנדלט װי אַ װיץ — איז לײַכטער צו געפֿינען אױפֿן הימל אַ מעטעאָר, אײדער אין פֿעלד אַ װײץ-קערנדל, און מ׳קען זאָגן גאַנץ דרײַסט, אַז אונזערע אַסטראָנאָמען טרײַבן-איבער די געשיכטע מיט דערדאָזיקער אַנטדעקונג, װעגן װעלכער עס לױנט גאָרנישט צו רעדן."

און אױב דער סאַטירישער „פּונטש" האָט געטאָן אַלץ, כּדי פֿאַרצושטעלן די זאַך פֿון דער קאָמישער זײַט, האָבן זײַנע ערנסטערע חברים, אָנשטאָט צו גײן אין זײַנע שפּורן, אױסגענוצט די געלעגנהײט, כּדי זיך אַרױסצװײַזן מיט זײער נאַר-װאָס דערװאָרבענעם װיסן, װאָס האָט געמעגט אַרױסרופֿן קנאה בײַ די בעסטע פֿאַכלײַט.

„קעפּלער שרײַבט „װאָסטאָן סטענדאַר" — האָט געמײנט, אַז די מעטעאָרן װערן געשאַפֿן פֿון די ערד-דאַמפֿן. עס זעט אױס װאַרשײַנלעכע, אַז דידאָזיקע דערשײַנונגען זענען אַעראָליטן, בײַ װעלכע מ׳האָט באַמערקט שפּורן פֿון געװאַלדיקער ברענונג. אין די צײַטן פֿון פּלוטאַרך האָט מען זײ שױן באַטראַכט פֿאַר מינעראַל-מאַסן, װאָס פֿאַלן אַראָפּ אױף דער ערד, װען זײ פֿאַלן אַרײַן, בעת זײער פֿלי, אין דעם װירקונגס-קרײַז פֿונם ערד-מאַגנעטיזם. די פֿאָרשונג פֿון די מעטעאָרן האָט געװיזן, אַז זײער באַשטאַנד שײדט זיך נישט אונטער מיט גאָרנישט פֿון די אונז באַקאַנטע מינעראַלן און אַז בכלל אַנטהאַלטן אַ דריטל חלק עלעמענטן. אָבער װיפֿיל פֿאַרשידנאַרטיקײט פֿאַרמאָגט דידאָזיקע אָנזאַמלונג פֿון עלעמענטן! זײער באַשטאַנדטײלן זענען אָדער זײער קלײן אָדער גרױס װי אַרבעס אָדער ניסלעך; זײ זענען גאַנץ האַרט און װײַזט אַרױס, בעתן צעקלאַפּן זײ, שפּורן פֿון קריסטאַליזאַציע. אַנדערע פֿון זײ באַשטײען פֿון אײַזן, טײלמאָל צוגעמישט מיט ניקל, און זײ װערן לחלוטין נישט אָקסידירט."

דאָס, וואָס „וואַסטאָן סטענדאַר״ האָט דערציילט זייִנע לעזער, האָט פֿולשטענדיק געשטימט מיט דערווירקלעכקייט. „דיילי וואַסטאָן״ ווידער האָט באַזונדערס באַטאָנט די פֿאָרשונגען פֿון די אַלטערטימלעכע און מאָדערנע געלערנטע אַרום די מעטעאָרן.

אָט וואָס ער האָט געשריבן:

„דיאָגענעס פֿון אַפּאָלאָניע האָט דען נישט דערציילט וועגן אַ צעגליטן שטיין, גרויס ווי אַ מיל-שטיין, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן ביי עגאָס-פּאָטאַמאָס און האָט אָנגעוואָרפֿן אַ פּחד אויף די טראַקער איינוווינער? ווען אַזאַ שטיין זאָל אַראָפּפֿאַלן אויפֿן גלאָקן-טורעם פֿון סען-אַנדרע, וואָלט ער אים פֿולשטענדיק צעשמעטערט. זאָל אונז דערלויבט זיין ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט צו דערמאָנען געוויסע שטיינער, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין דער ספֿערע פֿון דעם ערדישן דרוק און זענען פֿון די רוימען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד; אַ שטייגער, פֿאַר אונזער ערע, — אַ דונער-שטיין, וועלכן מ׳האָט אין גאַלאַטיע אָפּגעגעבן געטלעכן כבוד, ווי דעם סימבאָל פֿון ציבעלאַ, דער ערד-געטין, און וועלכער איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן קיין רוים; אָדער ווידער אַ שטיין, וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין סיריע און איז געווידמעט דער באַערונג פֿון דער זון; אָדער דער הייליקער שילד, וואָס איז געפֿונען געוואָרן אין נומאַס צייטן; אַ שוואַרצער שטיין, וואָס ווערט מיט יראַת-הכּבוד געהאַלטן אין מעקאַ; אַ דונער-שטיין, פֿון וועלכן מ׳האָט אויסגעשמידט די באַרימטע אַנטאַר-שווערד. און אין אָנהויב פֿון אונזער ערע — וועגן וויפֿיל אַעראָליטן האָט מען שוין דערמאָנט, באַשרייבנדיק די אומשטענדן פֿון אַלע פֿאַלן; אַ שטייגער, אַ שטיין פֿון צווייהונדערט זעכציק פֿונט, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון ענזיסהיים אין אַלזאַס; אַ שוואַרצער שטיין מיט אַ מעטאַלישן גלאַנץ, אין דער געשטאַלט און די גרויס פֿון אַ

מענטשן-קאָפּ, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן באַרג ווענזאָן
אין פּראָוואַנס; אַ זיבעציקפֿונטיקער שטיין, וואָס גיט אַרויס
פֿון זיך דעם ריח פֿון שוועבל און זעט אויס, ווי ער וואָלט
געמאַכט געוואָרן פֿון ים-שוים, — ער איז אַראָפּגעפֿאַלן
אין לאַריני, אין מוקדון; אַ שטיין, וואָס איז געפֿונען גע-
וואָרן אין יאָר 1763 אין לויסע, נישט ווייט פֿון שאַרטר,
און איז געווען אַזוי צעגליט, אַז מ'האָט זיך נישט גע-
קענט צו אים צורירן. צי דאַרף מען אויך נישט דערמאָ-
נען דעם הימל-קערפּער, וואָס האָט זיך באַוויזן אין יאָר
1203 צו די איינוווינער פֿון דער נאָרמאַנדישער שטאָט
לעגל, וועגן וועלכן הומבאָלד שרייבט אָט-וואָס: „איינס
אַזייגער בייטאָג, ווען דער הימל איז געווען לויטער, האָט
מען דערזען אַ גרויסן הימל-קערפּער, וואָס איז דורכגע-
לאָפֿן אין דער ריכטונג פֿון דרום-מזרח צו צפֿון-מערב צו;
אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אין משך פֿון אַ פֿינף-
זעקס מינוט געהערט דעם אָפּקלאַנג פֿון אַן אויפֿרייס, וואָס
זיין גורם איז געווען אַ קליין, שוואַרץ וואָלקנדל, כמעט
אַן אומבאַוועגלעכס; דערנאָך האָט מען דערהערט דריי
אָדער פֿיר שאָסן, וואָס האָבן דערמאָנט אָן ביקס-זאַלפֿן,
צוזאַמענגעמישט מיטן אָפּקלאַנג פֿון אַ העפֿטיקער פּויקע-
ריי. ביי יעדן שאָס האָט זיך פֿון דעם שוואַרצן וואָלקנדל
אָפּגעטיילט אַ טייל פֿון די דאַמפֿן, וואָס האָבן אים באַ-
שאַפֿן. מ'האָט אָבער אין דעם אָרט נישט באַמערקט קיין
שום ליכט-דערשיינונג. איבער טויזנט מעטעאָרישע שטיינער
זענען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער עליפּטישער אויבערפֿלאַך,
וואָס איר גרויסע אַקס, אין דער ריכטונג פֿון דרום-מזרח
צו צפֿון-מערב צו, האָט געהאַט עלף קילאָמעטער די לענג.
די דאָזיקע שטיינער האָבן זיך גערויכערט און זענען געווען
צעגליט, הגם זיי האָבן נישט געברענט, און מען האָט
פֿעסטגעשטעלט, אַז עס איז לייכטער געווען זיי צו צע-
קלאַפּן אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכן פֿאַל, איידער שפּעטער".

„דיילי וואַסטאָן" האָט וועגן דעם פֿאַרשריבן עטלעכע שפּאַלטן אומדערשעפּלעך אין אויסרעכענען די פּרטים, וואָס עס זאָגט עדות, לכל־הפּחות, אויף דער געוויסנהאַפטיקייט פון די רע־דאַקטאָרן.

אַנדערע צייטונגען זענען, איבעריקנס, אויך נישט געבליבן הינטערשטעליק. אַזוי־ווי די אַסטראָנאָמיע איז דעמאָלט געווען שטאַרק אַקטועל, האָבן זיי אַלע געשריבן וועגן אַסטראָנאָמיע, און אויב ווער פון די ווייסטאָנער איינוווינער איז איצט נישט געווען קיין מבין אויף די אַראָפּפאַלנדיקע הימל־קערפּער, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געהאַט גענוג גוטן ווילן.
צו די ידיעות פון „דיילי וואַסטאָן" האָט די „וואַסטאָנער נייעס" צוגעגעבן פרישע. ער האָט דערמאָנט וועגן דער פייער־קויל מיטן דיאַמעטער צוויי מאָל אַזוי גרויס, ווי דער דיאַמע־טער פון דער לבנה, וואָס מען האָט אין יאָר 1254 דערזען פריער אין הורוואָרט, דאַן אין דאַרלינגטאָן, דירהאַם און דינ־דע, און וואָס איז אָן אַן אויפרייס אַדורכגעפלויגן פון איין האָ־ריזאָנט צום צווייטן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ לאַנגן שטרייף ליכט פון גאָלד־קאָליר, אַ ברייטן, געפּאַקטן שטרייף. וואָס האָט העל אָפּגעשלאָגן פון דעם טונקל־תכלתדיקן אונטערגרונט פונם הימל.

ווייטער האָט ער דערציילט, אַז אויב די קויל איז אַדורכ־געפלויגן אָן אַן אויפרייס, האָט ווידער אַן אַנדערע, וועלכע איינער פון די איינוווינער פון קאַסטיליאָן אין פראַנקרייך האָט דערזען דעם 14־טן מאַי 1864, אויפגעריסן מיט דער גאַנצער קראַפט. נישט געקוקט דערויף, וואָס איז דעמדאָזיקן מעטעאָר געווען צו זען בלויז פינף סעקונדעס, איז זיין שנעלקייט גע־ווען אַזאַ געוואַלדיקע, אַז ער האָט אין משך פון אָט דער קור־צער צייט אָנגעצייכנט אַ בויגן פון גאַנצע זעקס גראַד. זיין פאַרב, פריער אַ תכלת־גרינע, האָט זיך דערנאָך פאַרוואַנדלט אין אַ ווייסע מיט אַן אויסערגעוויינלעכן גלאַנץ.
צווישן דעם אויפרייס און דעם אָפּקלאַנג איז פאַרביי אַ

דריי-פיר מינוט, וואָס עס באַווייזט אויף דער דערוווייטערונג פון אַ זעכציק ביז 80 קילאָמעטער. דאָס הייסט, אַז די אויפרייס-קראַפט האָט איבערגעשטיגן אַלע מעגלעכע אויפרייסן אויף דער ערד. וואָס שייך די הויך פון דעמדאָזיקן מעטעאָר, איז אור-טיילנדיק לויט זיין הויך איבער דער ערד, האָט זיין דיאַמע-טער באַטראָפן נישט ווייניקער פון פופצנהונדערט פוס, און זיין שנעלקייט, וואָס האָט באַטראָפן העכער הונדערט מיט דרייסיק קילאָמעטער אויף אַ סעקונדע, האָט אומגעהייער איבערגעשטיגן די שנעלקייט פון דער ערד אין איר באַוועגונג אַרום דער זון.

דערנאָך איז אַרויס דער „וואַסטאָנער פרימאָרגן" און דאַן דער „וואַסטאָנער אָוונט"; ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט די, אַגב זייער אָפטע, מעטעאָרן. וואָס באַשטייען כמעט אינגאַנצן פון אייזן.

ער האָט דערמאָנט זיינע לעזער, אַז איינע פון דידאָזיקע מעטעאָרישע מאַסן, געפונען אויף די סיבירער פלאַכלענדער, האָט געוועגט לכל-הפּחות זיבנהונדערט קילאָגראַם; אַן אַנדערע ווי-דער, אַנטדעקט אין בראַזיליע, האָט געוועגט ביז זעקס טויזנט קילאָגראַם; אַ דריטע, וואָס האָט געוועגט פערצן טויזנט קילאָ-גראַם, האָט מען געפונען אין אָלימפּ, אין טוקומאַן; און די לעצטע, וועלכע איז אַראָפּגעפאַלן אין דער געגנט פון בוראַנ-צאָ, אין מעקסיק, האָט דערגרייכט די ריזיקע וואָג פון ניינצן טויזנט קילאָגראַם!

בלי ספק, מיר וועלן נישט איבערטרייבן, זאָגנדיק, אַז אַ געוויסער טייל פון דער וואַסטאָנער באַפעלקערונג האָט פּשוט געכאַפּט אַ ציטער, לייענענדיק דידאָזיקע אַרטיקלען. דער מע-טעאָר פון פּאַרסיס און הודעלסאַן, דערזען אין די אונז באַ-קאַנטע אומשטענדן, מסתמא אויף אַ באַדייטנדיקן שטח, האָט אַוודאי מיט זיין אויפגאַנג איבערגעשטיגן אַלע מעטעאָרן פון טוקומאַן און דוראַנצאָ. ווער ווייס, צי דערגרייכט אָדער שטייגט נישט איבער זיין גרויס דעם אָעראָליט פון קאַסטיליאָן, וואָס זיין דיאַמעטער באַטרעפט טויזנט מיט פינפהונדערט פוס? צי

קען זיך בכלל פאָרשטעלן די וואָג פון אַזאַ מאַסע! אויב דער מעטעאָר וועגן וועלכן מיר ריידן דאָ, האָט זיך באַוויזן אויפן וואַסטאַנער זעניט, הייסט עס, אַז וואַסטאַן געפינט אויפן וועג פון זיין לויף. ער וועט זיך ווידער באַווייזן איבער דער שטאָט, אויב דער וועג וועט אָננעמען די פאָרם פון אַ קרייז. דעריבער, אויב ער זאָל זיך צוליב וועלכע-עס-איז סיבות אָפּשטעלן אין זיין לויף, וועט וואַסטאַן זיין אויסגעשטעלט אויף אַן אויפטרייסלונג, וועלכע מ׳קען זיך צומאָל נישט פאָרשטעלן!

דאָס איז געווען די איינציקע געלעגנהייט מודיע צו זיין די איינוווינער, וועלכע האָבן דערפון נישט געוווּסט, אָדער צו דערמאָנען די, וועלכע האָבן וועגן דעם געהערט, וועגן דעם פעסטן געזעץ, אַז אַ לעבעדיקע קראַפט אַנטשפּרעכט דער מאַסע, געכּופּלט איבערן קוואַדראַט פון דער שנעלקייט — אַ שנעלקייט, וואָס איז נאָך דערצו אונטערגעוואָרפן דעם גרויזאַמען געזעץ פון קערפּער-אַראָפּפאַל און וואָס וואָלט בנוגע אַ מעטעאָר, פיר-הונדערט קילאָמעטער ווייט פון דער ערד, באַטראָפן אַ דריי טויזנט מעטער אויף אַ סעקונדע — אינם מאָמענט, ווען ער וועט זיך צעפּלאַטשיקן אויף דער ערד-פּלאַך!

מען מוז מודה זיין, אַז די וואַסטאַנער פּרעסע האָט נישט פאַרזוימט צו טאָן איר פליכט און קיינמאָל זענען די צייטונגען נישט געווען אַזוי פול מיט מאַטעמאַטישע פאָרמולן, ווי אין אָט דער הייסער מינוט.

ביסלעכווייז האָט די וואַסטאַנער איינוווינער געגומען באַהערשן אַן אומרו. דער געפּערלעכער, דראָענדיקער מעטעאָר איז געוואָרן דער אַלגעמיינער שמועס אויף די גאַסן און פּלעצער, אין די געזעלשאַפטן און אין דער היים. די ווייבער האָבן געזען אין חלום צעשמעטערטע געבעט-הייזער און חורבות פון איינגעפאַלענע שטיבער. די מענער האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק צו הויבן מיט די אַקסלען; זיי האָבן עס אָבער געטאָן אָן איבערצייגונג. טאָג און נאַכט, קען מען זאָגן, זענען אויפן קאָנסטיטוציע-פּלאַץ און אויך אין די ווייטערע גאַסן געשטאַנען אַן

אויפהער גרופּעס מענטשן. עס האָט זיי אַפילו נישט געשטערט דאָס פאַרענדערלעכע, אומזיכערע וועטער. קיינמאָל נאָך האָבן די אָפּטיקער נישט פאַרקויפט אַזוי פיל לונעטעס, לאָרנעטעס, כּלערליי שפּאַקטיוון און אַנדערע אָפּטישע מכשירים! קיינמאָל נאָך האָט דער הימל נישט געזען אַזוי פיל בליקן, געווענדעט צו אים, באַאומרויקטע בליקן פון די וואַסטאָנער איינוווינער. צי וועט זיך דער מעטעאָר באַווייזן אָדער נישט, — אַ געפאַר האָט געדראָט, און דאָס — יעדע מינוט, יעדע רגע, אַפילו יעדע סעקונדע.

מ׳דאַרף אָבער באַמערקן, אַז די סכּנה איז געווען דראָנדיקע פאַר אַלע לענדער, דאָס הייסט, פאַר אַלע שטעט, שטעטלעך, דערפער און דערפלעך, וואָס זענען געלעגן אויפן וועג פון זיין קרייז. יאָ, אַוודאי. אויב דער מעטעאָר, ווי מ׳האָט זיך משער געווען, וועט אַרומקרייזן די גאַנצע ערד, וועלן אַלע פּונקטן, וואָס געפינען זיך אונטער זיין וועג-קרייז, זיין באַדראָט אין דערזעלבער מאָס. פונדעסטוועגן האָט וואַסטאָן, אויב מיר וועלן זיך אויסדריקן אולטראַ-מאָדערן, געשלאָגן רעקאָרד אין דערדאָזיקער שרעק, שוין דערפאַר, ווייל וואַסטאָן איז געווען דאָס אָרט, ווו מ׳האָט דעם מעטעאָר צום ערשטן מאָל דערזען.

עס איז אָבער געווען אַ צייטונג, וואָס האָט זיך געהאַלטן אָנגרייפנדיק צום גאַנצן ענין און האָט זיך נישט באַצויגן צו אים ערנסט. דערפאַר איז דידאָזיקע צייטונג נישט געווען אַזוי העפלעך צו פאָרסיטן און הודעלסאָנען און געמאַכט זיי, אויף אַ שפּאַסיקן אופן, פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער סכּנה, וואָס האָט געדראָט דער שטאָט.

„צו וואָס האָבן זיי זיך גענומען, דידאָזיקע אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער? — האָט געשריבן „פּונטש“ — צי האָבן זיי געדאַרפט אויפרייצן די הימל-רוימען מיט זייערע שפּאַקטיוון און טעלעסקאָפּן? צי האָבן זיי נישט געקענט צורו לאָזן דעם הימל און נישט באַשעפטיקן זיך מיט זיינע קערפּער? צי איז נישטאָ גענוג, און אַפילו צו-

פיל, געלערנטע, וואָס מישן זיך אַריין אין פרעמדע עסקים
און גנבענען זיך אַריין אומדיסקרעט אין די פּלאַנעט-ספערן ?
די הימל-קערפּער זענען זייער שעמעוודיקע און זיי האָבן
נישט ליב, מען זאָל זיי אָנקוקן פון דער נאָענט. יאָ,
אונזער שטאָט איז באַדראָט, קיינער פילט זיך נישט גע-
נוג זיכער, און קיין אויסוועג איז נישטאָ ! מ׳קען זיך
פאַרזיכערן קעגן אַ שרפה, אַ האָגל, אַ ציקלאָן... אָבער
ווי פאַרזיכערט מען זיך קעגן אַ מעטעאָר, וואָס איז אפשר
צען מאָל גרעסער פון וואַסטאָנער ציטאַדעל און האַלט
אָט-אָט ביים אַרונטערפאַלן !... און אויב עס זאָל ביי דעמ-
דאָזיקן אַראָפּפאַל פאָרקומען אויך אַן אויפרייס, וואָס עס
איז אַן אָפּטע דערשיינונג ביי אָט דעם מין קוילן, וועט
די גאַנצע שטאָט באָמבאַרדירט ווערן און וועט אומקומען
אין פייער, אויב די באָמבעס וועלן זיין צעגליט ! נעמענ-
דיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, איז עס דער אונטערגאַנג
פון אונזער ליבער שטאָט, — נישטאָ וואָס אויסצובאַהאַלטן!
זאָל מען זיך ראַטעווען, ווער עס קען !... אָבער פאַרוואָס
זענען די הערן פאָרסיט און הודעלסאָן נישט געבליבן זיצן
רו:ק אין זייער פאַרטער, אָנשטאָט צו פאָרשן מעטעאָרן
פון זייערע טורעמס ? זיי האָבן זיי מיט זייער אומדיס-
קרעטקייט אַרויסגערופן, געבראַכט די צרה אויף אונזערע
קעפּ דורך זייערע געמיינע אינטריגעס. אויב וואַסטאָן וועט
חרוב ווערן, אויב ער וועט ווערן צעשמעטערט אָדער
פאַרברענט דורך דעמדאָזיקן מעטעאָר, וועט עס זיין זיי-
ער שולד, און מיר וועלן עס האָבן זיי צו פאַרדאַנקען !..
באמת, מיר פרעגן יעדן אומפּאַרטייאישן לעזער, דאָס
הייסט, אַלע אַבאָנענטן פון „וואַסטאָנער פּונטש״, צו וואָס
טויגן זיי אונז, די אַלע אַסטראָמען, אַסטראָלאָגן, מעטע-
אָראָלאָגן און אַנדערע חיות-רעות אויף „לאָזן״ ? וואָס
פאַר אַ גוטס איז אַרויסגעקומען פון זייערע „געלערנטע״
אַרבעטן ?... ווער עס שטעלט די: פראַגע, מוז אויף איר

ענטפערן, און וואָס שייך אונז, בלייבן מיר ווייטער פעסט ביי אונזער מיינונג, וואָס דריקט זיך אויס אַזוי גוט אין דער פּרעכטיקן זאַץ, וועלכן מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם געניאַלן און באַרימטן פּראַנצויז, בריליאַ-סאַוואַרען: „די אַנטדעקונג פון אַ נייער פּאָטראַווע וועט אונז ברענגען מער גליק, איידער די אַנטדעקונג פון אַ שטערן!" מיט וויפיל פאַראַכטונג וואָלט זיך בריליאַ-סאַוואַרען באַצויגן צו דידאַזיקע צוויי פאַרברעכער, וואָס האָבן נישט מורא געהאַט אַרויפצושלעפן אויף זייער לאַנד די שווערסטע קאַטאַקליזמען — צוליב דעם פאַרגעניגן פון אַנטדעקן אַ פּשוטן מעטעאָר?"...

קאַפּיטל זיבן,

אין וועלכן מיר וועלן זען, ווי פרוי הודעלסאָן איז פאַרעגמת-נפשט צוליב איר מאַנסהאַנ-דלונג, און אין וועלכן מיר וועלן הערן, ווי אַזוי מיץ רעכנט זיך אָפּ ווי ס'קער צו זיין מיט איר באַלעבאָס.

וואָס האָבן מר. דעאַן פּאָרסיט און דאָקטאָר הודעלסאָן געענטפערט אויפן חוזק פונם „וואַסטאָנער פונטש"? גאָרנישט, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געלייענט דעם אַרטיקל פון דער חוצפּהדיקער צייטונג.

נישט וויסן וועגן די אומאָנגענעמע זאַכן, וואָס ריידן וועגן אונז, איז דאָס איינציקע מיטל נישט צו ליידן צוליב זיי, אַזוי וואָלט ה' דע-לאַ-פּאַליס מיט זיין גרויסער חכמה געזאָגט. אָבער דער חוזק, וואָס איז מער אָדער ווייניקער שאַרפזיניק, איז נישט אָנגענעם פאַר די, צו וועלכע ער איז געווענדט, אויב די-דאָזיקע מענטשן זענען וועגן דעם נישט אינפאָרמירט, איז פאַר זייערע קרובים און פריינד.

מיץ איז געווען אויסער זיך. חושד זיין איר באַלעבאָס, אַז ער האָט צוגעצויגן אַ מעטעאָר, וואָס דראָט דער אַלגעמיי-נער זיכערקייט!... לויט איר מיינונג, האָט מר. פּאָרסיט געדאַרפט אָנקלאָגן אין געריכט דעם מחבר פון דעם אַרטיקל, און דער ריכטער דזשאָן פּרוט וואָלט שוין, אויף וואָס פאַר אַן אַנטשעדי-

קונג אים צו פאַרמשפּטן, נישט רעדנדיק שוין וועגן תּפיסה, וועל־בע די פאַרשוואַרצער זענען ווערט.

די קליינע לו האָט אָבער געגלויבט דידאָזיקע ווערטער און זי האָט אָן וואַקלעניש אָנערקענט, אַז „וואַסטאָנער פּונטש" איז גערעכט.

— יאָ, ער איז גערעכט. פאַרוואָס האָבן מר. פּאַרסיט און דער פּאַטער געשטרעבט דערצו, אַז זיי זאָלן דווקא אַנטדעקן דעמדאָזיקן שטיין? ווען נישט זיי, וואָלט ער אַדורכגעלאָפן אומ־באַמערקט, ווי אַלע אַנדערע און וואָלט אונז קיין שלעכטס נישט געטאָן.

דאָסדאָזיקע שלעכטס, געסער געזאָגט — דאָס אומגליק, וועגן וועלכן דאָס מיידל האָט געטראַכט, איז געווען די אומ־פאַרמיידלעכע קאָנקורענץ צווישן דעם פּעטער פון פּראַנסן און דזשעניס פּאַטער, צוזאַמען מיט אַלע אומשטענדן ערב דער חתונה, וואָס האָט געזאָלט ענגער צוזאַמענקניפּן די באַציונגען צווישן ביידע פאַמיליעס.

די שרעק פון מיס לו איז געווען אַ גערעכטע, און וואָס עס האָט געדאַרפט פּאַרקומען איז טאַקע אינגיכן געשען. כּל־זמן מר. פּאַרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן זיך בלויז קעגנזייטיק חושד געווען, איז צו קיין שום רייבונג נישט געקומען. הגם זייערע באַציונגען זענען געוואָרן קעלטער, הגם זיי האָבן זיך ביידע אויסגעמיטן, דאָך איז קיין שום וויכטיקע זאַך נישט געשען.

אָבער איצט, ווען מ'האָט געמאָלדן דער עפנטלעכקייט, אַז די אַנטדעקונג פונם מעטעאָר געהער צו ביידע וואַסטאָנער אַסט־ראָנאָמען, — וואָס טוט מען אַצינד? צי וועלן זיי זוכן די בכורה? צי וועט עס פאַרבלייבן אַ פּריוואַטער ענין און צי וועט עס דערפירן בלויז צו די געוויינלעכע מיספאַרשטייענישן, — אָדער זיי וועלן גאָר נעמען פירן אויף די צייטונגס־שפּאַלטן פּאָלעמישע וויכּוחים, וועלכע די וויסטאָנער פּרעסע וועט העפ־לעך אָפּגעבן פּלאַץ?

מען האָט נישט געוווּסט גאָרנישט, און נאָר די צוקונפט וועט אַנטשיידן. זיכער איז בלויז דאָס, אַז נישט מר. פּאָרסיט, נישט דר. הודעלסאָן האָבן מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דער חתונה, וואָס איר טערמין האָט זיך דערנענטערט צו לאַנגזאַם פּאַר חתן-כּלה.

ווי-נאָר מ'האָט מיט זיי גענומען ריידן וועגן דער זאַך, האָבן זיי שטענדיק אויסגעפונען עפּעס אַ וויכטיקע סיבה, וואָס האָט זיי געטריבן גלייך זיך אומצוקערן אין דער אָבסערוואַטאָריע. איבעריקנס, זיי האָבן דאָרט בכלל פאַרבראַכט זייער גאַנצע צייט, וואָס אַ טאָג מער פאַרנומען און באַאומרויקט.

באמת, הגם די אָפיציעלע אַסטראָנאָמען האָבן דעם מעטעאָר נאָכאַמאָל געהאַט געזען, דאָך האָבן זיי אים נישט געקאָנט דערבליקן. צי זאָל ער זיך האָבן אויף אַזויפיל דערווייטערט, אַז זיין מרחק איז אומצוטריטלעך געוואָרן פאַר זייערע מכשירים? דידאָזיקע השערה איז אַ וואַרשיינלעכע, אָבער נישט קיין זיכערע. דעריבער טאַקע האָבן זיי אָן אויפהער, טאָג און נאַכט, געוואַכט און אויסגענוצט יעטוועדע מינוט פון לויטערן וועטער.

ווען עס זאָל נאָך לאַנג אַזוי דויערן, וואָלטן זיי מסתּמא קראַנק געוואָרן.

ביידע האָבן זיך אומזיסט באַמיט אויסצורעכענען די עלעמענטן פונעם הימלשן קערפּער, וואָס ביידע האָבן קאָנקורירט וועגן זיין אַנטדעקונג, מיט דער איינרעדעניש, אַז געווינען וועט דער, וועמ עס וועט זיין אַ בעסערער מאַטעמאַטיקער.

אָבער זייער איינציקע באַאָבאַכטונג האָט געדויערט צו קורץ, אַז זי זאָל זיי קאָנען געבן גענוג זיכערע פּאָזיציעס פאַר זייערע פאָרמולן.

עס איז נויטיק געווען נישט איין אָבסערוואַציע, נאָר זייער אַסאַך, כּדי גענוי אויסצוחשבונען דעם וועג-קרייז פונעם מעטעאָר.

זיי האָבן געזוכט און געפּאָרשט, ביידע אין איין ש עק,

טאָמער וועט דער צווייטער אויסכאַפּן פריער. אָבער דער קאָפּ-ריזנער מעטעאָר איז נישט צוריקגעקומען — אָדער ער האָט זיך געמאַכט נישט-וויסנדיק.

דערדאָזיקער דורכפאַל האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף דער שטימונג פון ביידע אַסטראָנאָמען. מ'האָט נישט געקאָנט צוגיין צו זיי נענטער.

צוואַנציק מאָל אַ טאָג האָט מר. פאָרסיט אויסגעלאָזט זיין גאַנצן כעס צו אָמיקראָנען, וועלכער איז אים נישט געבליבן שולדיק.

דער דאָקטאָר ווידער, וועלכער האָט נישט געהאַט צו וועמען אויסצולאָזן זיין צאָרן, האָט אים מיט פאַרביטערונג גע-שטיקט אין זיך.

ווער וואָלט אין אַזעלכע באַדינגונגען דערוועגט זיך צו דערמאָנען וועגן דעם חתונה-אָפּמאַך אָדער אַ חופּה?

אָבער דריי טעג זענען שוין פאַרביי, זינט די צייטונגען האָבן געמאָלדן וועגן דער ידיעה פון דער באָסטאָנער אָבסער-וואַטאָריע.

דער הימל-זייגער, וואָס זיין ווייזער איז די זון, וואָלט מסתמא צו וויסן געגעבן, אַז עס איז געקומען דער טאָג פון 22-טן אַפּריל, ווען דער גרויסער זייגערמאַכער זאָל אים באַזאָרגן מיט אַ געהעריקער איינריכטונג.

נאָך אַ קנאַפּע צוויי צענדליק טעג, און עס וועט אָנקו-מען די גרויסע דאַטע, הגם די אומגעדולדיקע לו האָט גע-טענהט, אַז זי איז גאָר בכלל אין קאַלענדאַר נישטאָ.

צי האָט מען עס געדאַרפט דערמאָנען דעם פעטער פון פראַנס גאָרדאָן און דזשעני הודעלסאָנס פאָטער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אַזוי, גלייך עס וואָלט קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן קיין חתונה? פרוי הודעלסאָן האָט געהאַלטן, אַז ס'איז גלייכער וועגן דעם איר מאַן נישט צו דערמאָנען. נישט ער פאַרנעמט זיך דאָך מיט די הכנות צו דער חתונה... אַזוי גוט ווי ער פאַרנעמט זיך נישט מיט דער אייגענער ווירטשאַפט.

און ווען עס וועט קומען ידער טאָג פון דער חתונה, וועט זי
אים פראָסט-פשוט זאָגן:

— אָט איז דיין זשאַקעט, דיין הוט און העגטשקעס.
צייט צו גיין קיין סען-אַנדרע. גיב מיר דיין האַנט, און לאָ-
מיר גיין.

ער וואָלט זיכער געגאַנגען, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין
דין-וחשבון, אָבער בתנאַי, אַז אין משך פון דער צייט זאָל
זיך דער מעטעאָר נישט באַווייזן פאַרן גלאָז פונם טע-
לעסקאָפּ!

מ'האָט געשוינט די מיינונג פון פרוי הודעלסאָן אויף מאָריס-
סטריט, און קיינער האָט נישט געפרעגט דעם דאָקטאָר וועגן
זיין באַציִונג צו מר. פּאָרסיט. דערווייל איז אָבער אויף עליזאַ-
בעט-סטריט געווען אַנדערש.

מיץ האָט נישט געוואָלט וויסן פון גאָרנישט. אויפגעבראַכט
אויף איר באַלעבאָס, האָט זי געטענהט, בכן זי וועט זיך דורכ-
שמועסן מיט אים „אונטער פיר אויגן”, כדי איינמאָל פאַר אַלע-
מאָל אויפצוקלערן די לאַגע, וואָס דראָט צו צערייסן ביידע
פאַמיליעס.

וואָס וואָלט דערפון אַרויסגעקומען? די חתונה וואָלט אָפּ-
געלייגט געוואָרן און אפשר אַפילו איבערגעריסן אינגאַנצן;
ביידע, חתן-כלה, וואָלטן געווען פאַרצווייפלט, און דער עיקר,
איר געליבטער פראַנס, איר זון, ווי זי פלעגט אים היימיש און
האַרציק רופן. וואָס וואָלט דער בחור, נעבעך, געטאָן, ווען זיי
זאָלן איבעררייסן צווישן זיך, כדי זיך שוין מער קיינמאָל נישט
צו פאַרבינדן?

דעריבער טאַקע, ווען זי האָט זיך דעם 22-טן אַפּריל נאָכ-
מיטאָג געפונען „אונטער פיר אויגן” מיט מר. פּאָרסיט אינעם
עס-צימער, ווי זי האָט זיך געווונטשן, האָט זי אים פאַרהאַלטן
אינעם מאָמענט, ווען ער איז שנעל געגאַנגען צו די טרעפּ, וואָס
האָבן געפירט אַרויף, אויפן טורעם.

עס איז באַוווסט, אַז מר. פּאָרסיט האָט מורא געהאַט פאַר

דער באַגעגעניש מיט מיץ. ער האָט גוט געוווּסט, אַז בכלל וועט אים אַזאַ מין באַגעגעניש גלאַט נישט אָפּגיין, און ער האָט עס דעריבער ווי-ווייט-מעגלעך אויסגעמיטן.

און איצט, ווען ער האָט בגנבה געכאַפּט אַ קוק אויף מיצס פּנים, וואָס האָט אים דערמאָנט אין אַ באָמבע פּאַר אַן אויפרייס, האָט ער זיך געוואָלט אָפּטראָגן וואָס-גיכער און זיך גיך צוגעכאַפּט צו דער טיר. אָבער איידער ער האָט באַוויזן אָנ-צוכאַפּן פאַרן הענטל, האָט אים די אַלטע דינסט פאַרשטעלט דעם וועג און אָנקוקנדיק איר באַלעבאָס גלייך אין די אויגן אַריין, האָט זי געזאָגט:

— הערט, איך מוז מיט אייך עפּעס רעדן.

— רעדן מיט מיר, מיץ? אָבער איך האָב נישט קיין רגע צייט.

— איך האָב אויך קיין צייט נישט, ווייל איך דאַרף וואַשן די כלים פון פרישטיק. אייערע הערן מעגן צוּוואַרטן, אַזוי גוט ווי מיינע טעלער.

— און אָמיקראָן? דאַכט זיך, אַז ער רופט מיך.

— אייער פריינד אַמיקראָן?.. אַט האָסטו דיר נאָך איין קאָקאָס. ער וועט אַ געוויסן שיינעם פרימאָרגן האָבן מיט מיר צו טאָן, דערדאָזיקער פריינד אייערער אַמיקראָן. איר מעגט עס אים צו וויסן טאָן און זאָגן אים: די דינסט ווייס, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, און זי לאָזט דיך גריסן! איר מעגט עס אים איבערחזרן וואָרט אין וואָרט.

— גוט, מיץ, אָבער מיין מעטעאָר?

— אייער מעדאָר?.. — האָט מיץ נאָכגעזאָגט — איך ווייס נישט, וואָס דאָס באַדייט, נאָר וואָס איר זאָלט מיר וועגן דעם נישט דערציילן, ווייס איך, אַז דאָס איז אַ מיאוסע זאַך, וויבאַלד זי האָט גורם געווען, אַז אייער האַרץ זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין שטיין.

— אַ מעטעאָר, מיץ, — האָט מר. פאָרסיט גענומען גע-

דולדיק דערקלערן — הייסט...

— אַך! — האָט אים די דינסט איבערגעשלאָגן די רייד — יאָ, דאָס איז עס דער באַרימטער מ ע ד אָ ר! אויב. אַזוי, וועט ער אויך צוזוואַרטן, ווי דער פריינד אַ מ י ק ר אָ ן!

— נאָך דאָס האָט מיר געפעלט! — האָט מר. פּאָרסיט אויסגערופן, געטראָפן אין זיין שוואַכן פּונקט.

— איבעריקנס, — האָט מיך ווייטער גערעדט — איז דער הימל פאַרוואָלקנט, אַ ליאַדע רגע וועט אַראָפּ אַ רעגן, די צייט איז לחלוטין נישט קיין פּאַסיקע צו קוקן אויף דער לבנה.

דאָס איז געווען אמת, און דאָסדאָזיקע שלעכטע וועטער האָט אַריינגעבראַכט מר. פּאָרסיטן און דר. הודעלסאָגען אין אַ צושטאַנד פון מוראדיקן גרימצאָרן. שוין אַכטאונפערציק שעה, ווי דער הימל איז באַדעקט מיט געדיכטע וואָלקנס. בייטאָג איז נישטאָ קיין סימן פון קיין זון, ביינאַכט קיין סימן פון קיין שטערן.

ווייסע נעפּלען האָבן אַדורכגעשלייכט פון איין זייט האָריזאָנט אויף דער צווייטער, ווי אַ קרעפּע-שלייער, וועלכע עס האָט אַמאָל אַדורכגעשטאָכן אַ שאָס פונם גלאָקן-טורעם אין סען-אַנדרע.

אין אַזעלכע באַדינגונגען איז געווען אוממעגלעך צו זען דעם באַגערטן מעטעאָר. מען דאַרף אַפילו אָננעמען, אַז די אַסטראָנאָמען פון די שטאַטן אָהיאָ און פּענסילוואַניע זענען נישט געווען אין קיין גליקלעכערער לאַגע, ווי זיי, און אפשר אויך אַלע אַנדערע פאָרשער פון דער נייער און אַלטער וועלט. באמת אין די צייטונגען האָט זיך נישט באַוויזן קיין איין נייע נאָטיץ וועגן דער דערשיינונג פונם מעטעאָר. אמת, די וויכטיקייט פונם מעטעאָר איז נישט געווען אַזוי גרויס, אַז די געלערנטע זאָלן זיך מיט אים צו שטאַרק באַשעפטיקן.

עס האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן אַ גאַנץ געוויינלעכער קאָמישער דערשיינונג, און בלויז פּאָרסיטן מיט הודעלסאָגען

איז געגאַנגען אַזוי שטאַרק אין לעבן, אַז ער זאָל דווקא צו־ריקקומען.

מיך האָט זיך אַרומגעזען, אַז אַנטלויפן קען ער שוין נישט; האָט זי פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט און זיך אָנגערופן אַזוי צו זאָגן:

— מר. פאָרסיט, צי האָט איר נישט אַמאָל צופעליק פאַר־געסן בכלל וועגן דער עקזיסטענץ פון אייער שוועסטער־זון פראַנס גאָרדאָן?

— אַך, מיין טייערער פראַנס! — האָט מר. פאָרסיט געענטפערט, צושאָקלענדיק גוטמוטיק מיטן קאָפּ — אָבער ניין, איך האָב נישט פאַרגעסן אָן אים... וואָס מאַכט ער טאַקע, מיין גוטער פראַנס?

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן, גאַנץ גוט.

— דאַכט זיך, אַז איך האָב אים שוין לאַנג נישט געזען.

— יאָ, באמת, פון פרישטיק אָן.

— אוממעגלעך!

— צי האָט איר אייערע אויגן אויף דער לבנה? — האָט מיך געפרעגט מיט כעס.

— אָבער, מיין גוטע מיך! וואָס האָסטו צו מיר, אַז איך בין אַזוי פאַרנומען...

— פאַרנומען אַזוי שטאַרק, אַז איר פאַרגעסט אָן די וויכ־טיקסטע זאַכן...

— איך פאַרגעס אָן וויכטיקע זאַכן? נו, למשל?

— אייער שוועסטער־זון דאַרף דאָך חתונה האָבן.

— חתונה האָבן?.. ער האָט דען חתונה?

— אפשר וועט איר גאָר פרעגן, מיט וועמען?

— ניין, מיך! אָבער וואָס ביסטו אויסן מיט דיינע פראַגן?

— ס'איז גוט! מען דאַרף נישט זיין קיין פאָקוסמאַכער, כדי צו וויסן, אַז אויב מען פרעגט, וויל מען אַ תשובה.

— אַ תּשובה? אָבער אויף וואָס, מיך?

— וועגן אייער האַנדלונג לגבי דער משפּחה הודעלסאָן!.. וואָרן אייך איז מסתּמא באַוווּסט, אַז עס לעבט אויף דער וועלט אַ געוויסע משפּחה הודעלסאָן און איינער אַ דאָקטאָר הודעל-סאָן אויף מאָריס-סטריט, און אַ געוויסע פרוי הודעלסאָן, וואָס איז די מוטער פון מיס לו הודעלסאָן און דזשעני הודעלסאָן, וועלכע איז די כּלה פון אייער שוועסטער-זון?

וואָס-מער מיך האָט אַרויסגערעדט מיט באַטאָנונג דעם נאָמען הודעלסאָן, — האָט זיך מר. פּאָרסיט געכאַפּט פאַרן קאָפּ, פאַרן האַרצן, פאַר די זייטן, ווי אַ קויל וואָלט אים געטראָפן. ער האָט געליטן, געסאָפּעט, דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין קאָפּ אַריין. מיך האָט געזען, אַז ער ענטפערט נישט, און איז אָנגעשטאַנען.

— צי הערט איר נישט?

— נאָך אַ מין! — האָט ער אויסגערופן.

— נו? — האָט מיך איבערגעחזרט, אויפהויבנדיק איר שטים.

— הייסט עס, אַז פראַנס קלערט נאָך אַלץ וועגן אָט דער חתונה? — האָט מר. פּאָרסיט לסוף אַרויסגערעדט.

— צי ער קלערט! — האָט מיך אויסגערופן — אָבער דער יינג גייט דאָך ממש אויס! אַגב, מיר קלערן אַלע וועגן דעם און איר אויך מסתּמא!

— וואָס? מיין שוועסטער-זון האָט נאָך אַלץ בדעה חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער פון דעמדאָזיקן דאָקטאָר הודעלסאָן?

— מיט מיס דזשעני, מיין הער. איך גאַראַנטיר אייך, אַז ער האָט נאָך אַלץ בדעה. גאָט מיינער, און פאַרוואָס זאָל ער נישט האָבן בדעה? צי האָט ער פאַרלוירן דעם קאָפּ? ווו וועט ער געפינען אַזאַ ווילע כּלה, אַזאַ אַנטציקנדיקע יוגנט?..

— אויב מ'זאָל אָננעמען — האָט מר. פּאָרסיט איבערגע-שלאָגן — אַז די טאָכטער פון דעמדאָזיקן מענטשן... פון דעמדאָ-

זיקן מענטשן, וואָס איך וויל זיין נאָמען נישט אַרויסברענגען אויף מיין מויל, קאָן זיין אַנטציקנדיק...

— דאָס איז שוין צופיל! — האָט אויסגערופן מיץ און זי האָט אויפגעבונדן איר פאַרטוך, ווי זי וואָלט בדעה געהאַט אים אָפּצוגעבן צוריק.

— באַרויִק זיך, מיץ, באַרויק זיך — האָט איר באַלעבאָס געשי פּטשעט, באַאומרויִקט צוליב איר שטעלונג.

די אַלטע דינסט האָט געפּאַכעט מיט איר פאַרטוך, בעת דאָס בענדל האָט זיך געשלעפּט איבער דער ערד.

— דאָס ברעגגט אַרויס פון די כּלים! — האָט זי דער־קלערט — נאָך פופציק יאָר דינסט, וועל איך אַוועקגיין פוילן אין אַ ווינקל, ווי אַ פאַרכעוואַטער הונט, און וועל נישט בלייבן ביי אַ מענטשן, וואָס מאַכט זיך אַליין קאַליע דאָס אייגענע בלוט. איך בין אַ פּראָסטע דינסט, אָבער איך האָב אַ האַרץ, מיין ה...ר... איך!...

— אָך, מיץ! — האָט מר. פּאָרסיט געענטפערט, שטאַרק געטראָפן — צי ווייסטו, וואָס דערדאָזיקער הודעלסאָן האָט מיר אָפּגעטאָן?

— וואָס האָט ער אייך אָפּגעטאָן?

— ער האָט מיך באַגנבעט!

— באַגנבעט?

— יאָ, באַגנבעט, מיאוס באַגנבעט!

— וואָס האָט ער אייך צוגעגנבעט? אַ זייגערל, אַ טייסטער, אַ טיכל?

— מיין מעטעאָר!

— ווידעראַמאָל דער מעדאָר! — האָט די אַלטע דינסט אויסגערופן, אָפּחוזקנדיק אַזוי־אַרום פון מר. פּאָרסיטן — מען האָט שוין לאַנג געשמועסט וועגן דעמדאָזיקן מעדאָר אייערן! צי האָט שוין ווער געזען, אַז עמעצער זאָל קומען צו אַזאַ מצב צוליב עפּעס אַ שפּאַצירנדיקער מאַשין! צי האָט איר דערצו־ מער רעכט, ווי מר. הודעלסאָן? צי האָט איר אויף אייער מע־

דאָר אַרויפגעקלעפּט אייער ,נאָמען? צי געהער ער נישט צו
צו קלעמען, צו מיר אָדער צו מיין הונט. ווען איך זאָל האָבן אַ
הונט... נאָר גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב נישט!.. צי האָט
איר אים געקויפט פאַר אייער געלט, אָדער גאָר באַקומען
בירושה?

— מיץ!.. — האָט אויסגעשריען מר. פּאָרסיט, וועלכער
האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט באַהערשן.

— נישטאָ קיין מיץ! — האָט די אַלטע דינסט געליאַ-
רעמט, דערפירט ביז פאַרצווייפלונג — גאָט מיינער, ומען דאַרף
דאָך זיין נאַריש, ווי סאַטורנוס, כדי זיך צו צעקריגן מיט
אַן אַלטן פריינד צוליב עפּעס אַ שטיין, וואָס מ׳וועט אים דער-
צו מער נישט זען!

— זיי שטיל, שטיל זיי! — האָט דער אַסטראָנאָם גע-
שריען, געטראָפן אין סאַמע פּינטל אַריין.

— ניין, מיין הער, איך וועל שטיל נישט זיין, און איר
מעגט לאָזן רופן אייער אידיאָט אַמיקראָן צו הילף...

— אָמיקראָן איז אַן אידיאָט?

— יאָ, אַן אידיאָט, און ער וועט מיך נישט צווינגען צום
שווייגן, פּונקט ווי אַפילו דער פּרעזידענט אַליין וואָלט נישט
געווען בכוח צו צווינגען צום שווייגן דעם מלאך, וואָס וועט
קומען, ווי אַ שליח פון אויבערשטן, אָנזאָגן וועגן דעם סוף
פון דער וועלט.

עס איז נישט באַוווּסט, צי איז מר. פּאָרסיט סוף-כל-סוף
פאַרשטיינערט געוואָרן, דערהערנדיק דעמדאָזיקן שרעקלעכן זאַץ,
אָדער זיין גאָרגל האָט זיך אַזוי פאַרקלעמט, אַז די ווערטער
זענען דאָרט אָפּגעשטאָרבן? — גענוג וועט זיין צו זאָגן, אַז ער
האָט קיין איין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזן. עס איז בלויז זיכער,
אַז ער האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ווען ער זאָל אַפילו
אין אַ פּאַראָקסיזם פון גרימצאָרן וועלן אַרויסוואַרפן די טרייע
שרייערקע מיץ, וואָלט ער אויך נישט געווען ביכולת אַרויסצו-
זאָגן די אָנגענומענע פאַר ווערטער: „אַרויס!.. אַרויס פון מיין

שטוב, אַז מײַנע אויגן זאָלן דיך מער נישט אָנקוקן!"

— איבעריקנס, וואָלט אים מיץ נישט געפאָלגט. נישט אויף דעם האָט מען פּופּציק יאָר דינסט היטער זיך, כּדי צוליב עפּעס אַן אומגליקלעכן מעטעאָר צו פאַרלאָזן אַ באַלעבאָס, וואָס מען איז בײַגעווען בעת זײַן געבורט!

פונדעסטוועגן האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ סוף מיט דער דאָזיקער שטורמישער פּאַסירונג.

מר. פּאָרסיט האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט דעם קעגנער נישט גובר זײַן און ער האָט זיך באַמיט צוריקצוציען פונעם קאַמף מעשה־מענטש, אָן דעם אײַנדרוק פון פּליטה.

די זון איז אים צו הילף געקומען. עס האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעלײַטערט, און די זון־שטראַלן האָבן אַרײַנגעקוקט אין די פענסטער פון דער זײַט פון גאָרטן.

— אין דעם מאָמענט זיצט אַוודאי דאָקטאָר הודעלסאָן בײַ זיך אין טורעם — איז אַ געדאַנק אַדורכגעפלויגן דורך מר. פּאָרסיטס קאָפּ.

ער האָט געזען זײַן קאָנקורענט מיטן אויג בײַם טעלעסקאָפּ־גלאָז, ווי ער קוקט אַרויף צו די הויכע הימל־רוימען.

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. אַ זון־שטראַל האָט געווירקט אויף אים פּונקט אַזוי, ווי אויף אַ באַלאָן מיט גאַז. ער האָט אים צעשפּאַרט, פאַרגרעסערט די קראַפט פון הויב, געצווונגען צו פליען.

מר. פּאָרסיט האָט מיטאַמאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע משא פון גרימצאָרן און זיך אַלאָז געטאָן צו דער טיר.

ליידער, דאָ איז געשטאַנען מיץ און נישט בדעה געהאַט אָפּצוטרעטן. צי האָט ער זי געדאַרפט אַ כאַפּ טאָן פאַר די אָרעמס, זיך ראַנגלען מיט איר און צורופן אָמיקראָנען צו הילף?

ער איז אָבער נישט געווען געצווונגען דאָס צו טאָן. בלי ספק, די אַלטע דינסט איז געווען זײער אויסגעשעפּט פון דער גרויסער אָנשטרענגונג. הגם זי איז געוווינט געווען צו שטראָפן איר באַלעבאָס, דאָך האָט זי עס נאָך קײנמאָל נישט געטאָן מיט

צוזאַ האַסטיקייט.

צי איז עס געווען די אומגעוויינלעכע אָנשטרענגונג אָדער די אומגעהייערע וויכטיקייט פון דעמדאָזיקן שמועס, אין וועלכן עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן גליק פון איר געליבטן „זון״, — מיט איין וואָרט, מיצן איז געוואָרן אַביסל נישט-גוט, און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול.

מר. פּאָרסיט — מיר מוזן עס אים מודה זיין לשבח — האָט פאַרגעסן וועגן זון, וועטער און מעטעאָרן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער דינסט און זאָרגעוודיק געפרעגט, וואָס עס טוט איר וויי.

— איך ווייס נישט, נאָר מיר דוכט, אַז **דער מאָגן האָט זיך מיר איבערגעדרייט**.

— דער מאָגן זיך איבערגעדרייט? — האָט מר. פּאָרסיט נאָכ-געזאָגט, איבערראַשט פון דערדאָזיקער מערקווירדיקער קראַנקהייט.

— יאָ — האָט מיץ מיט אַ שוואַכן קול געטענהט — **איך האָב אַ קנופּ אין האַרצן**.

— המ... — האָט אַ זיפץ געטאָן מר. פּאָרסיט, וועלכן די-דאָזיקע צווייטע דערקלערונג האָט לחלוטין נישט באַרויקט.

יעדנפאַלס האָט ער בדעה געהאַט אָנצווווענדן דאָ די גע-וויינלעכע מיטלען: אויפקנעפּלען דעם קאַפטאַן, באַנעצן דעם שטערן און שלייפן מיט עסיג, אַ גלאָז זיס וואַסער...

ער האָט אָבער קיין צייט נישט געהאַט דערצו.

מיטאַמאָל האָט זיך פון דעם טורעם-שפּיץ דערהערט אָמיק-ראָנס שטים:

— דער מעטעאָר! דער מעטעאָר!

מר. פּאָרסיט האָט פאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט און זיך אַ וואָרף געטאָן צו די טרעפּ.

ער איז נאָך נישט געהאַט אַרויס, ווען מיץ איז ביני-לביני געקומען צו זיך און איז נאָכגעלאָפן נאָך איר באַלעבאָס. ווען ער איז, שפּרינגענדיק איבער די טרעפּ, געלאָפן אַרויף, האָט אים באַגלייט די נקמה-גיריקע שטים פון דער דינסט.

— מר. פּאָרסיט! — האָט מיץ געשריגן — פאַרגעסט נישט,

אַז די חתונה פון פראַנס גאָרדאָן מיט דזשעני הודעלסאָן וועט פאָרקומען, און דווקא אין באַשטימטן טערמין! זי וועט פאָר-קומען, מר. פּאָרסיט, סיידן — איך וועל אַראָפּ פון זינען!

מר. פּאָרסיט האָט נישט געענטפערט. איילנדיק צום טורעם האָט ער אַפילו נישט געהערט אירע רייד...

קאַפּיטל אַכט,

אין וועלכן די צייטונגס־פּאָלעמיק פאַרערגערט די סיטואַציע און וועלכער ענדיקט זיך מיט דער פעסטשטעלונג פון פונקט אַזאַ זיכערער, ווי אומגעריכטער זאַך.

— דאָס איז ער, אָמיקראָן, דאָס איז ער אויף זיכער! — האָט מר. פאָרסיט אויסגערופן, אַ קוק טוענדיק אין טעלעסקאָפּ.

— דערזעלבער — האָט אָמיקראָן איבערגעחזרט און צוגעגעבן: — הלוואַי זאָל דר. הודעלסאָן איצט נישט זיין אויפן טורעם!

— און אויב ער איז דאָ, — האָט מר. פאָרסיט געזאָגט, — זאָל ער כאָטש נישט זען דעם מעטעאָר!

— אונזער מעטעאָר — האָט אָמיקראָן מיט באַטאָנונג געזאָגט.

— מיין מעטעאָר — האָט מר. פאָרסיט פאַרריכט.

זיי האָבן זיך ביידע טועה געווען. דר. הודעלסאָנס לונעט איז אין דערזעלבער רגע געווען אָנגעשטעלט אין דער ריכטונג צו דרום־מזרח — טאַקע דאָרט, וווּ דער מעטעאָר האָט זיך באַוויזן. דער דאָקטאָר האָט אים דערזען און, פּונקט ווי מר. פאָרסיט, נישט אַראָפּגעלאָזט אים פון אויג, ביז ער איז נעלם געווארן אין די דרום־נעפּלען.

אָגב, נישט בלויז די וואַסטאָנער אַסטראָנאָמען האָבן באַמערקט דידאָזיקע דערשיינונג. די אָבסערוואַטאָריע אין פּיטסבורג האָבן זי אויך דערזען, און אויב מיר וועלן נאָך צוגעבן די אָבסערוואַטאָריע אין באָסטאָן, וועלן מיר שוין האָבן אַ דריי-פאַכיקע באַשטעטיקונג.

מיט איין וואָרט, דער צוריקקער פונם מעטעאָר איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער פאַקט, אויב דערדאָזיקער מעטעאָר האָט בכלל געהאַט אַ רעאַלע באַדייטונג. אויב מ׳האָט אים געזען נאָכאַמאָל, הייסט עס, אַז זיין וועג איז געווען אַ פאַרמאַכטער. ער האָט נישט געהערט צו יענע פאַלנדיקע שטערן, וואָס ווערן פאַרשווונדן באַלד נאָכדעם, ווי זיי באַווייזן זיך אויף אַ רגע אין די העכסטע אַטמאָספערישע שיכטן; נישט צו די אַסטעראָידן, וואָס באַווייזן זיך בלויז איין מאָל און ווערן אַנטרונען אין די רוימען, — נישט צו יענע אַעראָליטן, וואָס פאַלן אַראָפּ גלייך נאָך זייער דערשיינען. ניין, דער מעטעאָר האָט זיך צוריקגעקערט, געקרייזט אַרום דער ערד, ווי אַ צווייטער סאַטעליט. ער האָט, אַלזאָ, פאַרדינט, מען זאָל זיך מיט אים פאַרנעמען, און דערפאַר דאַרף מען באַרעכטיקן די פאַרביסנקייט פון מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן אין זייער קאָנקורענץ.

אויב דער מעטעאָר איז געווען אונטערגעוואָרפן שטענדיקע געזעצן, האָט מען דאָך געקענט באַרעכענען זיינע עלעמענטן. אומעטום האָט מען זיך דערמיט אַביסל באַשעפטיקט, אָבער אין ערגעץ נישט אַזוי פלייסיק, ווי אין וואַסטאָן.

פונדעסטוועגן, כדי די אויפגאַבע זאָל פולשטענדיק געלעזן ווערן, האָט מען נאָך געדאַרפט עטלעכע גוטע באַאָבאַכטונגען.

די ערשטע זאַך, וואָס איז מיט פּיראַונצוואַנציק שעה באַצייכנט געוואָרן דורך מאַטעמאַטיקער, — נישט מר. פאָרסיט און נישט דר. הודעלסאָן — איז געווען דער וועג פונם מעטעאָר.
דערדאָזיקער וועג איז געגאַנגען גענוי אין דער ריכטונג

פון צפון צו דרום צו. די קליינע אפנייגונג פון דריי גראד מיט איינאונדרייסיק מינוט, וואס מר. פארסיט האט אונטערגע־שטראכן אין דער ווענדונג צו דער פיטסבורגער אבסערוואטאר־יע, איז געווען א כלומרשטע און איז ארויסגעדרונגען פון דער ערד־קרייזונג.

פירהונדערט קילאמעטער האבן אפגעטיילט דעם מעטעאר פון דער ערד־אויבערפלאך, און זיין אומגעהייערע שנעלקייט איז געווען נישט ווייניקער פון זעקס טויזנט ניינהונדערט זיבנאונ־זעכציק מעטער אויף א סעקונדע. ער האט, הייסט עס, ארומ־געקרייזט ארום דער ערד אין א שעה מיט איינאונפערציק מי־נוט, איינאונפערציק מיט דרייאונניינציק הונדערטלעך סעקונדע, פון וואס מענטשן האבן ארויסגעדרונגען, אז ער וועט זיך בא־ווייזן אין וואסטאן נישט פריער, ווי אין הונדערט מיט פיר יאר, הונדערט זעקסאונזיבעציק טעג און צווייאונצוואנציק שעה ארום.

וואס פאר א גינסטיקער חשבון פאר די שטאטישע איינ־וווינער, וועלכע האבן זיך אזוי שטארק געשראקן פארן אראפ־פאל פונם שרעקלעכן אסטעראיד! אויב ער וועט אראפפאלן, איז שוין יעדנפאלס נישט אויף זיי.

„און פארוואס זאל ער אראפפאלן? — האט געפרעגט „וואסטאנער פרימארגן״ — עס איז נישטא קיין שום גרונט צו טראכטן, אז ער וועט אויפזיין וועג באגעגענען א מניעה אדער אז ער וועט זיך אפשטעלן אין זיין בא־וועגונג״.

דאס איז געווען קלאר.

„אוודאי, — האט באמערקט דער „וואסטאנער אוונט״ — עס זענען דא אעראליטן, וואס זענען אראפגעפאלן און פאלן נאך היינט אראפ. אבער זייער אומפאנג איז ס׳רוב א קליינער, און זיי פאלן אראפ נאר דעמאלט, ווען דער מאגנעטיזם פון דער ערד פאקט זיי אין דורכלויף.

די דאזיקע דערקלערונג האט געשטימט מיטן אמת און

האָט נישט געקענט האָבן קיין אָנווענדונג לגבי דעמדאָזיקן מעטעאָר, וואָס זיין לויף איז געווען אַ רעגלמעסיקער און וואָס זיין אַראָפּפאַלן איז געווען פּונקט אַזוי אוממעגלעך, ווי דאָס אַראָפּפאַלן פון דער לבנה.

אָבער חוץ דערדאָזיקער דערקלערונג זענען אַרויסגעשווימען נאָך עטלעכע, איידער מען האָט נאָך געקאָנט באַקומען אַ גענויע ידיעה וועגן דעמדאָזיקן אַסטעראָיד, וואָס איז ווי געוואָרן דער צווייטער ערד-סאַטעליט.

וואָס פאַר אַן אומפאַנג האָט ער געהאַט? וואָס פאַר מאַסע? וואָס פאַר אַ נאַטור?

אויף דער ערשטער פראַגע האָט „וואַסטאָן סטעדנאַר” געענטפערט אָט-וואָס:

„אורטיילנדיק לויט דער הויך און די בלומרשטע דימענזיעס פונם מעטעאָר, מוז זיין דיאַמעטער אַריבערשטייגן פינף הונדערט מעטער; אַזוי, לכל-הפחות, קען מען אַרויסדרינגען פון די ביז איצט דורכגעפירט באַאָבאַכטונגען. אָבער ביז איצט האָט מען נישט געקענט דערקענען זיין וועזן. ער איז באַשיינפערלעך — און דאָס אויך אַ דאַנק זייער שטאַרקע גלעזער — דערפאַר, ווייל ער פאַרמאָגט אַן אומגעוויינלעכן גלאַנץ, משמעות צוליב אַטמאָספערישער רייבונג, הגם די לופט איז אויף אַזאַ הויך זייער שיטער. דאַן צי איז נישט דערדאָזיקער מעטעאָר בלויז די קאָנצענטרירונג פון קערפער אין אַ גאַזצושטאַנד? אָדער פאַרקערט, צי באַשטייט ער נישט פון אַ האַרטן קערן, וואָס איז אַרומגערינגלט פון אַ ליכטשלייער? און אויב אַזוי, ווי גרויס איז ער און אין וואָס באַשטייט דער וועזן פון דעמדאָזיקן קערן? דאָס ווייס קיינער נישט און וועט אויך קיינמאָל נישט וויסן.

„מיט איין וואָרט, נישט דער אומפאַנג, נישט די באַוועגונג פון אָט דעם מעטעאָר שטעלן נישט פאָר מיט זיך קיין אויסערגעוויינלעכס. זיין איינציקע מערקווירדי-

קייט איז דאָס, וואָס ער קרייזט אַרום אַ פאַרמאַכטן קרייז. ווי לאַנג קרייזט ער שוין אַרום אונזער קויל? די בעסטע אַסטראָנאָמען וואָלטן נישט מסוגל געווען דערויף צו ענטפערן, ווייל זיי וואָלטן אים קיינמאָל נישט באַמערקט מיט זייערע אָפּיציעלע טעלעסקאָפּן, ווען נישט אונזערע צוויי לאַנדסלייט, מר. פּאַרסיט און דר. הודעלסאָן, וואָס האָבן דערוואָרבן אַ וועלט-נאָמען אַ דאַנק דער-דאָזיקער פראַכטפולער אַנטדעקונג."

אין דעם אַלעמען, ווי „וואַסטאָן סטענדאַר" האָט מיט רעכט באַמערקט, איז קיין שום איבערגעווייזענע נישטאָ, חוץ דעם רעדאַקטאָרס באַרעדעוודיקייט. דעריבער טאַקע האָט די געלערנטע וועלט מיט גרויס צוריקגעהאַלטנקייט באַהאַנדלט דאָס, וואָס עס האָט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט די הויך-געשעצטע צייטונג, און דער כלל האָט זיך דערמיט כמעט אינגאַנצן נישט באַשעפטיקט.

בלויז די וואַסטאָנער איינוווינער האָבן אויפמערקזאַם נאָכגעשפּירט אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער דערשיינונג פונם מעטעאָר, וואָס זיין אַנטדעקונג האָט מען געהאַט צו פאַרדאַנקען די צוויי אַנגעזעענע בירגער אין שטאָט.

איבעריקנס, עס קען זיין, אַז אויך זיי, ווי אַנדערע וועזנס אונטער דער לבנה, וואָלטן גענומען גלייכגילטיק באַהאַנדלען די קאָסמישע דערשיינונגען, וואָס דער „פונטש" האָט זיי מיט עקשנות גערופן „קאָמישע", ווען די צייטונגען זאָלן מיט אַלץ-גרעסערע אָנצוהערענישן, נישט דערמאָנען וועגן דער קאָנקורענץ צווישן מר. פּאַרסיט און דר. הודעלסאָן, — וואָס עס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צו טרייבן רכילות און אויך אַ געלעגנהייט זיך צו קריגן. אינגיכן האָט זיך טאַקע די שטאָט צעטיילט אויף צוויי לאַגערן.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער טערמין פון דער חתונה. פרוי הודעלסאָן, דזשעני און לו פון איין זייט, און פראַנס נאָרדאָן מיט מיז פון דער צווייטער זייט האָבן געלעבט אין

אומאויפהערלעכער אומרו. זיי האָבן כסדר מורא געהאַט פאַר אַן אויסברוך צווישן די ביידע קאָנקורענטן, ווי צווישן צוויי וואָלקנס אָנגעלאָדן מיט עלעקטריציטעט פון פאַרשיידענע, קעגנזעצלעכע צייכנס, וואָס זייער צוזאַמענשטויס רופט אַרויס אַ פונק און דערנאָך אַ דונער.

מען האָט געוווסט, אַז מר. פאָרסיט האָט נישט אויפגעהערט צו זיין בייז, און מר. הודעלסאָנס אויפרעגונג האָט כסדר געזוכט אַן אויסגאַנג.

דער וואַסטאָנער הימל איז בכלל געווען לויטער, די לופט קלאָר, דער האָריזאָנט ריין. ביידע אַסטראָנאָמען האָבן זיך, אַלזאָ, געקענט אָפּגעבן מיט זייערע פאָרשונגען. קיין געלעגנהייט האָט נישט געפעלט, ווייל דער מעטעאָר פלעגט זיך באַווייזן איבערן האָריזאָנט מער ווי פערצן מאָל אין אַ מעת-לעת, און איצט האָבן זיי שוין געוווסט גענוי, אַ דאַנק דער אויסרעכענונג פון די אָבסערוואַטאָריעס, וווהין זיי דאַרפן ווענדן זייערע טעלעסקאָפּן ביי יעדן דורכגאַנג פונם מעטעאָר.

אמת, די גענויקייט פון דידאָזיקע פאַקטן איז געווען פונקט אַזוי נישט גלייך, ווי די הויך פונם מעטעאָר איבערן האָריזאָנט. אָבער דער דורכגאַנג פלעגט פאָרקומען אָפט, און דאָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסע באַדייטונג.

אויב דער מעטעאָר פלעגט זיך נישט אומקערן צום מאַטעמאַטישן זעניט פון וואַסטאָן, ווו מ'האָט אים כמעט על-פי נס דערזען צום ערשטן מאָל, פלעגט ער אָבער פאַרביישוועבן אַזוי נאָענט, אַז פּראַקטיש איז עס געווען אַלצאיינס.

מיט איין וואָרט, ביידע אַסטראָנאָמען האָבן זיך געקענט מחיה זיין וויפיל דאָס האַרץ האָט געגלוסט מיט זייער מעטעאָר, וועלכער האָט אַרומגעשוועבט אין די רוימען איבער זייערע קעפּ, אַרומגערינגלט מיט אַ פּראַכטפולן, העלן אוירעאָל.

זיי האָבן אים ממש געפרעסן מיט די אויגן. זיי האָבן אים געצערטלט מיט די בליקן. יעדער פון זיי האָט אים גערופן מיט זיין אייגענעם נאָמען: מעטעאָר פאָרסיט, מעטעאָר הודעל-

סאָן. ער איז געווען זייער קינד, פליייש פון זייער פלייש. ער האָט געהערט צו זיי, ווי אַ זון צו זיינע עלטערן — נאָכמער, ווי אַ ווידמונג צו איר באַשעפער. זיין אָנבליק האָט נישט אויפגעהערט זיי צו רייצן. זיי פלעגן אוועקשיקן די רעזולטאַטן פון זייערע פאָרשונגען און זייערע השערות — איינער צו דער אָבסערוואַטאָריע אין פיטסבורג, דער צווייטער צו דער אָבסערוואַטאָריע אין טשינטשינאַטי, און ביידע האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן אונטערצושטרייכן זייער בכורה-רעכט צו דערדאָזיקער אַנטדעקונג.

איצט האָט דערדאָזיקער שטילער קאַמף אויפגעהערט צופרידנצושטעלן זייער קעגנזייטיקע שנאה. עס איז שוין ווייניק געווען איצט איבערצורייסן כלערליי דיפּלאָמאַטישע באַציונגען אָדער פּערזענלעכע, — זיי האָבן איצט געמוזט אָנקומען צו אַן אָפענעם קאַמף און צו אָפן-דערקלערטע מלחמות.

אַ געוויסן טאָג האָט זיך אין „וואַסטאָן סטענדאַר" באַוויזן אַ נאָטיץ, וואָס האָט אָנגעגריפן דר. הודעלסאָן. די נאָטיץ האָט מען געקענט אָננעמען פאַר מר. פאָרסיטס אַרבעט. דאָרט איז געווען געשריבן, אַז געוויסע מענטשן זעען שוין צו גוט דורך די שפּאַקטיוון פון זייערע מיטבירגער און אַז זיי דערזען צו לייכט דאָס, וואָס מען האָט שוין געזען פאַר זיי.

אַלס ענטפער אויף דערדאָזיקער נאָטיץ האָט „וואַסטאָנער אָוונט" באַלד אויף צומאָרגנס געשריבן, אַז וואָס שייך שפּאַקטיוון, זענען זייערע גלעזער טיילמאָל שלעכט אויסגעווישט, וויבאַלד עס געפינט זיך אויף זיי אַ שטויב, וואָס ווערט דורך אומבאַרופענע אַסטראָנאָמען באַטראַכט פאַר מעטעאָרן...

גלייכצייטיק האָט דער „פּונטש" געבראַכט זייער ענלעכע קאַריקאַטורן פון ביידע קאָנקורענטן, ווי זיי קוקן אויף אַ פּאָר ריזיקע פליגלען און זיי קעמפן וועגן דער שנעלקייט, מיט וועלכער צו דערגרייכן דעם מעטעאָר; אַגב איז דער מעטעאָר פאָרגעשטעלט אין דער געשטאַלט פון אַ זעברע, וואָס שטעקט זיי אַרויס אַ צונג...

פונדעסטוועגן, נישט געקוקט, וואָס דידאָזיקע נאָטיצן און באַליידיקנדיקע ידיעות האָבן נאָך פאַרגרעסערט די שנאה צווישן די קאָנקורענטן, האָבן זיי דאָך נישט געהאַט נאָך קיין געלעגנהייט אָנצונעמען אַ ריכטיקע שטעלונג צום ענין פון דער פּראָיעקטירטער חתונה.

הגם זיי האָבן וועגן דעם נישט דערמאָנט, האָבן זיי אָבער אויך נישט געשטערט, און עס איז נישט געווען קיין שום סיבה צו טראַכטן, אַז פראַנס גאַרדאַן און דזשעני הודעלסאָן זאָלן נישט חתונה האָבן אין טערמין און זיך פאַרבינדן.

מיטן גאָלדענעם קנופּ,
וואָס דויערט ביזן טויט,

ווי עס ווערט געזאָגט אין אַן אַלטן ברעטאָנישן לידל.

די לעצטע טעג פון אַפּריל זענען אַדורך רויק. אָבער, כאָטש די לאַגע האָט זיך נישט פאַרערגערט, איז זי אָבער נישט בעסער געוואָרן. בעת די מאָלצייטן ביי מר. הודעלסאָן האָט קיינער מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט וועגן דעם מעטעאָר, און מיס לו, וואָס האָט לויט דער מוטערס באַפעל געמוזט שווייגן, איז געווען בייז, וואָס זי קען נישט רעדן וועגן אים, ווי זי וויל. עס איז גענוג געווען אַ קוק צו טאָן, ווי זי האָט געשניטן דאָס פלייש, כדי עס זאָל קלאָר ווערן, אַז זי טראַכט וועגן דעם מעטעאָר און זי וואָלט גרייט געווען אים צו צעשניידן אויף פּיצלעך, עס זאָל פון אים קיין זכר נישט בלייבן. דזשעני ווידער האָט נישט באַהאַלטן איר טרויער, און דער דאָקטאָר האָט זיך געמאַכט, גלייך ער זעט נישט. און אפשר האָט ער עס באמת נישט געזען, פאַרנומען רק מיט זיינע אַסטראָנאָמישע דאגות.

נאָטירלעך, איז פראַנס גאַרדאַן ביי דידאָזיקע מאָלצייטן נישט בייגעווען. ער פלעגט בלויז קומען יעדן טאָג אין דער צייט, ווען דר. הודעלסאָן איז געווען ביי זיין אַרבעט.

אינם הויז אויף עליזאַבעס-סטריט זענען אויך די פאַמיליע-

פאַרזאַמלונגען ביים טיש נישט געווען קיין פריילעכערע. מר. פּאָרסיט האָט אינגאַנצן נישט גערעדט, און אויב ער האָט זיך געווענדט צו דער אַלטער מיץ, האָט זי אים אַלעמאָל טרוקן געענטפערט „יאָ" אָדער „ניין".

איינמאָל בלויז, דעם 28-טן אַפּריל, האָט מר. פּאָרסיט, אויפשטייענדיק פון טיש, געפרעגט זיין שוועסטער-זון, צי קומט ער נאָך צו די הודעלסאָנס.

— נאַטירלעך — האָט פראַנס מיט אַ פעסטן טאָן געענטפערט.

— און פאַרוואָס זאָל ער נישט קומען צו די הודעלסאָנס? — האָט מיץ בייז געפרעגט.

— איך רעד נישט צו דיר, מיץ! — האָט מר. פּאָרסיט אַ ברום געטאָן.

— אָבער איך ענטפער אייך. אַ הונט רעדט אַמאָל אויך מיט אַ ביסקופּ.

מר. פּאָרסיט האָט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און זיך געווענדט צו פראַנסן.

— איך האָב דעם פעטער געענטפערט. איך קום אַהין יעדן טאָג.

— נאָכדעם, וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר אָפּגעטאָן! — האָט מר. פּאָרסיט אויסגערופן.

— וואָס-זשע האָט ער געטאָן אַזוינס?

— ער האָט זיך דערוועגט צו אַנטדעקן...

— דאָס, וואָס דו האָסט אַנטדעקט, פעטער, דאָס, וואָס ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו אַנטדעקן... וואָרן אין וואָס גייט דאָ? אין אַ מעטעאָר, וואָס טויזנטער אַזעלכע שוועבן-דורך איבער וואַסטאָן.

— אַ שאָד די צייט, מיין קינד, — האָט מיץ איבערגעשלאָגן — דו זעסט דאָך, אַז דיין פעטער איז אַראָפּ פון זינען צוליב דעמדאָזיקן שטיין, וואָס איז ווערט פּונקט אַזוי פיל, ווי־פיל דער שטיינערנער זייל ביים הויז-ווינקל.

מר. פּאָרסיט, וואָס מיצס ווערטער האָבן פֿאַרמאָגט די באַזונדערע פעיקייט אים אַרויסצוברענגען פון געדולד, האָט זיך בייז אָנגערופן:

— אַלזאָ, איך פּאַרוואָר דיר, פראַנס, צו קומען צום דאָקטאָר אין שטוב אַריין.

— איך באַדויער, פעטער, וואָס איך מוז אַהין גיין קעגן דיין ווילן — האָט פראַנס דערקלערט, באַמיענדיק זיך צו זיין רויק — איך וועל אָבער יאָ גיין.

— יאָ, ער וועט גיין! — האָט מיץ אויסגערופן — איר זאָלט אונז אַפילו אַלעמען צעשניידן אויף שטיקער.

מר. פּאָרסיט האָט קיין אַכט נישט געלייגט אויף דערדאָזיקער ריזיקאַלישער דערקלערונג.

— הייסט עס, אַז דו בלייבסט בײַ דיינס? — האָט ער געפרעגט זיין שוועסטער-זון.

— יאָ, פעטער.

— און דו האָסט בדעה חתונה צו האָבן מיט דער טאָכטער פון דעמדאָזיקן גנב?

— יאָ, און קיין זאַך אין דער וועלט וועט מיך דערפון נישט אָפּהאַלטן.

— נו, מירן זען!...

נאָך די דאָזיקע ווערטער, וואָס זענען געווען דער ערשטער אָנזאָג פון זיין באַשלוס נישט צו דערלאָזן צו דערדאָזיקער חתונה, האָט מר. פּאָרסיט פאַרלאָזן דאָס צימער און איז אַוועק צו זיך אויפן טורעם, ווו ער האָט אַ קנאַק געטאָן די טיר הינטער זיך.

אַז פראַנס גאָרדאָן האָט זיך קיין רגע נישט געוואַקלט און איז, ווי אַלעמאָל, געקומען צו דער משפּחה הודעלסאָן, דאָס איז געווען אויסער יעדן ספק. אָבער אויב דער דאָקטאָר וועט אים אויך, ווי דער פעטער, פאַרווערן צו קומען? צי האָט מען זיך נישט געדאַרפט ריכטן אויף אַלץ אין דער וועלט מצד די־דאָזיקע צוויי שונאים, וואָס זענען געווען פאַרבלענדט פון קעגנזייטיקער קנאה, פון דער שנאה פון אַנטדעקער, די ערגסטע

פון אַלע מינים האָס?

ווי שווער עס איז אָנגעקומען פראַנס גאָרדאָנען אויסצובאַהאַלטן זיין אומעט פאַר דער פרוי הודעלסאָן מיט אירע טעכטער! ער האָט נישט געוואָלט פאַר זיי דערציילן וועגן דעם טרויעריקן פאָרפאַל. צוואָס פאַרמערן די דאגות פון דער מאַמיליע, בעת ער האָט פעסט באַשלאָסן ביי זיך נישט צו רעכענען זיך מיטן פעטערס פאַרבאָט, אויב ער זאָל כסדר בלייבן ביי זיינס?

צי וואָלט עס דען איינגעפאַלן אַ ניכטערן מענטש אַ טראַכט צו טאָן, אַז אַ מעטעאָר זאָל שטערן דעם גליק פון צוויי פאַרליבטע? אויב מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן זיך נישט געוואָלט טרעפן בעת דער חתונה-צערעמאָניע, קען מען זיך באַגיין אָן זיי. איבעריקנס, זייער קעגנוואָרט איז גאָרנישט אַזוי נויטיק. די וויכטיקסטע זאַך איז, אַז זיי זאָלן נישט אָפּזאָגן זייער דערלויבעניש... דער עיקר מצד דעם דאָקטאָר, ווייל פראַנס גאָרדאָן איז דאָך זיין פעטערס בלויז אַ שוועסטערזון, בעת דזשעני איז דעם דאָקטאָרס אַ לייבלעכע טאָכטער, וואָס וואָלט נישט געקענט חתונה האָבן אָן זיין דערלויבעניש. ווי-נאָר דער זייער חשובער אַ'גאַרט וועט דורכפירן די חתונה-צערעמאָניע אין דער קירך סען-אַנדרע, מעגן זיך דאַן די קעגנער קריגן וויפיל זיי ווילן.

גלייך אַ באַשטעטיקונג פון דידאָזיקע אָפּטימיסטישע אויספירן, זענען אַדורך עטלעכע רויִקע טעג. דאָס וועטער איז אויך ווייטער געווען שיין, און דער הימל אויסערגעוויינלעך קלאָר. חוץ די פרימאָרגן- און אָוונט-נעפּלען, וועלכע פלעגן פאַרשווינדן באַלד נאָכן אויפגאַנג און אונטערגאַנג פון דער זון, האָט קיין שום וואָלקנדל נישט פאַרדעקט דעם הימל, אויף וועלכן עס פלעגט זיך טאָג-טעגלעך באַווייזן דער מעטעאָר.

מיר דאַרפן נישט איבערחזורן, אַז פאָרסיט מיט הודעלסאָנען האָבן געשלונגען דעם מעטעאָר מיט די אויגן, אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, ווי זיי וואָלטן אים וועלן כאַפּן און צודריקן צום האַרצן.

עס וואָלט געווען פיל בעסער, ווען אַ געדיכטע כמאַרע פאַרדעקט דעם מעטעאָר, ווייל זיין אָנבליק האָט זיי אָן אויפ-הער געהאַלטן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

דעריבער טאַקע האָט מיך פאַרן שלאָפן גיין געדראָט מיט דער פויסט דעם לויטערן הימל. אומזיסטע דראָונגען! דער מעטעאָר האָט אויך ווייטער געצייכנט זיין ליכט-וועג אויפן הימל, וואָס איז באַזייט געווען מיט שטערנס.

פונדעסטוועגן איז די לאַגע ערגער געוואָרן בעיקר צוליבן אַריינמישן זיך פונם עולם אין דערדאָזיקער פריוואַטער מחלוקת. די צייטונגען האָבן זיך, טייל מיט אויפרעגונג, טייל מיט גרימ-צאָרן, געשטעלט אויף דער זייט פון מר. פאָרסיט אָדער דר. הודעלסאָן. קיין איינער איז נישט געבליבן גלייכגילטיק. אייגנט-לעך האָט זיי דער גאַנצער ענין פון דער בכורה נישט געדאַרפט אָנגיין; דערווייל אָבער האָט קיינער נישט געהאַט בדעה אָפּ-צוטרעטן.

פון די טורעמס איז די קריגעריי אַראָפּ אין די רעדאַק-ציעס, און מען האָט געקענט דערוואַרטן נישט איין אומאָנגע-נעמע קאָנסעקווענץ.

מ׳האָט אויך איינגעאָרדנט מיטינגען, אויף וועלכע מען האָט געדאַרפט אַרומרעדן דעם קלאָגעדיקן ענין. מ׳קען זיך פאָר-שטעלן, מיט וויפיל האַסטיקייט דידאָזיקע דיסקוסיעס פלעגן גע-פירט ווערן, אויב מ׳נעמט אין באַטראַכט די אימפּעטיקייט פון די פרייע אַמעריקאַנישע בירגער!

פרוי הודעלסאָן און דזשעני זענען געוואָרן זייער אומרויק צוליב דער אַלגעמיינער אויפרעגונג! לו האָט אומזיסט זיך באַ-מיט צו באַרויקן איר מוטער, און פראַנס — זיין כלה.

דער גרימצאָרן פון ביידע קאָנקורענטן, אָנגערעגט פון די געמיינע אַרטיקלען, איז געוואָרן וואָס-אַמאָל בפירושער. מען האָט איבערגעחזרט זאַצן, — פאַלשע אָדער ריכטיקע — וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך מר. פאָרסיט אָדער פלומרשט דורך מר. הודעלסאָן, — און פון טאָג צו טאָג, פון שעה צו

שעה, איז די לאגע געוואָרן ערנסטער.

אין אָט אזא צושטאנד איז אַראָפּגעפאלן אַ דונער פון הימל אַראָפּ און האָט, קען מען זאָגן, אויפגעטרייסלט די גאַנ־צע וועלט.

צי האָט אויפגעריסן דער מעטעאָר און דער עכאָ פונם אויפרייס האָט זיך געלאָזט הערן אין גאנצן הימל־רוים?

ניין, עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זייער אַ מערקוויר־דיקער ידיעה, וואָס האָט זיך אַ דאנק דער עלעקטרישער שנעל־קייט פונם טעלעגראַף און טעלעפאָן פאַרשפּרייט איבער אַלע רעפּובליקן און קיניגרייכן פון דער אַלטער און נייער וועלט.

דידאָזיקע ידיעה האָט נישט געשטאַמט נישט פון דר. הולעסאָן, נישט פון מר. פּאָרסיט, נישט פון דער פּיטסבורגער אָבסערוואַטאָריע, נישט פון דער באָסטיאַנער, און אויך נישט פון דער טשינטשינאַטער. דאָסמאָל האָט די פּאַריזער אָבסער־וואַטאָריע איבעררא͏ַשט, דורך דער פאַרמיטלונג פון דער פּרעסע, די גאַנצע וועלט, מיט אַן אַרטיקל, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דעם 2-טן מאַי און אָט וואָס ער דערציילט.

„דער מעטעאָר, אויף וועלכן צוויי חשובע בירגער פון דער שטאָט וואַסטאָן אינם שטאַט ווירגיניע האָבן אויפמערקזאַם געמאַכט די אָבסערוואַטאָריעס אין פּיטסבורג און טשינטשינאַטי, און וואָס זיין באַוועגונג אַרום דער ערד קומט־פּאָר אויך ווייטער מיט דער גאַנצער רעגלמע־סיקייט, ווערט איצט טאָג און נאַכט געפאָרשט אין אַלע אָבסערוואַטאָריעס פון גאָר דער וועלט דורך אַ גאַנצע אַרמיי באַרימטע אַסטראָנאָמען, וואָס ווידמען זייער גאַנ־צע באַהאַוונטקייט און געניטקייט דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט.

„די גענויע אויספאָרשונג האָט נאָך נישט באַוויזן אויפצוקלערן אַלע פּרטים פון דעם פּראָבלעם, הגם די פּאַ־ריזער אָבסערוואַטאָריע האָט שוין געלעזן דעם וויכטיקסטן טייל פון דער פראַגע, דהיינו דעם מהות פונם מעטעאָר.

די שטראַלונג פון דעם מעטעאָר איז אויסגעפּאָרשט געוואָרן מיט דער הילף פון דער ליכט-אַנאַליז, פון וואַנען מען האָט באַקומען די זיכערע איבערצייגונג וועגן דער סובסטאַנץ פון דעמדאָזיקן ליכט-קערפּער.

„זיין קערן, אַרומגערינגלט מיט אַ ליכט-שלייער, פון וואַנען עס קומען אַרויס די געפּאָרשטע שטראַלן, איז נישט קיין גאַז, נאָר געפינט זיך אין אַ האַרטן צושטאַנד. ער באַשטייט נישט פון קיין אייזן, ווי פיל אַעראָליטן, און נישט פון קיין אַנדערע כעמישע באַשטאַנד-טיילן, וואָס קומען ס׳רוב אַריין אינם צוזאַמענשטעל פון דידאָזיקע בלאָנדזשענדיקע קערפּער.

„דער מעטעאָר איז פון גאָלד, פון ריינסטן גאָלד, און אויב מען האָט נאָך ביז איצט נישט געקאָנט אָפּשאַצן זיין ווערט, איז עס דערפאַר, ווייל מ׳האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצורעכענען די דימענזיעס פון דעמדאָזיקן קערן״.

דידאָזיקע ידיעה האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט. די קאָנסעקווענצן דערפון איז זיך לייכטער פאָרצושטעלן, איידער צו באַשרייבן. אַ גאָלדענע קויל, אַ מאַסע פונם איידלסטן מעטאַל, וואָס זיין ווערט האָט באַטראָפן מיליאַרדן, האָט אַרומגעקרייזט אַרום דער ערד! צו וואָסערע טרוימען דידאָזיקע ידיעה האָט געקענט אָנרעגן! וואָס פאַר אַ תאווה זי וועט אַרויסרופן אין דער גאַנצער וועלט, און דער עיקר אין דערדאָזיקער שטאָט וואַסטאָן, וואָס איז באַרימט געוואָרן מיט דער אַנטדעקונג, — און קודם-כל אין די הערצער פון די צוויי וואַסטאָנער, פון איצט אָן אומשטערבלעכע, בירגער, דעאַן פאָרסיט און סידניי הודעלסאָן!

קאַפּיטל ניין,

אין וועלכן די צייטונגען, דער עולם, מר. פאַר סיט און דר. הודעלסאָן מיסברויכן מיט זייערע מאַטעמאַטישע ידיעות.

פון גאָלד!... ער איז פון גאָלד!

דער ערשטער איינדרוק איז געווען דער אומצוטרוי. פאַר טייל איז עס געווען אַ טעות, וואָס וועט באַלד אויפגעדעקט ווערן; פאַר אַנדערע ווידער — אַ געניאַלער שפּאַס...

ווען עס זאָל טאַקע אַזוי זיין, וואָלט די פּאַריזער אָבסער־וואַטאָריע זיך צוגעאיילט אָפּצולייקענען און וואָלט דערמיט אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך די אַחריות פאַר דער געבראַכטער ידיעה.

לאָמיר גלייך דערציילן, אַז דידאָזיקע אָפּלייקענונג האָט זיך נישט באַוויזן. פאַרקערט, די אַסטראָנאָמען פון אַלע לענדער האָבן, ענטפערנדיק אויף די באַאָבאַכטונגען פון זייערע פראַנ־צויזישע קאָלעגן, באַשטעטיקט איינשטימיק די אויספירן. מען האָט, אַלזאָ, געדאַרפט אָננעמען די דערשיינונג פאַר אַ קאָנטראָ־לירטע און זיכערע.

דעמאָלט האָט אַלעמען אַרומגעכאַפּט אַ פיבער.

עס איז באַוווסט, אַז בעת אַ ליקוי־חמה פאַרקויפט מען זייער אַסך אָפּטישע גלעזער. מען קען זיך, אַלזאָ, פאָרשטעלן,

וויפיל לאַרנעטן, שפּאַקטיוון און טעלעסקאָפּן מען האָט אויספּאַר־קויפט בעת דערדאָזיקער גרויסער פּאַסירונג! קיין שום קעניג אָדער קעניגין, קיין שום זינגערין אָדער טענצערין זענען נישט געוואָרן אַזוי אָבסערווירט, מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, ווי דערדאָזיקער פּראַכטפולער מעטעאָר, וואָס האָט זיך גלייכגילטיק און רעגלמעסיק אַרומגעשוועבט אין די רוימען.

דאָס וועטער איז כסדר געווען גינסטיק און האָט פאַרלייכטערט די פאָרשער. דעריבער האָבן ביידע, סיי מר. פּאָרסיט און סיי דר. הודעלסאָן, לחלוטין נישט פאַרלאָזן זייערע טורעמס. ביידע האָבן זיך באַמיט אָנצוצייכענען די עיקר־עלעמענטן פונם מעטעאָר, זיין אומפאַנג, זיין מאַסע און אַנדערע גענויער אייגנשאַפטן. אויב עס איז סוף־כל־סוף, שווער געווען צו אַטנשיידן דעם וויכוח וועגן דער בכורה, איז וויפיל איבערוואָג וועט געווינען דערדאָזיקער, וואָס וועט ביים צווייטן אַרויסרייסן איינעם פון זיינע סודות! צי איז דער ענין פונם מעטעאָר נישט געווען קיין טאָג־ענין? אין קעגנזאַץ צו די גאַליער, וואָס האָבן זיך רק געשראָקן, טאָ־מער פאַלט זיי, חלילה, דער הימל אַראָפּ אויף די קעפּ, — איז די גאַנצע מענטשהייט געווען אַדורכגעדרינגען פון איין איינציקן פאַרלאַנג: אַז דער מעטעאָר זאָל בלייבן שטיין אין זיין לויף אין אַ מאָמענט פון שטאַרקן ערד־מאַגנעטיזם און זאָל באַריי־כערן די ערד־קויל מיט זיינע בלאָנדזשענדיקע מיליאַרדן.

וויפיל צייט האָט מען עס געווידמעט אויף צו באַרעכענען די צאָל פון דידאָזיקע מיליאַרדן! צום באַדויערן, דידאָזיקע אויס־רעכענונגען האָבן קיין גרונט נישט געהאַט, ווייל מען האָט נישט געוווּסט די דימענזיעס פונם קערן.

יעדנפאַלס איז דער ווערט פונם קערן, אָן אונטערשייד, געווען זייער אַ גרויסער, און דאָס איז געווען גענוג, כּדי אָנ־צורעגן די פאַנטאַזיעס.

דעם 3־טן מאַי האָט „וואַסטאָן סטענדאַר" געבראַכט מכּוח דעם אַן אַרטיקל, וואָס האָט זיך, נאָך לאַנגע אויספירן געענדיקט אָט ווי אַזוי:

„אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דער קערן פון מעטעאָר פּאַרסיט־הודעלסאָן באַשטייט פון אַ קויל, וואָס האָט בלויז צען מעטער די גרויס פונם דיאַמעטער, וואָלט זי געוועגט, אויב זי זאָל זיין פון אייזן, דריי טויזנט זיבנהונדערט דרייאונזיבעציק טאָן. אָבער די וואָג פון אַ גינגאָלדערנער קויל וואָלט באַטראָפן צען טויזנט מיט דרייאונאַכציק טאָן און וואָלט ווערט געווען העכער איינאונדרייסיק מיל־יאַרד פראַנק".

ווי עס איז צוזען, " האָט זיך דער „סטענדאַר' גע־שטיצט אויפן מאָדערנעם שטראָם, אויפן מעטער־סיסטעם. לאָז אונז דערלויבט זיין אים האַרציק צו גראַטולירן!

הייסט עס, אַז אַזאַ קליינער מעטעאָר זאָל האָבן אַזאַ קאָ־לאָסאַלן ווערט!...

— צי איז עס מעגלעך? — האָט אָמיקראָן אַרויסגעשטאַמלט נאָכן איבערלייענען דידאַקטיק נאָטיץ.

— דאָס איז נישט בלויז וואַרשיינלעך, נאָר טאַקע זיכער — האָט מר. פּאַרסיט ערנסט געענטפערט — כדי צוקומען צו אַזאַ רעזולטאַט, איז גענוג צו פּופלען די מאַסע איבער דעם דורכ־שניטלעכן ווערט פונם גאָלד, דאָס הייסט 3100 פראַנק אַ קי־לאָגראַם.

— יאָ, ריכטיק! — האָט אָמיקראָן באַשטעטיקט מיט דער מינע פון אַ מבין, הגם ער האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

— נאָר די צייטונג, זע איך, פאַרבינדט נאָך אַלץ מיין נאָמען מיטן נאָמען פון דעמדאָזיקן פאַרשוין!

משמעות, דאָקטאָר הודעלסאָן האָט פון זיין זייט אויך גע־מאַכט דיזעלבע באַמערקונג.

ווען מיס לו האָט איבערגעלייענט די אויספירן פון „סטענ־דאַר", האָט זי געמאַכט אַזאַ פאַראַכטונגפולע מינע מיט איר שיינע ליפּן, אַז די איינאונדרייסיק מיליאַרד וואָלטן זיך אַוודאי נעפילט זייער געטראָפן, ווען זיי באַמערקן איר מינע.

עס איז באַוווסט, אַז דער טעמפּעראַמענט פון די זשור־

נאַליסטן איז אינסטינקטיוו גענייגט איבערצוכאַפּן די מאָס לגבי די קאָלעגן. אויב איינער וועט זאָגן צוויי, וועט דער צווייטער אָן שום צווייפל גלייך זאָגן דריי. דעריבער דאַרף מען זיך נישט וווּנדערן, וואָס דעמזעלבן אָוונט האָט דער „וואָסטאָנער אָוונט״ געענטפערט מיט אַן אַרטיקל, וואָס האָט אָפּגעדעקט די איינזייטיקייט פון זיינע מיינונגען.

„מיר פאַרשטייען נישט, פאַרוואָס דער „סטענדאַר״ איז געווען אַזוי באַשיידן אין זיין חשבון. מיר וועלן זיין דרייסטער, ווען מיר וועלן אָננעמען, אַז דער דיאַמעטער פונם מעטעאָר-קערן הודעלסאָן באַטרעפט הונדערט מעטער. אויב מ׳זאָל זיך שטיצן אויף דערדאָזיקער דימענזיע, דאַרף די וואָג פון אַזאַ מין לויטער-גאָלדערנער קויל באַטרעפן צען מיליאָן, דרייאונאַכציק טויזנט, פירהונדערט מיט אַכציק טאָן, און דער ווערט דאַרף באַטרעפן העכער איינאונדרייסיק טריליאָן, צווייהונדערט מיט זעכציק מיליאַרד פראַנק, — דאָס הייסט, אַ מספר פון זעכצן ציפערן!״

— נישט רעכענענדיק קיין סענטימען — האָט שפּאַסיק באַמערקט „פּונטש״, ציטירנדיק דידאָזיקע אומגעהייערע צאָל, וואָס די פאַנטאַזיע קען זי נישט באַנעמען.

דערווייל האָבן מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן אויסגענוצט דאָס שיינע וועטער און זיך מיט וואָס-אַמאָל מער אייפער איבערגעגעבן זייער פאָרשונג, אין דער האָפענונג, אַז יעדן איינעם פון זיי וועט זיך איינגעבן אויסצוכאַפּן דעם קעגנער לכל-הפחות די פעסטשטעלונג פון די דימענזיעס פונם אַסטעראָיד-קערן. ליידער, איז געווען זייער שווער צו באַצייכענען די מאָס פונם מעטעאָר צוליב זיין גלאַנצנדיקן שלייער.

איינמאָל אָבער, אין דער נאַכט פון 5-טן אויפן 6-טן מאַי, האָט זיך מר. פאָרסיטן געדוכט, אַז ער האָט דערגרייכט דעם ציל. אַזוי-ווי די שטראַלונג איז אויף איין רגע שוואַכער געוואָרן, האָט מען געקענט באַמערקן אַ קויל מיט אַן אומגעוויינלעכן גלאַנץ.

— אָמיקראָן! — האָט מר. פאָרסיט אויסגערופן, און זיין

קיל איז געווען דערשטיקט פון אויפרעגונג.

— וואָס?

— דער קערן!

— יאָ, איך זע אים.

— ענדלעך האָבן מיר אים!

— נו! — האָט אָמיקראָן אויסגערופן — מ׳זעט דאָך אים שוין נישט!

— דאָס מאַכט נישט אויס, אַבי איך האָב אים געזען! דאָס וועט זיין מיין רום און מיין פאַרדינסט!... מאָרגן אינדער-פרי שיק איך אַרויס אַ דעפּעשע צו דער אָבסערוואַטאָריע אין פּיטסבורג, און דערדאָזיקער מנוול הודעלסאָן וועט שוין מער נישט קענען טענהן...

צי האָט זיך מר. פאָרסיט איינגערעדט בלויז, אָדער דר. הודעלסאָן האָט זיך געלאָזט אויסכאַפּן? קיינער וועט עס נישט דערגיין. דער בריוו צו דער פּיטסבורגער אָבסערוואַטאָריע איז אויך נישט אַרויסגעשיקט געוואָרן.

וואָרן דעם 6-טן מאַי האָט זיך אין די צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט באַוויזן פאָלגנדיקע נאָטיץ:

„די אָבסערוואַטאָריע אין גרינוויטש האָט דעם כבוד מיטצוטיילן דער עפנטלעכער מיינונג, אַז זי האָט שוין גענוי באַרעכנט דעם ווערט פונם מעטעאָר. אַלזאָ, דער מעטעאָר, וועלכער איז אַנטדעקט געוואָרן דורך די צוויי חשובע בירגער פון דער שטאָט וואַסטאָן און וואָס איז דורך דער פּאַריזער אָבסערוואַטאָריע אָנערקענט געוואָרן פאַר אַ גאָלדערנעם, באַשטייט פון אַ קויל, וואָס האָט אַ דיאַמעטער פון הונדערט מעטער און דעם אומפאַנג פון אַן ערך זעקסהונדערט זעקסאונצוואַנציק טויזנט קוב-מעטער.

„אַזאַ מין גאָלדענע קויל וואָלט געדאַרפט וועגן איבער דרייצן מיליאָן טאָן. דערווייל איז דער חשבון אַן אַנדערער. די ווירקלעכע וואָג פונם מעטעאָר באַטרעפט קוים אַ זיבעט-חלק פון דער דערמאָנטער צאָל אָבער אומ-

געפער אַ מיליאָן מיט אַכטהונדערט זיבענאונזעכציק טויזנט טאָן, דאָס הייסט, אַ וואָג, וואָס אַנטשפּרעכט דעם אומפאַנג פון בערך זיבענאונניינציק טויזנט קוב-מעטער און אַ דיאַמעטער פון אומגעפער זיבענאונפופציק מעטער.

„דידאָזיקע באַטראַכטונגען פירן אונז דירעקט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז אַזוי-ווי דער כעמישער באַשטאַנד פונם מעטעאָר איז אויסער יעדן ספק, געפינען זיך דעריבער אינם מעטאַל פונם קערן לײדיקע, גרויסע קאַמערלעך, אָדער — וואָס עס איז וואַרשײנלעכער — דער מעטאַל געפינט זיך אין אַ צעשטויבטן צושטאַנד, און אין אַזאַ פאַל איז דער קערן פאָרנאַרטיק, אַזוי ווי אַ שוואָם.

„ווי עס זאָל נישט זיין, דערלויבן אונז די אויסרעכענונגען און פאָרשונגען צו באַשטימען גענוי דעם ווערט פונם מעטעאָר. דערדאָזיקער ווערט באַטרעפט, לויטן גאָלד-קורס, נישט ווייניקער פון פינף טויזנט זיבענהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד פראַנק”.

הייסט עס, אַז אויב דער דיאַמעטער האָט נישט געהאַט קיין הונדערט מעטער, ווי עס האָט זיך משער געווען דער „וואַסטאָנער אָוונט”, האָט ער אָבער אויך נישט געהאַט קיין צען מעטער, ווי ס'האָט געטענהט „סטענדאַר”. דער אמת איז געלעגן אין דער מיט. יעדנפאַלס וואָלט מען געקענט פאַרווירקלעכן די דרייסטע פּלאַנען, אויב דער מעטעאָר זאָל נישט אַרומשוועבן אייביק איבער דער ערד-קויל.

ווען מר. פאָרסיט האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם ווערט פון זיין מעטעאָר, האָט ער אויסגערופן:

— דאָס האָב איך אים אַנטדעקט און נישט דער מנוול פונם טורעם. ער געהער צו מיר, און ווען ער זאָל אַראָפפאַלן אויף דער ערד, וואָלט איך פאַרמאָגט פינף טויזנט מיט אַכטהונדערט מיליאַרד!

דר. הודעלסאָן ווידער פון זיין זייט האָט, דראָענדיק דעם טורעם מיט דער פויסט, איבערגעחזרט:

— דאָס איז מיין גוט... מיין אייגנטום... דאָס איז די ירושה פון מיינע קינדער, וואָס שוועבט אַרום אין די רוימען.. ווען ער זאָל אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, וואָלט ער איגגאַנצן געהערט צו מיר, און איך וואָלט געווען פינף טויזנט אַכטהונדערט מאָל אַ מיליאַרדער.

עס איז אַ זיכערע זאַך, אַז וואַנדערווילד, אַסטאָר, ראָקפעלער, מאָרגאַן און אַנדערע אַמעריקאַנער געלט־האָבער וואָלטן אין אַזאַ פאַל געווען קליינע קאַפּיטאַליסטן לגבי אַזאַ דר. הודעלסאָן אָדער מר. פאָרסיט!

אָט, צו וואָס זיי זענען דערגאַנגען. אויב זיי האָבן די קעפּ נישט פאַרלוירן דערביי, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס דאָס זענען געווען שטאַרקע קעפּ!

פראַנס און פרוי הודעלסאָן האָבן גוט געוווסט, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. אָבער ווי אַזוי האַלט מען דאָ איין די קאָנקורענטן אויפן גליטשיטן וועג? מען קען דאָך מיט זיי רויק נישט רעדן, עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן פאַרגעסן וועגן דער חתונה, וואָס דאַרף פאָרקומען, און האָבן געטראַכט בלויז וועגן זייער קאָנקורענץ, וואָס איז אַזוי קלאָגעדיק געשטיצט געוואָרן דורך די צייטונגען.

די אַרטיקלען פון די צייטונגען, ס׳רוב רויקע, פלעגן ווערן האַסטיק, און די באַדויערונגסווערטע פערזענלעכע צוטשעפּענישן וואָלט די רויקסטע מענטשן אַרויסגעבראַכט פון די כלים.

פון זיין זייט ווידער, האָט ער „פּונטש“ מיט זיינע עפּיגראַמען, און קאַריקאַטורן נישט אויפגעהערט צו העצן די קעגנער. אויב ער האָט נישט צוגעזאָגן קיין בוימאייל צום פייער, האָט ער לכל־הפּחות צוגעשאָטן דעם זאַלץ פון זיינע וויצן, וואָס האָט געזעטיקט דאָס פייער.

מען האָט זיך גענומען שרעקן, טאָמער וועלן מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן גיין זיך פעכטן צוליב דעם מעטעאָר מיט געווער אין האַנט און פאַרענדיקן דעם סכסוך מיט אַן אַמעריקאַנישן דועל. דאָס וואָלט טרויעריק געווירקט אויפן גורל פון

דער פֿאַרליבטער פּאָר!

צום גליק פֿאַרן שלום פֿון דער וועלט, איז דער עולם געקומען צו זיך גראָד דעמאָלט, ווען די ביידע מאַניאַקעס האָבן טאָג־טעגלעך פֿאַרלוירן אַ שטיק געזונטן שׂכל; מען האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אַרומקוקן, אַז דער ווערט פֿון דעמדאָזיקן מעטעאָר איז גאָרנישט, וויבאַלד מ׳קען אים נישט דערגרייכן, און דידאָזיקע באַמערקונג האָט איינגעשטילט די צערייצטע געמיטער.

עס איז, אַלזאָ, געווען אַ זיכערע זאַך, אַז מ׳קען נישט דערגרייכן. טאָג־טעגלעך פֿלעגט ער זיך באַווייזן אין דער באַשטימטער אויסגערעכנטער שעה. זיין שנעלקייט איז, אַלזאָ, געווען אַ נאָרמאַלע, און ווי עס האָט דער ערשטער באַמערקט „וואַסטאָן סטענדאַר", איז נישט געווען קיין שום סיבה, צוליב וועלכער זי זאָל זיך דאַרפֿן פֿאַרקלענערן. פֿון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער מעטעאָר וועט אייביק אַרומקרייזן אַרום דער ערד, ווי ער האָט עס, וואַרשיינלעך, געטאָן אויך ביז איצט.

דידאָזיקע באַטראַכטונגען, איבערגעחזרט אָן אַ שיעור מאָל דורך אַלע צייטונגען פֿון דער גאָרער וועלט, האָבן שטאַרק מיטגעווירקט צו באַרויקן די געמיטער. פֿון טאָג צו טאָג האָט מען זיך אַלץ ווייניקער באַשעפֿטיקט מיטן מעטעאָר, ביז יעדערער האָט זיך לסוף אומגעקערט מיט אַ זיפֿץ פֿון באַדויערונג און בענקשאַפֿט נאָכן אומדערגרייכבאַרן אוצר — צו זיין אַרבעט.

אינם נומער פֿון 9־טן מאַי האָט דער „פּונטש" פֿעסטגעשטעלט דידאָזיקע שטייגנדיקע גלייכגילטיקייט פֿונם עולם צו אַ זאַך, וואָס האָט אים מיט עטלעכע טעג צוריק ערשט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט; און אויב מ׳זאָל אָננעמען, אַז זיינע שפּאָסן ברענגען דעם בעסטן רעזולטאַט, האָט ער ווידער געפֿינען אַ סיבה אָנצופֿאַלן אויף די אַנטדעקער פֿונם מעטעאָר.

„ווען־זשע — האָט „פּונטש" מיט אויפֿרעגונג געשריבן
אין סוף פֿון זיין אויפֿרוף — וועלן שוין, ענדלעך, באַשטראָפֿט ווערן די צוויי פֿאַרברעכער, וועלכע מיר האָבן
שוין עפּנטלעך געשטעמפּלט? לאַ־די, וואָס זיי האָבן מיט

איין קנאַק געוואָלט חרוב מאַכן די שטאָט, אין וועלכער זיי זענען געבוירן געוואָרן — זענען זיי איצט געוואָרן די סיבה פון דער ירידה פון זייער אַן אָנגעזעענער משפחה אין שטאָט. די פּאָריקע וואָך האָט אונזער פריינד, אַריינגעבראַכט אין אַ טעות דורך זייערע ליגנערישע און פּאַרפּירערישע טענות, צעטרענצלט אין משך פון אַכטאונפערציק שעה זיין גאַנצן ריזיקן פאַרמעגן. דער אומגליקלעכער האָט זיך געריכט אויף די מיליאַרדן פונם מעטעאָר! וואָס זאָלן איצט טאָן די אָרעמע קינדער פון אונזערע, וויבאַלד די מיליאַרן אַנטרינען אונז פשוט אונטער... נו, אונטער דער נאָז? דאַרפן מיר צוגעבן, אַז אונזער פריינד איז אַ סימבאָלישער און אַז ער איז אַ גאַנצע אַרמיי? מיר לייגן פאָר, אַז די איינוווינער פון דער ערד-קויל זאָלן איינשטימיק אָנקלאָגן אין געריכט די הערן פאָרסיט און הודעלסאָן און פאָדערן פון זיי צו באַצאָלן פינף טויזנט מיט זיבענהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד אַנטשעדיקונג. און מיר פאָדערן, מ׳זאָל זיי דערצו צווינגען!״

די שולדיקע האָבן זיך קיינמאָל נישט דערוווּסט, אַז זיי זענען געווען באַדראָט פון אַ פּראָצעס, וואָס איז נאָך ביז איצט קיינמאָל נישט פאָרגעקומען און וואָס עס וואָלט, אַגב, געווען שווער אַדורכצופירן.

בעת די אַנדערע שטערבלעכע האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו ערדישע זאַכן, זענען מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן ווייטער פאַרבליבן אין די רוימען און מיט עקשנות געקוקט דורך די גלעזער פונם טעלעסקאָפּ.

קאַפּיטל צען,

אין וועלכן זעפּירין קסירדאַלן קומט אין קאָפּ אריין איין, און בעסער געזאָגט, צוויי געדאַנקען.

צווישן זיך פלעגט מען זאָגן:

— זעפּירין קסירדאַל... שוין איינמאָל אַ טיפּ!

סיי פיזיש, סיי מאָראַליש איז זעפּירין קסירדאַל באמת געווען אַן אומגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט.

זיין גרויסער גוף איז געווען ווי צעגלידערט אויף שטיקער, אַ העמד ס'רוב אָן אַ קעלנערל און שטענדיק אָן מאַנזשעטן, דאָס וועסטל אָן צוויי אָדער דריי קנעפּלעך, דאָס רעקל ברייט, מיט קעשענעס, אָנגעפּאַקטע מיט טויזנטער זאַכן, אַלץ אַרום שמוציק און נישט-איבערקלייבעריש אַרויסגעשלעפּט פון אַ גאַנצן פּאַק קליידער — אָט איז דאָס אַלגעמיינע אויסזען פון זעפּירין קסירדאַל און זיינע אָנשווינגען אויף עלעגאַנץ. פון זיינע איינגעהויקערטע אַקסלען, ווי פון אַ קעלער-געוועלב, זענען אַראָפּגעהאָנגען צוויי לאַנגע אָרעמס, פאַרענדיקט מיט ריזיקע, האָריקע הענט, אַגב זייער געשיקטע, וואָס האָבן זעלטן-ווען געהאַט אַ שייכות מיט אַ שטיקל זייף.

אויב מ'זאָל אָננעמען, אַז דער קאָפּ איז, ווי דער שטייגער, געווען דער הויפּט-פּונקט פון דעמדאָזיקן פאַרשוין, איז עס בלויז דערפאַר, ווייל אַנדערש האָט נישט געקאָנט זיין. אָבער

דערדאָזיקער אויסטערלישער פּאַרשוין, גלייך ער וואָלט זיך וועלן פּאַרגיטיקן די עוולה פון דער נאַטור, האָט אַלעמען געגרן גע-וויזן זיין שרעקלעך-מיאוס פּנים. און דאָך האָבן דידאָזיקע קאָנ-טיקע און סתּירותדיקע שטריכן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט: אַ שווערער קין, אַ גרויס מויל מיט גראָבע ליפּן, מיס פּעסטע ציין, די נאָז אַ פּלאַטשיקע, אַ צוגעקוועטשטע, אָפּשטאַרצנדיקע אויערן, ווי זיי וואָלטן געפּילט אַן עקל צום גאַנצן שאַרבן, — אָט דאָס אַלץ האָט, נאַטירלעך, דערמאָנט זייער ווייניק אָן דעם שיינעם גריכישן אַנטינאָוס.

פּאַרקערט, זיין ערנסטער, הויכער שטערן מיטן איידעלן שניט האָט באַצירט דאָסדאָזיקע אויסטערלישע פּנים, ווי אַ טעמפּל באַצירט אַ בערגל, אַ טעמפּל פון די ,דערהויבנסטע גע-דאַנקען.

צולעצט, כּדי צו געבן דעם ריכטיקן קאָנטראַסט, האָט זע-פּירין קאַסירדאַל געהאַט אונטערן ברייטן שטערן צוויי בולטע אויגן, וואָס האָבן אָפּהענגיק פון דער שעה און מינוט, אויס-געדריקט אָדער די העכסטע אינטעליגענץ אָדער די גרעסטע טפּשות.

די מאָראַלישע זייט זיינע איז אויך געווען אַנדערש פון די מאָדערנע באַנאַלע באַגריפן.

שטעלנדיק אַ ווידערשטאַנד אַלע סיסטעמאַטישע לערעס, האָט ער נאָך אין די יונגע יאָרן דערקלערט, אַז ער וועט זיך בילדן אַליין, און ער האָט געצוווּנגען די עלטערע זיך אונטער-צוּוואַרפן זיין פעסטן ווילן, וואָס עס האָט זיך, אַגב, גוט געענדיקט.

אין אַן עלטער, ווען די יוגנט באַזוכט נאָך די מיטלשול, האָט זעפּירין קסירדאַל לשם פּאַרוויילונג, ווי ער פּלעגט זאָגן, געהאַלטן קאָנקורס-עקזאַמענס אין אַלע הויכשולן און איז אומעטום געווען דער בעסטער שילער.

פונדעסטוועגן פּלעגט ער גלייך נאָכן נצחון פּאַרגעסן אָן זיין דערפאָלג, און די שולן האָבן, איינע נאָך דער אַנדערער,

געמוזט אויסשטרייכן פון זייערע רשימות דעם קאָנקורס-געווינער, וועלכער פלעגט פאַרגעסן זיי צו באַזוכן.

נאָכן טויט פון זיינע עלטערן, אין אכצנטן יאָר פון זיין לעבן, איז ער געבליבן דער האַר איבער זיין ווילן און האָט דיספּאָנירט מיט פופצן טויזנט פראַנק אַ יאָר. זעפירין קסירדאַל האָט ליקווידירט אַלע פאַרפליכטונגען פון דער ירושה אויפן ווונטש פון זיין אַפּוטרופּוס און טויף-פּאַטער, דעם באַנקיר ראָבערט לעקער, וועלכן ער האָט פון קינדווייז אָן גערופן „פּעטער", און האָט פאַרנומען צוויי קליינע צימערלעך אויפן זעקסטן שטאָק, אויף דער קאַסעט-גאַס אין פּאַריז.

ער האָט נאָך דאָרט געוווינט אינם איינאונדרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן און דאָרט ביסלעכווייז אָנגעזאַמלט גאַנצע הויפנס פאַרשידנערליי חפצים.

דאָרט זענען געווען מאַשינען און עלעקטרישע לייטערס, אַ דינאַמאָמאַשין, אָפּטישע מכשירים, רעטאָרטעס און הונדערטער אַנדערע זאַכן.

בערג מיט בראָשורן, ביכער, פּאַפּיראָסן האָבן זיך געהויבן פון דער ערד ביזן סופיט, פאַרנומען דעם איינציקן שטול און דעם טיש און אויפגעהויבן זיי ביידע אַזוי הויך, אַז אונזער פאַרשוין האָט, זיצנדיק אויף איינעם, געקאָנט שרייבן אויפן צווייטן.

דערצו, אויב דידאָזיקע פּאַפּירן האָבן אים געשטערט, פלעגט ער זיי אַ וואָרף טאָן אויפן מיטן צימער און זיך רויק אומקערן צו דער אַרבעט ביים טיש, וועלכער איז געווען געוויס אויפגעראַומט, ווייל אויף אים איז גאָרנישט נישט געבליבן, און וועלכער איז איצט גרייט געווען אויפצונעמען נייע זאַכן.

מיט וואָס-זשע האָט זיך זעפירין קסירדאַל באַשעפטיקט? מען מוז מודה זיין, אַז בכלל האָט ער זיך צופרידנגעשטעלט מיט ציען זיין אויסגייענדיקע פּיפּקע און פריילאָזן זיינע חלומות.

נאָר פון צייט צו צייט קומט אים אין קאָפּ אַריין עפּעס

א נייער איינפאַל. דעמאָלט רוימט ער אַראָפּ פון טיש, דאָס הייסט, ער גיט א שיט אַראָפּ אַלצדינג מיט איין צי אויף דר'ערד, און ער זעצט זיך צו און גייט נישט אַוועק, ביז ער פאַרענדיקט נישט זיין אַרבעט, וואָס פלעגט דויערן פון פערציק מינוט ביז פערציק שעה.

דעמאָלט שטעלט ער אַוועק א פונקט, לאָזט אויפן טיש דאָס פאַרשריבענע פאַפּיר, צו וועלכן עס קומען באַלד צו נייע, צו־זאַמען א גאַנצער שטוס, וועלכער ווערט אויך פאַרמשפט אַראָפּ־צונידערן אויף דער ערד, קוים קומט אים נאָר א נייער איינפאַל אין קאָפּ אַריין.

דידאָזיקע איינפאַלן, וואָס פלעגן אַרויסרופן א צייטווייליקן קריזיס אין דער אַרבעט, זענען נוגע פאַרשידענע געביטן: העכערע מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע, פיזיאָלאָגיע, פילאָזאָפיע, אַבסטראַקטע וויסנשאַפטן און פראַקטישע. אַלצאיינס, וואָס פאַר א מין פראָבלעמען עס האָט אים אינטערעסירט; יעדן מין האָט ער שטודירט מיט דערזעלבער פאַרביסנקייט, כמעט שגעון, און האָט אַזוי לאַנג געהאָרעוועט, ביז ער האָט דעם פראָבלעם געלאָזן, אויב...

אויב אַן אַנדער איינפאַל איז אים ביני־לביני אומגעריכט נישט געקומען אין קאָפּ אַריין. דעמאָלט פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז דערדאָזיקער משונהדיקער פאַרשוין פלעגט אַלץ אַוועקוואַרפן און זיך אַריבערטראָגן אין אַ געביט פון חלום, פון אַ געיעג נאָך עפּעס אַ פלאַטערל, וואָס זיינע שימערירנדיקע פאַרבן האָבן אים צוגעצויגן, און ער פלעגט אין דער שיכּרות פונם נייען טרוים פאַרגעסן דעם אַלטן.

אָבער אין דעם פאַל איז עס געווען א צייטווייליקע שיכחה.

פריער אָדער שפּעטער, ווען די אָנגעהויבענע אַרבעט איז אים נאָר געקומען אונטער די הענט, פלעגט ער זיך אומקערן צו איר מיט א נייען ברען, און די צייטווייליקע הפסקה האָט אים נישט געשטערט צו דערפירן די אָנגעהויבענע אַרבעט צו א סוף.

וויפיל וויכטיקע און דערהויבענע אָנשווינגען, וויפיל באַוויגטע שוועריקייטן פון די שווערסטע עקזאַקטע און עקספּערימענטאַלע וויסנשאַפטן, וויפיל פּראַקטישע דערפינדונגען זענען נעוועזן פאַרבאָרגן אין דעמדאָזיקן שטויס פּאַפּירן, וועלכע זעפּירין קסירדאַל פלעגט אָפּשטויסן פון זיך מיט איין פאַראַכטלעכן שטויס מיטן פוס!

ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן אויסנוצן דעמדאָזיקן אוצר, סיידן ווען איינער פון זיינע פריינד פלעגט זיך קלאָגן פאַר אים אויף דער אומפּרוכטבאַרקייט פון זיינע זוכענישן.

— וואַרט נאָר, — פלעגט דעמאָלט זאָגן קסירדאַל — דאַכט זיך, אַז איך האָב עפּעס וועגן דעם.

און ער פלעגט אויסשטרעקן די האַנט און מיט אַ מערקווירדיקן אינסטינקט אָנטרעפן אונטער די טויזנטער בלעטער, צעדרייטע און צעקנאָדערטע, די אַרבעט פון דעם געביט, און זי איבערגעבן דעם פריינד מיט אַ דערלויבעניש זי אויסצונוצן אָן שום באַוואָרענישן.

עס איז אים קיינמאָל נישט געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז ער האַנדלט קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן.

וועגן קיין געלט איז אים קיינמאָל נישט געגאַנגען. אויב ער האָט געדאַרפט געלט, פלעגט ער זיך ווענדן צו זיין טויךּפאָטער, צו ראָבערט לעקער, וועלכער האָט שוין, אמת, אויפגעהערט צו זיין זיין אַפּוטרופּוס, נאָר איז נאָך אַלץ געבליבן זיין באַנקיר, וועלכער האָט אים שטענדיק געליפערט די נויטיקע סומע פאַר זיינע באַדערפענישן.

דעריבער טאַקע, זינט ער האָט געוווינט אויף דער קאַסטעטנאַס, פלעגט ער אַלעמאָל גיין צום באַנקיר, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט קריגן ביי אים די נויטיקע סומע געלט.

דאָס פּלעגט אים פולשטענדיק צופרידנשטעלן. האָבן וואָס־אַמאָל נייע פאַרלאַנגען און וויסן, אַז זיי קענען פאַרווירקלעכט ווערן, איז אַוודאי איינע פון די פאָרמען פון גליק. אָבער נישט די איינציקע. נישט האָבן קיין שום פאַרלאַנגען און זיין אינגאַנצן גליקלעך — אָט דאָס איז געווען דער גורל פון זעפירין קסירדאַל.

אַלזאָ, דעם 10־טן מאַי אינדערפרי האָט דערדאָזיקער גליקלעכער מענטש, זיצנדיק אויף זיין איינציקן שטול, מיט די פיס אָנגעשפאַרט אָן פענסטער, וואָס איז געלעגן עטלעכע סענטימעטער העכער פונם קאָפּ, געררויכערט אַן אומגעווייגלעך אַראָמאַטפולע פּיפקע און בשעת־מעשה געטראַכט רעבוסן און קוואַדראַטרעטענישן אויפן פּאַפּיר אין דער פאָרם פון אַ זעקל, וואָס אַ סוחר האָט אים געשאָנקען ביים פאַרקויפן אַ געוויסן שפּייזאַרטיקל.

ווי־נאָר ער האָט גענומען לעזן די וויכטיקע אויפגאַבע, האָט ער אַ וואָרף געטאָן דאָס פּאַפּיר אויפן שטויס און נאַכלעסיק אויסגעשטרעקט די לינקע האַנט, כדי צו נעמען עפּעס פון טיש.

ער האָט אָנגעטראָפן אויף אַ פּעקל געחתמעטע צייטונגען.

ער האָט אַרויסגענומען אויף בלינד איינע פון זיי. דאָס איז געווען אַ נומער „זשורנאַל" פון דער פאָריקער וואָך. די אַלטע דאַטע האָט אים נישט אָפּגעשראָקן, דעמדאָזיקן לעזער, וועלכער האָט געלעבט אויסער די גרענעצן פון צייט און רוים.

ער איז מיטן בליק אַדורכגעלאָפן גיך די זייט, אָבער נישט געלייענט.

דאָסזעלבע האָט ער אויך געטאָן מיט די איבעריקע זייטן, ביז דער לעצטער.

דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי די אַנאָנסן; דערנאָך, מיינענדיק, אַז דאָס איז אַ נייע זייט, האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו דער ערשטער.

נישט טראַכטנדיק קיין סאַך, האָט ער אַ קוק געטאָן אויפן אָנהויב פונם אַרטיקל, און אַ בליק פון פאַרטראַכטונג האָט זיך באַוויזן אין זיינע בולטע אויגן, וואָס האָבן ביז איצט געקוקט אָן אַ שום געדאַנק.

דערדאָזיקער בליק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלאַם, ווען ער האָט גענומען לייענען ווייטער.

— וואָס איז דאָס!.. וואָס איז דאָס!.. וואָס איז דאָס!.. — האָט זעפירין קסירדאַל איבערגעחזרט, בייטנדיק דריי מאָל דעם טאָן בעתן לייענען.

ער האָט געהאַט אַ טבע צו רעדן אויפן קול ביי זיך אין צימער.

ער פלעגט אַפילו גערן רעדן אין לשון־רבים, ווי ער וואָלט זיך דערמיט איינגערעדט, אַז ער רעדט צו אַ גרעסערער אוי־דיטאָריע, וואָס הערט אים אויס מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און וואָס האָט געמעגט זיין צאָלרייך, וויבאַלד זי איז באַשטאַנען פון אַלע שילער, פאַרערער און פריינד, וועלכע זעפירין קסירדאַל האָט קיינמאָל נישט געהאַט און נישט געקאָנט האָבן.

דאָסמאָל האָט ער אַזויפיל נישט גערעדט און האָט בלויז דריי מאָל אויסגעשריען.

שטאַרק פאַרכאַפּט פון דעם אַרטיקל אין „זשורנאַל", האָט ער אים שווייגנדיק געלייענט.

וואָס אַזוינס האָט ער עס געלייענט מיט אַזאַ אינ־טערעס?

דער לעצטער איינוווינער פון דער וועלט האָט זיך דער־וווסט וועגן דער אַנטדעקונג פון דעם וואַסטאָנער מעטעאָר און וועגן זיין אומגעווייטלעכן באַשטאַנד, ווייל ער האָט צופעליק אָנגעטראָפן אויף אַן אַרטיקל, וואָס האָט דערציילט וועגן דער־דאָזיקער גאָלדערנער קויל.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נייעס!.. — האָט ער הויך דער־קלערט, איבערלייענענדיק די זאַך נאָכאַמאָל.

עטלעכע מינוט איז ער געזעסן פאַרטראַכט, דערנאָך האָט

ער אראָפּגענומען די פּיס פון פענסטער און זיך דערנענטערט צום טיש.

דער קריזיס אין דער אַרבעט איז געווען אומפאַר־מיידלעך.

אָן וואַקלעניש האָט ער צווישן זיינע זאַכן געפונען דעם נויטיקן וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל און אים אויפגעעפנט.

דער זשורנאַל האָט זיך גלייך געעפנט אויף דער נויטי־קער זייט.

אַ וויסנשאַפטלעכער זשורנאַל האָט מערער רעכט צו אַ שפע פון פּרטים, איידער אַ גרויסע טעגלעכע צייטונג. עס זענען טאַקע דעריבער געווען דאָ אַסאַך דעטיילן. די עלעמענטן פון אַ אומע־טעאָר — דער וועג, די שנעלקייט, דער אומפאַנג, די מאַסע, דאָס וועזן — זענען געווען אָנגעגעבן אויף עטלעכע זייטן צו־זאַמען מיט גאַנצע עמודים מיט צייכענונגען און אַלגעבראַישע רעכענונגען.

זעפירין קסירדאַל האָט איבערגעלייענט דאָס נויטיקע מאַ־טעריאַל, וואָס איז געווען אין פלוג נישט אַזוי לייכט. ער האָט עס שנעל באַהערשט, און וואַרפנדיק אַ בליק אויפן הימל, האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז קיין שום וואָלקן פאַרטונקלט נישט דאָס העלע תּכלת.

— מיר וועלן זען! — האָט ער אַ ברום געטאָן און גע־מאַכט עטלעכע שנעלע חשבונות.

דאַן האָט ער אַריינגעשטעקט די האַנט אונטערן שטויס פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן אויף איין עק פון טיש, און מיט אַ שנעלער באַוועגונג, וואָס איר געשיקטקייט האָט עדות געזאָגט אויף דער אָפטער איבערחזרונג פון דערדאָזיקער טוּאונג, האָט ער צ פּגערוקט דעם שטויס אויפן צווייטן עק טיש.

— עס איז ווונדערבאַר, ס'אַרא אָרדענונג עס הערשט ביי מיר! — האָט ער מיט קענטיקער צופרידנקייט געזאָגט, ווען באַלד נאָכן „אָפּרוקן", האָט זיך, לויט ווי ער האָט פאָרויסגעזען, באַוויזן אַן אַסטראָנאָמישע לונעטע, צוגעדעקט מיט אַ שיכט

שטויב, ווי אַ פלאַש פון פאַר הונדערט יאָרן.

אין איין רגע האָט ער אָוועקגעשטעלט די לונעטע ביים פענסטער, אָנגעשטעלט זי אויף אַ געוויסן פונקט אויפן הימל, וואָס ער האָט אויסגערעכנט, און צוגעלייגט אַן אויג צום גלאָז.

— ריכטיק! — האָט ער אין עטלעכע מינוט אַרום געזאָגט.

ער האָט נאָך עטלעכע מינוט געטראַכט, דאַן גענומען דעם הוט, אַראָפּ פון די זעקס שטאָק טרעפּ און זיך געלאָזט גיין צו דער דרוּאָ-גאַס, ווו עס איז געשטאַנען דאָס באַרימטע באַנקהויז פון לעקער.

זעפירין קסירדאַל האָט אָנערקענט בלויז איין קאָמוניקאַציע-מיטל: נישט קיין אָמניבוס, נישט קיין טראַמוואַי און אפילו נישט קיין וואָגן, — נאָר די אייגענע פיס. מעג דער וועג זיין אפילו איך ווייס ווי ווייט.

אָבער אויך אין דעם גאַנג, דעם נאַטירלעכסטן און פּראַקטישסטן פון אַלע ספּאָרטן, האָט ער פאַרמאָגט אָריגינאַליטעט. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, באַוועגנדיק מיט די ברייטע אַקסלען פון רעכטס אויף לינקס, איז ער געגאַנגען אויף דער גאַס, ווי אין אַ מדבר.

די וואָגנס און פאַרבייגייער זענען אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. דעריבער טאַקע פלעגט ער נישט איינמאָל הערן שווערע ווערטער: „אידיאָט, שלעכט-דערצויגענער, גראָבער מענטש" פון פאַרשידענע פאַרבייגייער, וועלכע ער פלעגט שטופּן אָדער טרעטן אָן שום קונצן!

וויפיל האַרבערע קללות האָבן זיך שוין אָפּגעשלאָגן אָן זיינע אויערן פון די שרייער, די פורמאַנעס, וואָס זענען נישט איינמאָל געווען געצוווּנגען מיטאַמאָל איינצוהאַלטן די פערד, כדי דערנאָך נישט צו פאַרנעמען גאַנצע שפּאַלטן אין די צייַטונגען מיט פּאַסירונגען, אין וועלכע זעפירין קסירדאַל וואָלט געווען דער קרבן!

קיין זאַך איז אים נישט אָנגעגאַנגען. נישט לייגנדיק קיין אַכט אויף דעמדאָזיקן כאָר פון קללות, וואָס זענען אים נאָכגע־לאָפן ווי אַ וואַסער־שניט נאָך אַ שיף, איז ער זיך געגאַנגען מיט זיין ברייטן און גלייכן טריט ווייטער.

אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום איז ער געווען אויף דער דרוואָ־גאַס, אין לעקערס באַנק.

— איך האָב געטראָפן דעם פעטער? — האָט ער גע־פרעגט דעם וועכטער, וועלכער איז ביי זיין אריינקום אויפ־געשטאַנען.

— יאָ, הער קסירדאַל.

— ער איז אַליין?

— אַליין.

זעפירין קסירדאַל האָט אויפגעעפנט די געשמידטע טיר און איז אַריין אין באַנקירס קאַבינעט.

— אָך, דאָס ביסטו? — האָט מעכאַניש געפרעגט הער לעקער, ווארפנדיק אַ בליק אויף זיין פלומרשטן שוועסטער־זון.

— אַזוי־ווי איך שטיי דאָך לעבעדיק און גאַנץ — האָט זעפירין קסירדאַל געענטפערט — נעם איך זיך דעם מוט צו באַמערקן, אַז דידאָזיקע פראַגע איז אַן איבעריקע, און עס איז נישט נויטיק דערויף צו ענטפערן.

לעקער, וועלכער איז שוין געווען געוווינט צו די אויס־טערלישקייטן פון זיין טויף־זון, וועלכן ער האָט (גערעכט!) גע־האַלטן פאַר אַ באַשעפעניש אָן גלייכגעוויכט, הגם אויך פאַר אַ געניאַלן מענטשן, — האָט גענומען לאַכן פון גאַנצן האַרצן.

— אמת, — האָט ער מודה געווען — אָבער ענטפערן „יאָ", וואָלט פאַרנומען ווייניקער צייט. און צו וואָס ביסטו געקומען?

— איך שטיי דאָך פאַר דיר, אַלזאָ...

— ענדיק נישט! — האָט לעקער איבערגעשלאָגן — מיין צווייטע פראַגע איז אויך אַן איבעריקע, ווייל איך ווייס פון דערפאַרונג, אַז דו קומסט צו מיר בלויז דעמאָלט, ווען דו נוי־

טיקסט זיך אין געלט.

— צי ביסטו דען נישט מיין באַנקיר? — האָט זעפירין קסירדאַל געענטפערט.

— אמת, — האָט לעקער באַשטעטיקט — אָבער דו ביסט אַ מערקווירדיקער קונד. צי וועסטו דערלויבן, איך זאָל דיר ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט דינען מיט אַן עצה.

— אויב דאָס וועט דיר פאַרשאַפן פאַרגעניגן!

— איך ראָט דיר, אַלזאָ, זאָלסט נישט זיין אַזוי שפּאָרזאַם. וואָס טוסטו, טייער ייִנגל, מיט דיינע יונגע יאָרן? צי האָסטו כאָטש אַ באַגריף וועגן דיין דריי־טייגטיקן חשבון ביי מיר?

— אַבסאָלוט נישט.

— דיין חשבון איז אַ שרעקלעכער. דיינע עלטערן האָבן דיר איבערגעלאָזן פופצן טויזנט פראַנק, אַ יערלעכע רענטע, און דו גיסט נישט אויס אַפילו קיין פיר!

— וואָס רעדסטו!.. — האָט קסירדאַל אויסגערופן מיט אַ פאַרחידושטן טאָן, הגם ער האָט שוין דידאָזיקע באַמערקונג געהערט לכל־הפחות אַמאָל צוואַנציק.

— אַזוי איז עס. דיינע צינזן וואַקסן. איך קאָן נישט געניצן דיין איצטיקן קרעדיט, אָבער ער שטייגט זיכער אַריבער הונדערט טויזנט פראַנק. וואָס טוט מען מיטן געלט?

— איך וועל עס באַטראַכטן — האָט זעפירין קסירדאַל מיט אַן ערנסטן טאָן געזאָגט — איבעריקנס, אויב דאָס געלט שטערט דיר, ווער דערפון פּטור.

— ווי אַזוי?

— גיב עס אַוועק. דאָס איז גאַנץ פּשוט.

— וועמען?

— וועמען עס איז. וואָס קאָן עס מיך אָנגיין?

לעקער האָט געהויבן מיט די אַקסלען.

— נו, וויפיל־זשע דאַרפסטו היינט? — האָט ער געפרעגט — צוויי הונדערט פראַנק, ווי דער שטייגער?

— צען טויזנט פראַנק — האָט זעפירין קסירדאַל גע־זאָגט.

— צען טויזנט פראַנק? — האָט לעקער נאָכגעזאָגט, שטאַרק פאַרחידושט. — אָט דאָס איז עפּעס נייעס. וואָס ווילסטו טאָן מיטן געלט?

— איך קלייב זיך אין וועג אַריין.

— אַן אויסגעצייכנטער געדאַנק! און וווּהין?

— דאָס ווייס איך נאָך נישט — האָט זעפירין דער־קלערט.

לעקער, וועלכן די זאַך האָט געווײלט, האָט פרייליך אַ קוק געטאָן אויף זיין טויף־זון און קונד.

— מסתמא ערגעץ אין אַ שיין לאַנד! — האָט ער ערנסט צוגעגעבן — אָט האָסטו דאָ צען טויזנט פראַנק. צי איז עס אַלץ, וואָס דו דאַרפסט?

— ניין — האָט ער געענטפערט — איך דאַרף אויך האָבן אַ שטיקל ערד.

— אַ שטיקל ערד? — האָט לעקער געפרעגט, אַריבער־גייענדיק פון איין חידוש צו אַ צווייטן — וואָס פאַר אַ שטיקל ערד?

— אַ שטיקל ערד, גאַנץ פּשוט. אַ צוויי־דריי קוואַדראַט־קילאָמעטער. אַ שטייגער.

— דאָס איז אַ קליין שטיקל — האָט לעקער קאַלט צו־געגעבן.

דאַן האָט ער געפרעגט אין שפּאַס:

— ביים בולוואַר דעזיטאַליען?

— ניין — האָט יענער געענטפערט — נישט אין פראַנקרייך.

— נאָר ווו? דען? זאָג!

— איך ווייס נישט — האָט זעפירין קסירדאַל צום צווייטן מאָל געענטפערט, נישט איבערנעמענדיק זיך צומאָל.

לעקער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן.

— אויב אַזוי, קאָן מען לכל-הפחות נאָך אויסקלייבן — האָט ער געזאָגט — נאָר זאָג מיר, מיין טייערער, צי ביסטו נישט אַ ביסל... געריירט פון זינען, אַ שטייגער? וואָס ביסטו מיט דעם אויסן?

— איך האָב עפּעס אַ געשעפט — האָט זעפירין קסירדאַל דערקלערט, בעת זיין שטערן האָט זיך מיטאַמאָל באַדעקט מיט קנייטשן פון פאַרטראַכטונג.

— אַ געשעפט! — האָט לעקער אויסגעשריגן, אויסערגע-וויינלעך דערשטוינט.

— יאָ.

— אַ וויכטיקער געשעפט?

— פון פינף ביז זעקס טויזנט מיליאַרד פראַנק.

דאָסמאָל האָט לעקער אומרויִק אַ קוק געטאָן אויף זיין טויף-זון. אויב ער האָט נישט געשפּאַסט, איז ער אויף אַן אמת אַראָפּ פון זינען.

— וויפיל, זאָגסטו? — האָט ער געפרעגט.

— פון פינף ביז זעקס טויזנט מיליאַרד פראַנק — האָט זעפירין קסירדאַל רויִק איבערגעחזרט.

— צי ווייסטו, וואָס דו רעדסט, זעפירין? צי ווייסטו, אַז אויף דער גאַנצער ערד איז נישטאָ אַזויפיל גאָלד, אַז עס זאָל באַטרעפן אפילו אַ הונדערט-חלק פון דערדאָזיקער לעגענדאַרער סומע?

— אויף דער ערד, קאָן זיין — האָט קסירדאַל געענט-פערט — אָבער ערגעץ-אַנדערש איז עפּעס-אַנדערש.

— ערגעץ-אַנדערש?

— יאָ. אַ פיר הונדערט קילאָמעטער אין דער ווערטיקאַ-לער ריכטונג.

אַ בליץ פון אמת האָט אַדורכגעשוועבט דורכן באַנ-קירס מוח.

ער האָט געוווּסט פון די צייטונגען וועגן דער סענסאַציע, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער נעמט עפּעס פאַרשטיין.

ער האָט טאַקע באמת פאַרשטאַנען.

— דער מעטעאָר?.. — האָט ער אַרויסגערעדט, בלייך ווי די וואַנט.

— דער מעטעאָר — האָט קסירדאַל רויִק געענטפערט.

ווען אַן אַנדערער זאָל מיט אים רעדן אויף אַזאַ אופן, וואָלט ער אים גלייך אַרויסגעוואָרפן פון קאַבינעט. דעם באַנקיר איז זיין צייט געווען צו טייער, אַז ער זאָל זי קאָנען פאַרשווענדן אויף נאַרישער פּלוידעריי.

אָבער זעפירין קסירדאַל איז נישט געווען קיין דורכשניטלעכער מענטש. הגם זיין שאַרבן איז געווען אָנגעשטרענגט, וואָס עס איז, צום באַדויערן, געווען אויסער יעדן ספק, האָט אָבער אין דעמדאָזיקן אָנגעשטרענגטן שאַרבן געשטעקט ערגעץ אַ געניאַלער מוח, אין וועלכן עס האָבן געקאָנט געבוירן ווערן די סאַמע אומוואַרשיינלעכסטע איינפאַלן.

— דו וואָלסט וועלן עקספּלואַטירן דעם מעטעאָר? — האָט לעקער געפרעגט, קוקנדיק זיין טויף-זון גלייך אין די אויגן אַריין.

— פאַרוואָס נישט? וואָס איז דאָ עפּעס פאַראַן אויסערגעוויינלעכס?

-- אָבער דער מעטעאָר געפינט זיך פירהונדערט קילאָמעטער ווייט פון דער ערד, דו האָסט דאָך עס אַליין געזאָגט. איך רעכן, אַז דו האָסט נישט בדעה צו אים אַריבערצוגיין.

— צו וואָס? איך וועל אים ברענגען אַהער.

— ווי אַזוי?

— איך האָב אַן אופן. דאָס איז גענוג.

— דו האָסט אַן אופן!.. האָסט אַן אופן! .. אָבער ווי קאָן מען ווירקן אויף אַ זאַך, וואָס געפינט זיך אַזוי ווייט? אַוווּ וועסטו נעמען דעם שטיץ-פּונקט? וואָס פאַר אַ קראַפט וועסטו געברויכן?

— די דערקלערונג וואָלט פאַרנומען צופיל צייט — האָט זעפירין קסירדאַל געענטפערט — איבעריקנס, וואָלט עס געווען

איבעריק, דו וואָלסט עס נישט פאַרשטאַנען.

— זייער העפלעך! — האָט לעקער אָן כעס גע־דאַנקט.

ווען ער איז אָבער צוגעשטאַנען, האָט דער טויף־זון סוף־כל־סוף געגעבן אים עטלעכע דערקלערונגען. דער מחבר פון דערדאָזיקער מערקווירדיקער דערציילונג וועט אין קורצן איבער־געבן בלויז געוויסע דערקלערונגען, ווייל נישט געקוקט אויף זיין נייגונג צו ריזיקאַלישע באַטראַכטונגען, וויל ער זיך נישט אַרויסזאָגן מכּוח דידאָזיקע אינטערעסאַנטע, הגם אַביסל צו דריי־סטע טעאָריעס.

פאַר זעפירין קסירדאַלן איז די מאַטעריע נאָר אַן אי־לוזיע; אין דער אמתן עקזיסטירט זי נישט. אַ ראַיה — די אומ־מעגלעכקייט פעסטצושטעלן איר באַשטאַנד. הגם מען צענעמט זי אויף מאָלעקולן, אַטאָמען און טיילן, בלייבט אָבער שטענדיק אַ ברוכצאָל, וואָס צוליב אים בלייבט דער גאַנצער פראָבלעם שטיין ווי געווען; און דאָס וועט זיך איבערחזרן אָן אויפהער. כּל־זמן מיר וועלן נישט אָננעמען פאַר אַ פּרינציפּ דאָס, וואָס עס איז נישט קיין פּרינציפּ, דאָס, וואָס עס איז נישט קיין מאַטעריע.

דידאָזיקע ערשטע אוממאַטעריעלע באַזע — איז די ענערגיע.

וואָס איז ענערגיע? זעפירין קסירדאַל איז זיך מודה, אַז ער ווייסט וועגן איר גאָרנישט.

דער מענטש באַנעמט די אויסערלעכע וועלט נאָר מיט זיינע חושים, און די חושים זענען עמפּינדלעך נאָר אויף אַ מאַטעריעלער אָנרעגונג; במילא איז אַלץ, וואָס איז נישט קיין מאַטעריע, פון זיי פאַרהוילן.

אויב דער מענטש וועט בלויז מיט דער אָנשטרענגונג פון זיין שכל פעסטשטעלן די עקזיסטענץ פון אַן אוממאַטעריעלער וועלט, וועט ער אָבער נישט זיין בכּוח צו באַגרייפן איר מהות, ווייל ער וועט זי נישט האָבן מיט וואָס צו פאַר־גלייכן.

און אַנדערש וועט נישט אַזוי לאַנג, ביז די מענטשהייט וועט באַקומען נייע חושים, וואָס עס איז אַפּריאָרי אַן אומזין.

אַזוי צי אַנדערש — די ענערגיע, לויט זעפּירינס מיי־נונג, פילט־אויס דעם וועלטאַל און וואַקלט זיך שטענדיק צווישן צוויי גרענעצן: צווישן דער אַבסאָלוטער גלייכגעוויכט, וועלכע מען וואָלט געקאָנט דערגרייכן נאָר דורך אַ גלייכמעסיקער פאַר־טיילונג פון דערדאָזיקער ענערגיע אינם רוים, און צווישן איר אַבסאָלוטער קאָנצענטרירונג אין איין איינציקן פּונקט, וועלכן עס וואָלט אין אַזאַ פאַל אַרומגערינגלט אַן אַבסאָלוטער חלל. אַזוי־ווי דער רוים איז אומענדלעך, זענען במילאביידע גרענעצן אומדערגרייכבאַר.

פון דעם דרינגט אַרויס, אַז די ענערגיע אינם וועלטאַל איז אין אַ צושטאַנד פון אומאויפהערלעכער באַוועגונג. די מאַ־טעריעלע קערפּערס שלינגען־איין אָן אויפהער די ענערגיע, און דידאָזיקע קאָנצענטרירונג רופט־אַרויס במילא אין אַן אַנדער אָרט אַ רעלאַטיוון חלל, און די מאַטעריע ווידער שטראַלט־אַריין אינם רוים אַריין די ענערגיע, וועלכע זי האָט געפּענטעט.

הייסט עס, אַז אין קעגנזאַץ צו דעם קלאַסישן כלל, אַז „קיין זאַך גייט נישט פאַרלוירן און קיין זאַך ווערט נישט גע־שאַפן", האַלט זעפּירין קסירדאַל, אַז „אַלץ ווערט פאַרלוירן און אַלץ ווערט געשאַפן".

די סובסטאַנץ, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דער אייביקער פאַרניכטונג, ווערט אויך אייביק געשאַפן. יעדע איינע פון דידאָזיקע צושטאַנד־ענדערונגען באַגלייט די שטראַלונג פון דער ענערגיע און די אַנטשפּרעכנדיקע פאַרשווינדונג פון דער סובסטאַנץ.

אויב דידאָזיקע פאַרניכטונג קען נישט באַשטעטיקט ווערן דורך אונזערע מכשירים, איז עס דערפאַר, ווייל זיי זענען ווייניק פאַרפולקומט לגבי דער ריזיקער צאָל ענערגיע, וואָס געפינט זיך אין דעם מינסטן חלקל פון דער מאַטעריע, מיט וואָס זעפּי־רין קסירדאַל דערקלערט, אַגב, דעם געוואַלדיקן מהלך פון די

הימל-קערפּער לגבי זייערע קליינע דימענזיעס.

דידאָזיקע פּאַרניכטונג, הגם זי איז נישט פעסטגעשטעלט, עקזיסטירט דאָך. דער מיטלבאַרער באַווייז דערפון איז די וואַרעמקייט, די עלעקטריציטעט און דאָס ליכט. דידאָזיקע דערשיינונגען קומען אַרויס פון דער שטראַלנדיקער ענערגיע, און דורך זיי אַנטפּלעקט זיך די באַפרייטע ענערגיע, הגם נאָך אין אַ דיקער פאָרם און האַלב-מאַטעריעל. די ריינע, טיילווייז אויסגערייניקטע ענערגיע קען עקזיסטירן נאָר מחוץ דער גרענעץ פון די מאַטעריעלע וועלטן. זי רינגלט-אַרום דידאָזיקע וועלטן מיט אַ געוויסער דינאַמאָ-ספּערע אינם צושטאַנד פון שפּאַנונג, וואָס איז פּראָפּאָרציאָנעל צו דער מאַסע און ווערט קלענער, וואָס-מער מיר דערווייטערן זיך פון איר אויבערפלאַך. די ווירקונג פון דערדאָזיקער ענערגיע און איר שטרעבונג צו קאָנצענטרירן זיך — קומט צום אויסדרוק אין דער מאַגנעטישער קראַפט.

אָט דאָס איז די טעאָריע, וועלכע זעפירין קסירדאַל האָט איבערגעגעבן דעם ה׳ לעקער — וואָס איז, אַגב, אַביסל שיכור געוואָרן פון איר. מיר מעגן מודה זיין, אַז עס איז באמת געווען פון וואָס צו ווערן באַרוישט.

— אויב מען זאָל עס אָננעמען, — האָט זעפירין קסירדאַל פאַרענדיקט, גלייך ער וואָלט גערעדט מכּוח די סאַמע איינפאַכסטע זאַכן — איז גענוג, אַז איך זאָל באַפרייען אַ קליינע צאָל ענערגיע און אַז איך זאָל זי ריכטן אויף אַ פּונקט אין רוים, וועלכן איך וועל מיר אַליין אויסקלייבן. אַזוי-אַרום וועל איך זיין בכּוח צוצושטעלן דעם קערפּער, וואָס געפינט זיך בשכנות מיט אָט דעם פּונקט — בפרט נאָך, אויב דערדאָזיקער קערפּער האָט אַ קלענערע וואָג — אַ באַדייטנדיקע צאָל ענערגיע. דאָס איז גאַנץ פּשוט.

— און דו האָסט אַן אופן, ווי אַזוי צו באַפרייען דידאָזיקע ענערגיע? — האָט לעקער געפרעגט.

— איך האָב אַ מיטל צו עפענען פאַר איר אַ וועג, באַזייטיקנדיק אַלץ, וואָס איז סובסטאַנץ און מאַטעריע. און דאָס

איז דאָסזעלבע, וואָס באַפרייען זי.

— אַזוי־אַרום וואָלסטו געקענט קאַליע מאַכן די גאַנצע הימלישע מעכאַניק! — האָט ה׳ לעקער אויסגעשריגן.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז זעפּירין קסירדאַל איז געווען גערירט מיט דער אומדערהערטקייט פון דערדאָזיקער השערה.

— איצט — האָט ער פּשוט מודה געווען — קען מיין מאַשין, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט, געבן בלויז שוואַכע רעזולטאַטן. זי איז אָבער גענוג שטאַרק, כדי צו ווירקן אויף עפּעס אַ נישטיקן מעטעאָר, וואָס וועגט קוים עטלעכע טויזנט טאָן.

— הלוואַי! — האָט לעקער מיט איבערצייגונג געזאָגט — אָבער אַוווּ ווילסטו, דיין מעטעאָר זאָל אַראָפּפאַלן?

— אויף מיין שטיקל ערד.

— וואָס פאַר אַן ערד?

— וואָס דו וועסט מיר קויפן, ווען איך וועל אַלץ גענוי אויסרעכענען. איך וועל דיר געבן צו וויסן. פאַרשטייט זיך, איך וועל זיך באַמיען, אַז דאָס זאָל פּאַרקומען אין אַ אומבאַוווינטן לאַנד, וווּ די ערד האָט קיין ווערט נישט. אַ שטייגער, דו וועסט האָבן שוועריקייטן מיטן צוזאַמענשטעלן דעם קויף־אַקט. איך בין נישט אומאָפּהענגיק פון דעם אויסוואַל, און עס קען זיין, אַז דאָס לאַנד וועט זיין נישט שטאַרק צוטריטלעך.

— דאָס איז שוין מיין זאַך — האָט דער באַנקיר געזאָגט — צו דעם צוועק איז אויסגעפונען געוואָרן דער טעלעגראַף. איך בין אין דעם פאַל פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער זאַך.

מיט דידאָזיקע פאַרזיכערונגען און מיט צען טויזנט פראַנק אין קעשענע האָט זיך זעפּירין קסירדאַל אומגעקערט אַהיים, מיט גרויסע שפּרייזן, פּונקט ווי ער איז געקומען; ער האָט פאַרמאַכט די טיר און זיך גלייך צוגעזעצט צום טיש, וועלכן ער האָט פריער, ווי זיין שטייגער, מיט איין צי אָפּגערוימט.

דער קריזיס פון דער אַרבעט האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געהאָרעוועט איבערן חשבון, אָבער

באַגינען איז ער פאָרט געווען פאַרטיק. ער האָט באַצייכנט גענוי די קראַפט, וועלכע מען דאַרף אָנווענדן לגבי דעם מעטעאָר, די געהעריקע ריכטונגען, דאָס אָרט און די דאַטע, ווען דער מעטעאָר דאַרף אַראָפפאַלן.

ער האָט גלייך אָנגעשריבן, ווי ער האָט צוגעזאָגט, צו לעקערן און איז אַראָפּגעגאַנגען אונטן אַריינוואַרפן דעם בריוו אין קעסטל. באַלד נאָכדעם איז ער אַרויף צוריק צו זיך אין צימער.

ער איז צוגעגאַנגען צום דעם ווינקל פון צימער, ווו ער האָט נעכטן געהאַט צונויפגעשאַרט דעם שטויס מיט פאַפירן, וואָס זענען געלעגן אויף זיין לונעטע. היינט האָט מען געדאַפט טאָן פאַרקערט. קסירדאַל האָט, אַלזאָ, אַריינגעשטעקט די האַנט אין די פאַפירן און מיט אַ זיכערער באַוועגונג אַ וואָרף געטאָן זיי אויפן פריערדיקן אָרט.

דידאָזיקע נייע „באַזייטיקונג" האָט געבראַכט אַזאַ רעזולטאַט, אַז עס האט זיך אַנטפלעקט אַ שוואַרצלעכער קאַסטן, וועלכן זעפירין האָט אָן מי אויפגעהויבן און אַריבערגעטראָגן אויפן מיטן צימער, קעגנאיבער דעם פענסטער.

דערדאָזיקער קאַסטן איז לחלוטין נישט געווען מערקווירדיק. דאָס איז געווען אַ הילצערנער קוב, אָפגעפאַרבט אויף טונקל. אינעווייניק האָבן זיך געפונען ציוועקעס, פאַרבונדן מיט אַ ריי גלעזערנע רערלעך, וואָס זייערע שאַרפע שפיצן זענען געווען געבונדן מיטאיינאַנדער, צו צוויי קופערנע דראָטן, וואָס-אַמאָל דינערע. איבער דעם קאַסטן, פון דרויסן, האָט זיך געפונען, ביים אויסבויג, אינם קרייז פון אַ מעטאַלענעם רעפלעקטאָר, נאָך איין רער, פאַרענדיקט אויף ביידע עקן מעשה-שפיגל און נישט פאַרבונדן דורך קיין שום מאַטעריעלן לייטער מיט די איבעריקע רערן.

מיט דער הילף פון דידאָזיקע געניוע מכשירים האָט זעפירין קסירדאַל אָנגעשטעלט דעם מעטאַל-רעפלעקטאָר אַקוראַט אין דער ריכטונג, וועלכע עס האָבן אים אָנגעוויזן זיינע חשבונות

פון דער פאַבריקער נאַכט; דאַן האָט ער פעסטגעשטעלט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אַוועקגעלייגט אינם אונטערשטן טייל פון קעסטל אַ קליין, גלאַנצנדיק רערל. אין משך פון דער אַרבעט האָט ער, ווי דער שטייגער, גערעדט צו זיך, גלייך ער וואָלט זיך וועלן באַרימען מיט זיין דרשה פאַר אַ גרויסער אוי־דיטאָריע.

— אָט איז, מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט — קסירדאָ־ליום, וואָס איז הונדערט טויזנט מאָל שטאַרקער אין דער שטראַ־לונג, ווי ראַד. איך מוז מודה זיין, אַז אויב איך באַנוץ זיך מיטן דאָזיקן עלעמענט, איז עס גיכער לשם עפעקט. ער שטערט להלוטין נישט, ווייל די ערד שטראַלט־אַרויס אַ גענוג גרויסע צאָל ענערגיע, עס זאָל זיך פילן אַ מאַנגל דערין. דאָס איז אַ זאַלץ־קערנדל אין ים. פונדעסטוועגן וועט אַ געוויסע דעקאָראַ־ציע נישט קאַליע מאַכן דעם עפעקט, לויט מיין מיינונג, מיט אַזאַ מין עקספּערימענט.

דערביי האָט ער פאַרמאַכט דאָס קעסטל און עס פאַראיי־ניקט דורך צוויי לייטערס מיט דער באַטעריע, וואָס איז גע־שטאַנען אויף דער פּאָליצע.

— גלייכגילטיקע שרויף־שטראָמען, מיינע הערן, — האָט ער ווייטער גערעדט — האָבן נאַטירלעך, אַן אייגנשאַפט (טאַקע צוליב זייער גלייכגילטיקייט) אָפּצושטופן כלערליי קערפּער אָן אויסנאַם, צי זענען דאָס קערפּער פּאָזיטיוו עלעקטריזירטע, צי נעגאַטיוו. און אַזוי־ווי זיי זענען שרויפיקע, האָבן זיי, הייסט עס, שרויפן, דאָס וועט דאָך אַ קינד פאַרשטיין... און דאָך, ס׳איז אַ גליק, וואָס מיר איז איינגעפאַלן דאָס צו אַנטדעקן... ווי שטאַרק אַלץ אויף דער וועלט קען צו נוץ קומען.

נאָכן פאַרמאַכן דעם עלעקטרישן קרייז, האָט זיך געלאָזט הערן אַ לייכטע זשומעריי, און אַ בלוילעך ליכט האָט זיך גע־וויזן אין רערל. כמעט גלייכצייטיק האָט דאָס רערל גענומען אויספירן פאַרשיידענע קרייז־באַוועגונגען, פריער לאַנגזאַמע, דאַן וואָס־אַמאָל שנעלערע, פון רגע צו רגע גיכער, דאַן ממש שווינדל־דיקע.

זעפירין קסירדאַל האָט זיך עטלעכע רגעס צוגעקוקט דעמ־דאָזיקן ווירבלדיקן טאַנץ, דאַן איז זיין בליק, גייענדיק אין אַ פּאַראַלעלער ריכטונג צו דער אַקס פונם מעטאַל־רעפלעקטאָר, גע־בליבן הענגען אין רוים.

ביים ערשטן אָנבליק האָט זיך געדוכט, אַז די ווירקונג פון דערדאָזיקער מאַשין ווייזט נישט אַרויס קיין שום מאַטעריעלן צייכן. פונדעסטוועגן וואָלט אַן אויפמערקזאַמער אָבסערוואַטאָר געקענט באַמערקן אַ דערשיינונג, וואָס הגם זי איז געווען קוים־באַמערקבאַר, איז זי דאָך געווען זייער מערקווירדיק. דראָבנע שטויב־קערנדלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער לופטן, האָבן ביים צוזאַמענשטויס מיט די ברעגעס פונם מעטאַל־רעפלעקטאָר נישט געקענט אַריבער דידאָזיקע גרענעץ און האָבן האַסטיק גע־ווירבלט, ווי פאַרהאַלטן דורך אַן אומזעבאַרע מניעה. אינגאַנצן האָבן דידאָזיקע שטויב־קערנדלעך אָנגעצייכנט אַן אָפּגעהאַקטע פּיראַמידע, וואָס איר פונדאַמענט האָט זיך געשטיצט אויפן רעפ־לעקטאָר־קרייז.

אַ צוויי צי דריי מעטער פון דער מאַשין האָט זיך דידאָ־זיקע פּיראַמידע, וואָס איז באַשטאַנען פון אומבאַרירבאַרע טיילעכ־לעך אין אַ ווירבל־צושטאַנד, ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ וואַלץ פון אַן עטלעכע־סענטימעטערדיקן דיאַמעטער, און דערדאָזיקער וואַלץ פון שטויב־קערנדלעך האָט זיך אָנגעהאַלטן פון דרויסן, אין דער פרייער לופט, נישט געקוקט אויפן גאַנץ שטאַרקן ווינט־בלאָז, ביזן מאָמענט, ווען ער איז ווייט אַנטרונען געוואָרן.

— איך האָב דעם כבוד, מיינע הערן, אייך צו מעלדן, אַז אַלץ גייט כשורה — האָט זעפירין קסירדאַל באַשטעטיקט, זיך צוזעצנדיק אויף זיין איינציקן שטול און פאַררויכערנדיק זיין פּיפּקע, וואָס איז געווען קינסטלעריש אָנגעשטאָפּט.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער אָפּגעשטעלט די וויר־קונג פון דער מאַשין, וועלכע ער האָט דעמדאָזיקן טאָג און אויך די שפּעטערדיקע טעג אַסאַך מאָל געלאָזט אין באַוועגונג, — אָנ־שטעלנדיק ביי יעדן עקספּערימענט דעם רעפלעקטאָר אין אַן אַנ־

דערן פונקט פון רוים. נײַנצן טעג האָט ער עס כּסדר און גע־
נוי אויסגעפּירט.

דעם צוואַנציקסטן טאָג, ווען ער האָט באַוועגט די מאַשין
און האָט אָנגעצונדן זײַן טרײַע פּיפּקע, האָט דער גײַסט פון דער־
פינדונג באַהערשט זײַן מוח. אײנע פון די קאָנסעקווענצן, וואָס
קומען אַרויס פון דער טעאָריע וועגן דער אומאויפהערלעכער
פאַרשווינדונג פון דער מאַטעריע, האָט זיך איצט אַנטפּלעקט זײַן
מוח אין פולן פּראַכט.

מיט אײן געדאַנקען-שווונג, ווי זײַן שטײגער איז געווען,
האָט ער תּופס געווען דאָס געזעץ וועגן דער עלעקטרישער באַ־
טעריע, וואָס איז בכּוח זיך אַליין צו באַנײַען דורך דער שטופּנ־
ווייזער ווירקונג. דידאָזיקע עלעקטרישע באַטעריע וואָלט, פאַר־
שטײט זיך, געווירקט ביז דער פולשטענדיקער פאַרשווינדונג
פון די פאַרברויכטע סובסטאַנצן און ביז דער פולשטענדיקער
פאַרוואַנדלונג אין ענערגיע. דאָס איז געווען אַ פּראַקטישער
„פּערפּעטואום מאָבילע“.

— הײסט עס... — האָט זעפּירין קסירדאַל געשעפּטשעט,
גערירט אויפן העכסטן אופן.

ער האָט גענומען זיך פאַרטראַכטן אויף זײַן שטײגער, דאָס
הײסט — קאָנצענטרירן זיך אין אײן פּונקט, אין וועלכן ער
פלעגט אַרײַנלײגן קאָפּ-און-לײב-און-לעבן. דערדאָזיקער קאָנצענט־
רירטער געדאַנק, וועלכן ער פלעגט אַרויספירן אויף זײַנע פּראָ־
בלעמען, איז דערײַבער געווען ווי אַ ליכט-קנאָספּ, וואָס פאַרבינדט
און באַהעפט אַלע שטראַלן פון דער זון.

— מען קען קײן פאָרוואָרף נישט מאַכן — האָט ער לסוף
געזאָגט, פאַרטײטשנדיק אויפן קול דעם רעזולטאַט פון זײַנע
אינערלעכע אָנשטרענגונגען — מען דאַרף פּרוּוון תּיכף ומיד.

זעפּירין קסירדאַל האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם הוט, גיך אַדורכ־
געלאָפן די זעקס שטאָק און אַרײַנגעפאַלן צו אַ סטאָליער, וואָס
זײַן וואַרשטאַט האָט זיך געפונען אויף דער צווייטער זײַט גאַס.
אין קורצע ווערטער האָט ער קלאָר און גענוי דערציילט, וואָס

ער דאַרף, ד. ה. אַ מין ראָד אויף אַן אייזערנער אַקס צוזאַמען מיט זיבנאונצוואַנציק טעצעלעך, וואָס זענען געווען באַשטימט צו זיבנאונצוואַנציק קליינע סלאָיען, וועלכע האָבן בעת דער ווירבלונג פון די טעצעלעך געזאָלט בלייבן שטיין ווערטיקאַל.

נאָך דערדאָזיקער דערקלערונג, האָט ער געהייסן תיכף זיך נעמען אויסצופירן די באַשטעלונג און איז אַוועקגעלאָפן ווייטער, צו אַ סוחר פון כעמישע אַרטיקלען, ביי וועלכן ער איז געווען אַ שטענדיקער קונה.

דאָרט האָט ער אויסגעקליבן זיבנאונצוואַנציק קליינע סלאָיען, וועלכע דער אָנגעשטעלטער האָט אַרומגעוויקלט מיט גראָבן פּאַפּיר, אַרומגעבונדן מיט אַ שטאַרקן שטריק, צו וועלכן עס איז צוגעטשעפּעט געוואָרן אַ באַקוועם הענטל פון האָלץ.

בעת זעפירין קסירדאַל האָט שוין געזאָלט אַרויסגיין מיטן פּעקל אין האַנט פון געוועלב, האָט ער זיך אין דער טיר באַגעגנט מיט איינעם פון זיינע ווייניקע פריינד, אַ פּאַרדינסטפולן באַקטעריאָלאָג.

זעפירין קסירדאַל, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, האָט דעם באַקטעריאָלאָג נישט באַמערקט, אָבער יענער האָט אים באַמערקט.

— וואָס? קסירדאַל! — האָט ער אויסגעשריען און פריינדלעך געשמייכלט — ס׳איז אַ באַגעגעניש!

ביים קלאַנג פון דערדאָזיקער באַקאַנטער שטים האָט ער געמוזט אויפעפענען זיינע גרויסע אויגן, כדי אַ קוק צו טאָן אויף דער אויסערלעכער וועלט.

— וואָס? — האָט ער ווי אַ ווידערקול איבערגעחזרט — מאַרסעל לערו!

— דערזעלבער.

— איך בין זייער צופרידן, וואָס איך זע דיך. וואָס-זשע מאַכסטו?...

— איך פיל זיך, ווי איינער, וואָס דאַרף איינשטייגן אין צוג. ווי דו קוקסט מיך אָן, גיי איך אַוועק מיט מיין זאַק אויפן רוקן, וווּ איך האָב דריי טיכלעך מיט עטלעכע טואַלעט-מכשירים,

צום ים־ברעג, ווּ איך וועל זיך מחיה זיין מיט אַביסל פרישע לופט אַ גאַנצע וואָך.

— אַ גליקלעכער! — האָט זעפירין קסירדאַל געזאָגט.

— דו קענסט אויך זיין אַזוי גליקלעך. מיר וועלן זיך אַ דריק טאָן און וועלן ביידע אַריין אין וואַגאָן.

— אמת!... — האָט קסירדאַל אָנגעהויבן.

— אויב עפּעס פאַרהאַלט דיך נישט אין פּאַריז.

— לחלוטין נישט.

— ניין? קיין שום עקספּערימענט?

קסירדאַל האָט אויפריכטיק זיך פאַרטראַכט.

— לחלוטין גאָרנישט — האָט ער געענטפערט.

— אויב אַזוי, לאָז זיך אָנרעדן. אַכט טעג רו וועט האָבן פאַר דיר אַ ריזיקע באַדייטונג. מיר וועלן זיך אָנשמועסן אויפן זאַמד!

— שוין נישט רעכענענדיק, – האָט אים קסירדאַל איבערגעשלאָגן די רייד — וואָס איך וועל ביי דערדאָזיקער געלעגנהייט קענען אויפקלערן עטלעכע ספקות וועגן צופלוסן און אָפּפלוסן, וואָס לאָזן מיר נישט צורו. דאָס איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרבונדן מיט אַנדערע אַלגעמיינע פּראָבלעמען, וואָס באַשעפטיקן מיך. איך האָב טאַקע וועגן דעם געטראַכט, בעת איך האָב דיך געטראָפן — האָט ער צוגעגעבן מיט אמתער אויפריכטיקייט.

— הייסט עס, יאָ?

— יאָ!

— נו, איז אין וועג אַריין!... נאָר איך רעכן, אַז דו ווילסט אָפּטרעטן אַהיים, און דו ווייסט נישט, צי מען דאַרף שוין נישט גיין צו דער באַן...

— דאָס איז איבעריק — האָט קסירדאַל געענטפערט — איך האָב מיט מיר אַלץ, וואָס מען דאַרף.

און דער צעשטרייטער, משונהדיקער מענטש האָט אָנגעוויזן מיט די אויגן אויפן פּעקל מיט די סלאָיען.

— אויסגעצייכנט! — האָט מאַרסעל לערו פריילעך געזאָגט.

ביידע פריינד האָבן מיט גרויסע טריט געשפּרייזט צום וואָקזאַל.

— פאַרשטייסטו מיך, טייערע לערו, איך רעכן, אַז דער דרוק פון דער אויבערפלאַך...

עפּעס אַ פּאָרל, וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן, האָט זיי געצוווּנגען זיך צו צעשיידן, און דער שמועס איז פאַרלוירן געגאַנגען אינם רעש פון די וואָגנס. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט זעפירין קסירדאַלן צו ציען ווייטער זיין דערקלערונג און אַזוי־אַרום זיך צו ווענדן צו אַ גאַנצער ריי פאַרבייגייער, וואָס האָבן אים מיט פאַרווּנדערונג אָנגעקוקט. דער רעדנער האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט און געדרשנט מיט באַגייסטערונג, דורכשלאָגנדיק זיך בשעת־מעשה דורך די מענטשן־כוואַליעס פונם פאַריזער אָקעאַן.

און בעת קסירדאַל, פאַרנומען מיטן געדאַנק, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ, האָט זיך דערנענטערט צום וואָקזאַל, פון וואַנען ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די שטאָט און זיך וואָס־אַמאָל מער דערווייטערן פון דער קאָסעט־גאַס, — האָט דערוויייל אינם צימער אויפן זעקסטן שטאָק, דאָס שוואַרצלעכע קעסטל מיטן אומשלודיקן אויסזען געזשומט כסדר מילד, דער מעטאַל־רעפלעקטאָר האָט כסדר אָפּגעשפּיגלט זיין בלוילעך ליכט, און דער וואַלץ מיט די ווירבלענדיקע שטויב־קערנדלעך האָט זיך כסדר אַראָפּגעטונקט, שטייף און גלייכצייטיק אַזוי קרישלדיק, אין דער אומענדלעכקייט פון די רוימען.

די מאַשין, וועלכע זעפירין קסירדאַל האָט איבערגעלאָזט און פאַרגעסן אָפּצושטעלן, ווייל ער האָט בכלל וועגן איר פאַרגעסן, האָט ווייטער בלינדערהייט געפירט איר אומבאַקאַנטע, געהיימנישפולע אַרבעט.

קאַפּיטל עלף,

אין וועלכן מר. דעאַן פּאַרסיט און מר. הודעל־סאָן לעבן־איבער אַ שטאַרקע אויפרעגונג.

דער מעטעאָר האָט אויפגעהערט צו זיין אַ נייעס. וויי־ניקסטנס מיטן רעיון איז מען שוין געווען ווייט פון אים. מען האָט אַפילו באַצייכנט זיין גרויס, זיין שנעלקייט, זיין אויפגאַנג מאַסע, ווען און ווערט.

מ'האָט שוין אָבער אויפגעהערט זיך צו באַאומרויקן, ווייל אַזוי־ווי ער האָט דורכגעמאַכט דעמזעלבן וועג מיט איינער און דערזעלבער שנעלקייט, האָט ער דאָך קיינמאָל נישט געזאָלט אַראָפּפאַלן אויף דר'ערד.

עס איז, אַלזאָ, קיין גדער נישט, וואָס אַלעמענס אויפ־מערקזאַמקייט האָט זיך אָפּגעווענדט פונם דאָזיקן אומצוטריטלעכן מעטעאָר, וואָס האָט שוין ביני־לביני פאַרלוירן זיין געהיימניש־פולקייט.

אַוודאי האָבן אַנדערע אַסטראָנאָמען אין די אָבסערוואַ־טאָריעס געכאַפּט אַ קוק פון צייט צו צייט אויף דערדאָזיקער גאָלדענער קויל, וואָס האָט אומגעקרייזט איבער זייערע קעפּ; זיי האָבן זיך אָבער שנעל דערפון אָפּגעטאָן. כדי זיך צו פאַר־נעמען מיט אַנדערע פּראָבלעמען פון די רוימען.

די ערד האָט געהאַט נאָך אַ סאַטעליט — און גאָר. צי איז דער סאַטעליט געווען פון אייזן אָדער פון גאָלד, — וואָס האָט עס געקענט אָנגיין די געלערנטע, פאַר וועלכע די וועלט איז בלויז אַ מאַטעמאַטישע אַבסטראַקציע!

מען דאַרף באַדויערן, וואָס מר. פּאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן נישט איינגעשטימט מיט אַזאַ מין אָנשויונג. די אַלגעמיינע גלייכגילטיקייט האָט נישט געשטילט זייער צעהיצטע פאַנטאַזיע; זיי האָבן ווייטער געפאָרשט דעם מעטעאָר, זייער מעטעאָר, מיט התלהבות, וואָס האָט געגרענעצט מיט דער גרעסטער פאַרביסנקייט.

ביי יעדן דורכלויף זענען זיי שוין געשטאַנען, צוגעשמידט די אויגן צום טעלעסקאָפּ, אַפילו דאַן, ווען דער מעטעאָר פלעגט זיך באַווייזן עטלעכע גראַד איבערן האָריזאָנט.

דאָס פּראַכטפולע וועטער האָט כסדר מיטגעהאָלפן זייער מאַניע און געלאָזט זיי זען דעם בלאַנדזשענדיקן הימל־קערפּער צוועלף מאָל אין אַ מעת־לעת. צי האָט ער געזאָלט אַראָפּפאַלן אויף דר׳ערד, צי נישט, — יעדנפאַלס האָבן די אומגעוויינלעכע אייגנשאַפטן פון דעמדאָזיקן מעטעאָר, וואָס האָבן אים געמאַכט פאַר אַ יחיד במינו און באַרימט אויף אייביק, פאַרשטאַרקט זייער קרענקלעכן באַגער צו ווערן די אויסשליסלעכע אַנטדעקער זיינע.

אין דידאָזיקע באַדינגונגען וואָלט געווען אַן אומזין צו האָפן, אַז די צוויי קאָנקורענטן, וואָס זייער האַס איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, זאָלן זיך איבערבעטן.

פרוי הודעלסאָן און פראַנס גאָרדאָן האָבן זיך אָפּגעגעבן דערפון אַ געגויעצן דין־וחשבון. פראַנס האָט שוין איצט לחלוטין נישט געצווייפלט, אַז דער פעטער וועט אָנווענדן זיין גאַנצן כוח זיך אַנטקעגנצושטעלן דעמדאָזיקן בונד; און פרוי הודעלסאָן האָט גענומען צווייפלען, צי וועט איר מאַן זיין נאָכגיביק, ווען עס וועט קומען דער פייערלעכער מאָמענט.

מען האָט זיך מער נישט געקענט מאַכן קיין איינרעדעניש. צו דער פאַרצווייפלונג פון חתן־כלה, צו דער אויפרעגונג פון לו און מיק, האָט דידאָזיקע חתונה געשיינט צו זיין, אויב נישט אונטער אַ גרויסן פראַגע־צייכן, איז יעדנפאַלס אָפּגעלייגט אויף אַן אומבאַשטימטן און וואַרשיינלעך גאַנץ ווייטן טערמין.

נאָכמער, דער מזל איז שוין געווען אַזאַ, אַז דידאָזיקע לאַגע, וואָס איז דאָך גופא געווען זייער אַן ערנסטע, זאָל זיך וואָס-אַמאָל מער פאַרפלאָנטערן.

דעם 11-טן מאַי אין אָוונט איז מר. פאָרסיט, וועלכער איז, ווי דער שטייגער, געשטאַנען ביים טעלעסקאָפ, מיטאַמאָל האַסטיק אָפגעשפּרונגען, אַרויסלאָזנדיק אַ געשטיקטן געשריי; דאַן האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו אים, אָנגעוואָרפן עטלעכע נאָטיצן אויפן פּאַפּיר, ווידער אָפּגעשפּרונגען און ווידער זיך אומגעקערט צוריק, — איבערחזרנדיק אַזוי דידאָזיקע באַוועגונג עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. ביז דער מעטעאָר איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן פון האָריזאָנט.

אין דעמזעלבן מאָמענט איז מר. פאָרסיט געווען בלייך, ווי דער טויט און האָט אַזוי שווער געאָטעמט, אַז אָמיקראָן איז געקומען צו לויפן אים ראַטעווען, מיינענדיק, בכן ער איז קראַנק. ער האָט אים אָבער אָפּגערוקט אין אַ זייט, אַוועק מיט אַ וואַקלדיקן טריט צו זיך אין קאַבינעט און דאָרט זיך פאַרריגלט.

פון דעמאָלט אָן האָט מען מר. פאָרסיטן פּשוט מער נישט געזען. העכער דרייסיק שעה איז ער פאַרבליבן אין זיין צימער אָן עסן און אָן טרינקען.

איינמאָל בלויז פראַנס גאָרדאָנען האָט זיך איינגעגעבן צו צווינגען דעם פעטער, ער זאָל עפענען די טיר; אָבער די טיר האָט זיך קוים האַלב-אָפּגעעפנט, בעת דער בחור האָט דורך דער שמאָלער שפּאַרע דערזען זיין פעטער אַזאַ צעבראָכענעם, מיט אַזאַ ווילדן אויסדרוק אין די אויגן, אַז ער איז געבליבן שטיין פאַרבליפט אויף דער שוועל.

— וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט מר. פאָרסיט געפרעגט.

— אָבער פעטער, — האָט פראַנס אויסגערופן — ביסט שוין פיראונצוואַנציק שעה פאַרשפאַרט אין צימער! לאָז, וועל איך דיר כאָטש אַרויפברענגען עפּעס צום עסן!

— איך דאַרף גאָרנישט, — האָט מר. פאָרסיט געענטפערט — חוץ שטילקייט און רו, און דו וועסט מיר פּשוט טאָן

אַ טובה, אויב דו ווען מיר נישט איבעררייסן מיין איינ-זאַמקייט.

נאָך דעמדאָזיקן ענטפער, וואָס איז אַרויסגעבראַכט גע-וואָרן מיט אַ טאָן פון פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט און גלייכ-צייטיק מיט אומגעוויינלעכער, נישט ווי דער שטייגער איז גע-ווען, מתיקות, — האָט פראַנס נישט געהאַט קיין מוט אָנצושטיין. אַגב, וואָלט עס געווען אַן איבעריקע זאַך, ווייל ביי די לעצטע ווערטער האָט דער אַסטראָנאָם פאַרמאַכט די טיר אויפן שליסל. דער שוועסטער-זון האָט זיך, אַלזאָ, נישט דערוווסט גאָרנישט.

דעם 13-טן מאַי אינדערפרי, צוויי טעג פאַר דער חתונה האָט פראַנס צום צוואַנציקסטן מאָל פאַרטרויט זיינע דאגות פאַר פרוי הודעלסאָן, וועלכע האָט אים אויסגעהערט און געזיפצט.

— איך קען נישט פאַרשטיין גאָרנישט — האָט זי לסוף געזאָגט — מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז מר. פאָרסיט מיט מיין מאַן זענען ביידע פון זינען אַראָפּ.

— וואָס? — האָט פראַנס אויסגערופן — צי איז אויך דעם דאָקטאָר עפּעס געשען?

— יאָ — האָט פרוי הודעלסאָן מודה געווען — זיי האָבן זיך, משמעות, ביידע געגעבן אַ וואָרט צו טאָן דאָסזעלבע, מיט דעם אינטערשייד בלויז, וואָס ביי מיין מאַן איז דער קריזיס געקומען שפּעטער, ערשט נעכטן אינדערפרי האָט ער זיך פאַר-שפּאַרט אין זיין צימער. פון דעמאָלט אָן האָט אים קיינער נישט געזען נאָך, און דו קענסט זיך פאָרשטעלן, ווי אומרויק מיר זענען.

— מ'קען פון זינען אַראָפּ! — האָט פראַנס אויסגערופן.

— לויט דעם, וואָס דו האָסט מיר אויך דערציילט, קען מען קומען צום אויספיר, אַז ביידע האָבן באַמערקט עפּעס אין דעם פאַרשאָלטענעם מעטעאָר. און איך זע קיין גוטס נישט פאַר אין זייערע שטימונגען.

— אָך, ווען איך זאָל זיין בכוח! — האָט זיך אָנ-גערופן.

— איז וואָס וואָלסטו געטאָן, שוועסטערל? — האָט פראַנס גאָרדאָן געפרעגט.

— וואָס איך וואָלט געטאָן? פּראָסט-פשוט. איך וואָלט אָוועקגעשמיצט דידאָזיקע גאָלדענע קויל אַזוי ווייט, אַז אפילו די בעסטע לונעטעס וואָלטן זי נישט דערזען.

די פאַרשווינדונג פונם מעטעאָר וואָלט אפשר באמת באַרויקט מר. פּאָרסיטן און דר. הודעלסאָנען. ווער ווייס, צי וואָלט עס זיי גלייך נישט אויסגעהיילט פון דערדאָזיקער נאַרישער קנאה?

עס האָט זיך אָבער אויסגעדוכט, אַז דידאָזיקע מעגלעכקייט איז אַן אויסגעשלאָסענע. דער מעטעאָר וועט זיין אינם טאָג פון דער חתונה, ער וועט זיין שפּעטער, ער וועט זיין אייביק, ווייל ער האָט אַרומגעקרייזט לויט דיזעלבע בעסטע געזעצן איבער זיין קרייז-וועג.

— איבעריקנס, מירן זען! — האָט פראַנס פאַרענדיקט — אין פיראונצוואַנציק שעה אַרום וועלן זיי זיך מוזן באַשליסן, און דעמאָלט וועלן מיר שוין וויסן. ביי וואָס זיך צו האַלטן.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט אַהיים אויף עליזאַבעט-סטריט האָט ער, אַגב, געקענט טראַכטן, אַז די איצטיקע פּאַסירונג וועט נישט אַרויסרופן קיין ערנסטע רעזולטאַטן.

מר. פּאָרסיט האָט פאַרלאָזן זיין איינזאַמען קאַבינעט און האָט שווייגנדיק אָפּגעגעסן גאַנץ געשמאַק, איצט איז ער, מיד און אָנגעגעסן, געשלאָפן מיט צונויפגעפרעסטע פויסטן, בעת אָמיקראָן האָט באַזאָרגט אין שטאָט די ענינים פון זיין באַלעבאָס.

— דו האָסט געזען דעם פעטער פאַרן שלאָפן גיין? — האָט פראַנס געפרעגט דער אַלטער דינסט.

— אַזוי, ווי איך זע דיך, מיין קינד, — האָט זי געענטפערט — איך האָב דאָך באַדינט ביים טיש.

— ער איז געווען הונגעריק?

— הונגעריק. ווי אַ וואָלף. ער האָט אויפגעגעסן דעם

גאַנצן פרישטיק: אַן אייער־קוכן, אַ קאָטלעט אויף קאַלטן, קאַר־טאָפל, אַ פודינג פון פרוכטן. ער האָט נישט איבערגעלאָזט גאָר־נישט.

— ווי־זשע האָט ער זיך געפילט?

— נישקשה, נאָר ער איז געווען בלאַס, ווי אַ געשפּענסט, און אויגן געהאַט רויטע. איך האָב אים געבעטן, ער זאָל זיי וואַשן מיט וואַסער. נאָר מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט נישט אָנגעהויבן צו הערן.

— ער האָט נישט געהייסן עפּעס מיר איבערגעבן?

— נישט דיר, נישט קיינעם. ער האָט געגעסן, נישט עפענענדיק דאָס מויל, און איז אוועק שלאָפן, נאָכדעם ווי ער האָט זיין אַמיקראָן אַוועקגעשיקט צו „וואַסטאָן סטענ־דאַר".

— צו „וואַסטאָן סטענדאַר"! — האָט פראַנס אויסגערופן — איך וואָלט זיך געמעגט וועטן, אַז ער האָט דאָרט צוגעשיקט דעם רעזולטאַט פון זיין אַרבעט. ווידער וועלן זיך אָנהויבן פּאָ־לעמיקער אין דער פּרעסע! נאָך דאָס האָט געפעלט!

די ידיעה, וואָס מר. פּאָרסיט האָט איבערגעגעבן דער ציי־טונג „וואַסטאָן סטענדאַר", האָט פראַנס מיט פאַרצווייפלונג אי־בערגעלייענט אויף צומאָרגנס, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט זיין נאָך אַ סיבה צו פירן ווייטער די קאָנקורענץ, וואָס איז געווען אַ מניעה פאַר זיין גליק. אָבער דידאָזיקע פאַר־צווייפלונג איז געוואַקסן, ווען ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז ביי־דע קאָנקורענטן טוען איצט אויך אַלץ גלייכצייטיק. וואָרן בעת דער „סטענדאַר" האָט געדרוקט די נאָטיץ פון מר. פּאָרסיט, האָט דער „וואַסטאָנער מאָרגן" אָפּגעדרוקט פונקט אַזאַ מין נאָטיץ פון דר. הודעלסאָן.

עס האָט, אַלזאָ, ווייטער געדויערט דער פאַרביסענער קאַמף, וואָס האָט נאָך ביז איצט קיין איינעם פון זיי נישט גע־זיכערט קיין זיג!

די אויפרופן פוןביידע אַסטראָנאָמען, וואָס זענען געווען

ענלעך אין גרונט-געדאַנק, האָבן זיך אָבער אונטערגעשיידט אין די לעצטע אויספירן.

דידאַזיקע מיינונגס-פאַרשידנקייט, וואָס האָט ווידער גע-שאַפן אַ מעגלעכקייט זיך צו אַמפּערן, וואָלט דאָ געקענט זיין אַ נוצלעכע, ווייל אין דעם פאַל וואָלט זי געמאַכט מעגלעך צו אַנטשיידן, ווער פון די צוויי בירגער האָט גרעסערע פאַרדינסטן.

גלייכצייטיק מיט פראַנס גאָרדאָן, האָט זיך וואַסטאָן, און צוזאַמען מיט וואַסטאָן אויך די גאַנצע וועלט דערוווּסט, אַ דאַנק דער גרויסער נעץ טעלעגראַפן און טעלעפאָנען, וועגן דער אומ-געווייגלעכער ידיעה, וואָס דיביידע אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער האָבן פאַרעפנטלעכט, — ידיעות, וואָס זענען באַלד געוואָרן פאַר-שידן אויסגעטייטשט אויף ביידע האַלב-קוילן פון דער ערד.

צי איז דידאָזיקע ידיעה געווען באמת אַזוי סענסאַציאָנעל און צי איז די אויפרעגונג פונם עולם געווען אַ באַרעכטיקטע — זאָל משפטן דער לעזער גופא.

מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן געמאָלדן, אַז די דויערהאַפטיקע פאָרשונגען האָבן זיי צוגעבראַכט צום אויספיר, בכן אינם לויף פונם מעטעאָר זענען פאָרגעקומען בלי-ספק גע-וואַלדיקע ענדערונגען.

זיין וועג, וואָס האָט כסדר געהאַלטן אָן דער צפון-דרום-זייט, האָט זיך איצט אָפגענייגט צו צפון-מזרח און דרום-מערב צו. ווייטער האָט מען באַמערקט, אַז אַסאַך אַ גרעסערע ענדע-רונג איז פאָרגעקומען אין זיין מרחק פון דער ערד, אַ מרחק שוין אָן אַן ערך אַ קלענערער, הגם די שנעלקייט פון זיין באַ-וועגונג האָט זיך נישט געענדערט.

פון די באַאָבאַכטונגען און חשבונות האָבן ביידע אַסטראָ-נאָמען אַרויסגעדרונגען, אַז דער מעטעאָר, אַנשטאָט כסדר צו צו גיין איבער זיין ליניע, וועט אַראָפּפאַלן אויף דער ערד אין אַזאַ אָרט און אין אַזאַ צייט, וועלכע מען קען שוין איצט גע-נוי אויסרעכענען.

נאָר אויב ביז איצט האָבן מר. פאָרסיט און דר. הודעל-

סאָן געשטימט אין זייערע אויספירן, האָבן זיי שוין אָבער אין די ווייטערדיקע אויספירן נישט געשטימט.

בעת די חשבונות האָבן איינעם פון זיי געבראַכט צו דער פּאָרויסזעונג, אַז דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן דעם 28-טן יולי אויף דרום-זייט פון יאַפּאַן, — האָבן די חשבונות פונם אַנדערן געצווונגען צו האַלטן, אַז דערדאָזיקער אַראָפּפאַל וועט פּאָרקומען דעם 7-טן אויגוסט אין פּאַטאַגאָניע.

אָט, ווי אַזוי עס שטימען די אַסטראָנאָמען! זאָל דער עולם אויסקלייבן!

דערווייל האָט זיך דער עולם דערמיט נישט פאַרנומען. עס איז אים אָנגעגאַנגען בלויז דער פאַקט, אַז דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן, און צוזאַמען דערמיט די טויזנטער מיליאָנען, וואָס שוועבן אַרום אין דער לופטן. און וואָס שייך דאָס איבעריקע, איז אים געווען אַלצאיינס, צי אין יאַפּאַן אָדער פּאַטאַגאָניע, ווייל מיליאַרדן וועט מען אומעטום אויסגראָבן.

דער פּועל-יוצא פון דערדאָזיקער פּאַסירונג, דער עקאָנאָמישער איבערברוך, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך אָט דער ריזיקער שפע פון אָנקומענדיקן גאָלד, איז געוואָרן, נאַטירלעך, דער שמועס פון דער גאַנצער געזעלשאַפט. בכלל האָבן די רייכע געטראַכט, אַז דער ווערט פון זייער פאַרמעגן וועט איצט קלענער ווערן, און די אָרעמע זענען געווען, וואָרשיינלעך, אַנטציקט פון דער פלומרשטער פּערספּעקטיוו זיך צו באַטייליקן אין דער חלוקה פון דעם אוצר.

פראַנס גאָרדאָן איז געווען פאַרצווייפלט. וואָס האָט אים געקענט אָנגיין די גאַנצע עשירות? ער האָט בלויז איין גליק פאַרלאַנגט, זיין טייערע דזשעני, אָן אוצר, וואָס איז געווען פאַר אים ווערטפולער פונם מעטעאָר און פון זיינע עקלדיקע מיליאַרדן.

ער איז אַוועקגעלאָפן אויף מאָריס-סטריט. מען האָט שוין דאָ אויך געוווסט וועגן דער אומגליקלעכער ידיעה און מ'האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון פון אירע קאָנסעקווענצן.

די געוואַלדיקע, אַנטגילטיקע רייבונג צווישן די צוויי וואַנ

יניקע פלאַטער קעפ איז שוין איצט געווען אומפאַרמיידלעך ;
ביידע האָבן געהאַט תביעות צום הימלשן קערפּער, דערצו איז
איצט צו זייער פּראָפעסיאָנעלער אַמביציע צוגעקומען אויך די
מאַטעריעלע פאַראינטערעסירונג.

וויפיל זיפצן האָבן זיך אַרויסגעריסן פון פראַנס גאָרדאָנס
האַרץ, בעת ער האָט געדריקט די האַנט פון פרוי הודעלסאָן און
פון אירע ליבע טעכטער. וויפיל אויסברוכן פון גרימצאָרן האָט
געהאַט די אויפגעבראַכטע לו! וויפיל טרערן האָט פאַרגאָסן די
אַנטציקנדיקע דזשעני, וועלכע קיינער האָט נישט געקענט טרייסטן,
נישט די מאַמע, נישט די שוועסטער און אויך נישט דער חתן,
הגם ער האָט איר פייערלעך געשווירן טרייהייט ביזן טויט
און מבטיח געווען, אַז אויב מען וועט דאַרפן, וועט ער וואַרטן
אַזוי לאַנג, ביז די לעצטע פּרוטה פון דידאָזיקע פינף טויזנט
זיבנהונדערט אַכטאונצוואַנציק מיליאַרדן וועט אויסגעגעבן ווערן
דורכן ענדגילטיקן אייגנטימער פונם לעגענדאַרישן מעטעאָר, —
אַן אומפאַרזיכטיקע שבועה, וואָס האָט אים וואַרשיינלעך פאַר-
משפּט אויף אייביקער איינזאַמקייט.

קאַפּיטל צוועלף,

אין וועלכן מיס אַקאַרדיע וועלקער וואָרט אומ-גערולדיק אויף עמעצן, און דזשאָן פּרוט דערקלערט, אַז זיין געריכט איז נישט קאָמפּעטענט.

דעמדאָזיקן פרימאָרגן איז דער ריכטער דזשאָן פּרוט גע-זעסן ביים פענסטער, און די דינסט קעט האָט אויפגערוימט אין שטוב.

אַז עס איז אים נישט אָנגעגאַנגען, צי דער מעטעאָר שוועבט ארום איבער וואַסטאָן, צי נישט, קענסטו, ליבער לעזער, זיין גאַנץ זיכער. אָן שום זאָרג האָט ער אַראָפּגעקוקט צום קאָנסטי-טוציע-פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז אַרויסגעקומען די הויפּט-טיר פון זיין רויקער דירה.

נאָר אויף ווי ווייט מר. פּרוט האָט זיך צום מעטעאָר באַ-צויגן גלייכגילטיק, אויף אַזוי ווייט איז ער אָנגעגאַנגען קעט.

— איז ער, הייסט עס, פון גאָלד? — האָט זי געפרעגט, שטייענדיק פאַר איר באַלעבאָס.

— מ׳זאָגט אַזוי.

— מיר דאַכט זיך, אַז אויף אייך מאַכט עס נישט קיין גרויסן איינדרוק.

— ווי דו זעסט, קעט.

— נאָר אויב ער איז פון גאָלד, מוז ער ווערט זיין מיל-יאָנען.

— מיליאָנען און מיליאַרדן, קעט... יאָ, מיליאַרדן שפּאַצירן אַרום איבער אונזערע קעפּ.

— און זיי וועלן אַראָפּפאַלן.

— אַזוי שמועסט מען, קעט.

— גיט אַ טראַכט, אַז איצט וועלן שוין מער נישט זיין קיין אומגליקלעכע אויף דער וועלט.

— עס וועלן שטענדיק זיין אומגליקלעכע, קעט...

— און דאָך...

— דאָס פאָדערט אַ גרויסע דערקלערונג... און קודם־כּל, צי שטעלסטו זיך פאָר, קעט, וויפיל דאָס איז אַ מיליאַרד?

— אַ מיליאַרד איז... איז...

— טויזנט מיליאָן.

— אַזויפיל!

— יאָ, קעט, און ווען דו זאָלסט לעבן דרייהונדערט יאָר, וואָלסטו נישט געוווען בכּוח איבערצוציילן די דאָזיקע סומע, ווען דו זאָלסט אַפילו ווידמען דערויף צען שעה אַ טאָג.

— צי טאַקע באמת?...

— יאָ, יאָ.

ביים געדאַנק, אַז אַ גאַנצער יאָרהונדערט וואָלט נישט געקלעקט איבערצוציילן אַ מיליאַרד, איז די דינסט געוואָרן אויסער זיך.

דערנאָך האָט זי גענומען די באַרשט און ווישטוך און זיך אומגעקערט צו איר אַרבעט. אָבער יעדע ווײַלע איז זי געבליבן שטיין פאַרטראַכט.

— וויפיל וואָלט אויסגעפאַלן אויף יעדן איינעם?

— וואָס, קעט?

— פון דעם מעטעאָר, ווען מ'זאָל אים צעטיילן אויף גלייכע חלקים צווישן אַלע מענטשן.

— מ'קען עס באַרעכענען, קעט, — האָט מר. דזשאָן פּרוט געענטפערט.

דער ריכטער האָט גענומען אַ פּאַפּיר מיט אַ בלייפעדער:

— אויב מ׳זאָל אָננעמען, — האָט ער געהשבּונט — אַז אויף דער ערד וווינען טויזנט פינפהונדערט מיליאָן איינוווינער, וואָלט עס באַטראָפן... וואָלט עס באַטראָפן דריי טויזנט אַכט-הונדערט מיט נייגאונפערציק פראַנק מיט צוואַנציק סענטים אויף אַ פערזאָן.

— נישט מער? — האָט קעט אַנטוישט אַרויסגעפּליסטערט.

— נישט מער — האָט מר. דזשאָן פּרוט געענטפערט, בעת קעט האָט פאַרטראַכט אַרויפגעקוקט צום הימל.

ווען זי האָט לסוף אַ וואָרף געטאָן אַ בליק אויף דער ערד, האָט זי ביים אָנהויב עליזאַבעט-סטריט באַמערקט צוויי פער-זאָן, אויף וועלכע זי האָט אויפמערקזאַם געמאַכט איר באַלעבאָס.

— גיט נאָר אַ קוק, — האָט זי געזאָגט — דאָרט שטיי-ען צוויי דאַמען.

— יאָ, קעט, איך זע זיי.

— גיט נאָר אַ קוק אויף איינער פון זיי... די העכערע... די, וואָס ווייזט אַרויס אומגעדולד.

— אומגעדולד, קעט, ריכטיק, אָבער ווער זי איז, ווייס איך נישט.

— דאָס איז דאָך די זעלבע, וואָס איז געקומען צו אונז מיט צוויי חדשים צוריק, כדי חתונה צו האָבן, נישט אַראָפּ-שטייגנדיק פון פערד.

— מיס אַרקאַדיע וועלקער? — האָט דזשאָן פּרוט געענטפערט.

— איצט פרוי סטענפאָר.

— יאָ, דאָס איז זי טאַקע — האָט דער ריכטער מודה געווען.

— צוואָס איז זי געקומען אַהער?

— איך הויב נישט אָן צו וויסן — האָט מר. פּרוט גע-ענטפערט — און איך מוז צוגעבן, אַז עס גייט מיך נישט אָן אַזוי שטאַרק.

— צי דאַרף זי אונז ווידער האָבן?

— דאַכט זיך, אַז ניין, ווייל ביגאַמיע איז נישט דערלויבט

אין די פאַרייניקטע שטאַטן — האָט דער ריכטער געזאָגט. פאַר־מאַכנדיק דאָס פענסטער — אַזוי צי אַנדערש, דאַרף איך יעדנ־פאַלס נישט פאַרגעסן, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אין גע־ריכט, ווו איך דאַרף משפטן אַ וויכטיקן ענין, וואָס איז טאַקע נוגע דעמדאָזיקן מעטעאָר. אויב די דאַמע וועט זיך וועלן מיט מיר זען, וועסטו זי אין מיין נאָמען איבערבעטן.

בעת דעמדאָזיקן שמועס, האָט זיך מר. דזשאָן פרוט גע־גרייט אַרויסצוגיין. מיט אַ לאַנגזאַמען טריט איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ און דורך דער פאָרטקע אַרויס אויף פּאָטאָמאַק־סטריט, פון וואַנען ער איז אַוועק צום גערעכטיקייטס־פּאַלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען קעגנאיבער זיין הויז, אויף דער צווייטער זייט גאַס.

די דינסט האָט זיך נישט טועה געווען: דאָס איז באמת געווען פרוי אַרקאַדיע סטענפאָר, וואָס האָט זיך יענעם טאָג גע־פונען אין וואַסטאָן צוזאַמען מיט איר באַדינערין בערטאַ. ביי־דע האָבן אומגעדולדיק אַרומגעשפּאַצירט, אויסקוקנדיק עמעצן לענגאויס דער עקסעטער־סטריט.

אין ראָטהויז האָט געשלאָגן צען דער זייגער.

— און ער איז נאָך נישטאָ? — האָט אַרקאַדיע אויס־גערופן?

— אפשר האָט ער פאַרגעסן וועגן דעם באַשטימטן טאָג?— האָט בערטאַ געזאָגט.

— פאַרגעסן? — האָט די יונגע פרוי מיט אויפרעגונג איבערגעחזרט.

— און אפשר האָט ער חרטה? — האָט זיך בערטאַ אָנ־גערופן.

— חרטה? — האָט איר מאַדאַם נאָכאַמאָל אויסגערופן מיט נאָכמער אויפרעגונג.

זי האָט זיך געלאָזט גיין צו עקסעטער־סטריט און די דינסט נאָך איר.

— דו זעסט אים נישט? — האָט זי אין עטלעכע מינוט

ארום אומגעדולדיק געפרעגט.

— ניין.

— דאָס איז שוין צופיל!

פרוי סטענפּאָר האָט זיך ווידער אומגעקערט אויפן פּלאַץ.

— ניין!... מ׳זעט נישט קיינעם... קיינעם... — האָט זי איבערגעחזרט — לאָזן וואַרטן נאָכדעם, ווי מיר האָבן באַשלאָסן... ס׳איז דאָך היינט דער 18-טער מאַי!

— יאָ.

— און ס׳וועט שיין באַלד זיין האַלב עלף.

— אין צען מינוט אַרום.

— זאָל זיך אים נישט אויסדוכטן, אַז איך וועל אַרויס פון געדולד!... איך בלייב דאָ דעם גאַנצן טאָג, און אַפילו מער, אויב מ׳וועט דאַרפן!

די האָטעל-דינערשאַפט פונם קאָנסטיטוציע-פּלאַץ וואָלט באַמערקט דידאָזיקע שפּאַצירנדיקע יונגע פרוי, ווי זי האָט מיט צוויי חדשים צוריק באַמערקט דער רייטער, וואָס האָט אויף איר געוואַרט.

אָבער איצט האָבן אַלע: מענער, פרויען, קינדער, גע-טראַכט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש... וועגן אַ זאַך, וואָס בלויז איין פרוי סטענפּאָר אין גאַנץ וואַסטאָן האָט פון איר נישט געטראַכט.

מ׳האָט זיך פאַרנומען מיטן וווּנדערבאַרן מעטעאָר, מיט זיין דערשיינען, מיט זיין מעגלעכן אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, וואָס איז געווען — אין געגנט, הגם פאַרשידענע טערמינען — באַשטימט דורך די צוויי שטאָטישע אַסטראָנאָמען. די מענטשן, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אויפן קאָנסטיטוציע-פּלאַץ, די די-נערשאַפט פון האָטעל, וואָס איז געשטאַנען פאַר די טירן, האָבן זיך לחלוטין נישט פאַרנומען מיט דער קעגנוואַרט פון פרוי אַר-קאַדיע סטענפּאָר.

מיר ווייסן נישט, צי האָט — לויט דער אַלגעמיינער מיי-נונג וועגן די לונאַטיקער — די לבנה אַ געוויסע השפעה אויף

די מענטשלעכע מוחות. יעדנפאַלס מעג מען פעסטשטעלן, אַז דעמאָלט, אין יענער צייט, האָט די ערד-קויל געהאַט אַ היפּשע צאָל „מעטעאָריקער". זיי פלעגן פאַרגעסן וועגן עסן און טרינקען און זענען רק פאַרנומען געווען מיטן געדאַנק, אַז אַ קויל, וואָס איז ווערט מיליאַרדן, שפּאַצירט אַרום איבער זייערע קעפּ און וועט די טעג אַראָפּפאַלן אויף דר׳ערד.

פּרוי סטענפּאָר האָט געהאַט, משמעות, באַזונדערע דאגות.

— דו זעסט אים נישט, בערטאַ? — האָט זי אין אַ קורצע ווײַלע אַרום נאָכאַמאָל אַ פרעג געטאָן.

— ניין.

אין דער רגע איז אויפן עק פלאַץ נעוואָרן אַ געוואַלד. די דורכגייער זענען זיך צונויפגעלאָפן אין יענעם ווינקל. עטלעכע הונדערט פּערזאָן זענען אָנגעקומען פון די שכנותדיקע גאַסן און די פּאַ־זאַמלונג איז געוואָרן וואָס-אַמאָל גרעסער. גלייכצייטיק האָבן פון די פענסטער געגומען אַרויסקוקן נייגעריקע.

— אָט איז ער!.. אָט איז ער!..

דידאָזיקע ווערטער זענען אַריבער פון מויל צו מויל, און זיי זענען געווען אויף אַזוי ווייט אין הסכם מיטן פאַרלאַנג פון פּרוי אַרקאַדיע סטענפּאָר, אַז זי האָט פּונקט ווי די געשרייען וואָלטן זיך באַצויגן צו איר אויסגעשריען:

— ענדלעך!

— אָבער ניין! — האָט איר די דינסט געמוזט באַמערקן

— דאָס שרייט מען נישט צו אייך.

און באמת, פאַרוואָס זאָל עפּעס דער עולם אַזוי באַגייסטערט אויפנעמען דעם, אויף וועלכן פּרוי סטענפּאָר האָט געוואַרט? פאַרוואָס זאָל ער גאָר באַמערקן זיין אָנקום?

איבעריקנס, אַלע קעפּ זענען געווען געווענדט צום הימל, אַלע הענט אויסגעשטרעקט, אַלע בליקן געריכט צו דער צפון-זיין פון האָריזאָנט. צי האָט זיך דער באַרימטער מעטעאָר באַוויזן איבער דער שטאָט? צי האָבן זיך די איינוווינער פאַרזאַמלט אויפן פלאַץ כדי אים צו באַגריסן, בעת ער וועט אַדורכשוועבן?

ניין! אין דעם מאָמענט האָט ער גאָר אַרומגעשוועבט אין ־יום אויף דער צווייטער האַלב-קויל. נאָכמער, ווען ער זאָל ויך אַפילו ווייזן אויף דער זייט האַריזאָנט, וואָלט מען אים דאָך בּייטאָג מיטן אויג נישט דערזען.

הײנט וואָס-זשע האָט דער עולם געמאַכט אַזאַ ליאַרם?

— דאָס איז אַ לופט-באַלאָן! — האָט בערטאַ געזאָגט — גיט נאָר אַ קוק... מען זעט אים איבערן סען-אַנדרע.

דערנענטערנדיק זיך צו דער ערד, איז דער אַעראָסטאַט געוואָרן פאַרן עולם וואָס-אַמאָל באַשיינפּערלעכער, און דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט פריינדלעכע אַפּלאָדיסמענטן. צוואָס דידאָזיקע אַפּלאָדיסמענטן? צי איז דער פלי געווען באמת עפּעס אַ מערקווירדיקע דערשיינונג? איז דאָס געווען אַ סיבה, למאַי דער עולם האָט אים אויפגענומען מיט אַזעלכע אַוואַציעס?

יאָ, עס איז געווען אַ סיבה.

מיט אַ טאָג פריער, אין אָוונט, איז דער באַלאָן אַרויסגע-פלויגן פון דער שכנותדיקער שטאָט, מיטנעמענדיק מיט זיך דעם באַרימטן אַעראָנאַווט, וואַלטער וורא, מיט זיין געהילף; דערדאָזיקער פלי איז אויסן געווען אויפצופאָרשן דעם מעטעאָר אין די באַקוועמסטע באַדינגונגען. אָט דאָס איז די סיבה, פאַר-וואָס דער עולם איז געווען גערירט — דער עולם, וואָס איז געווען ממש גיריק זיך צו דערוויסן וועגן דעם רעזולטאַט פון דעראָזיקער מערקווירדיקער אונטערנעמונג.

ווי-נאָר מר. פאָרסיט האָט זיך דערוווסט וועגן דעם פּראָ-יעקטירטן פלי, האָט ער, צו דער גרויסער שרעק פון מיץ, גע-וואָלט זיך אין אים באַטייליקן; מ׳קען זיך אויך לייכט משער זיין, אַז דר. הודעלסאָן האָט אויסגעדריקט דעמזעלבן ווונטש, צו דער גרויסער פאַרצווייפלונג פון זיין ווייב.

פאַרן לופט-פליער, וועלכער האָט געקענט מיט זיך מיט-נעמען בלויז איין פּאַסאַזשיר, האָט זיך געשאַפן זייער אַן אומ-באַקוועמע לאַגע. דערפון האָט זיך גענומען דער שריפטלעכער וויכּוח פון ביידע קעגנער, וואָס האָבן געהאַט דיזעלבע תביעות.

סוף־כל־סוף האָבן זיי ביידע געמוזט אָפּטרעטן לטובת אַ דריטן קאַנדידאַט, אָן וועלכן וואַלטער וורעג, ווי ער האָט אַליין געטענהט, וואָלט זיך נישט געקענט באַגיין.

איצט האָט זיך דער באַלאָן, באַוועגט פונם לייכטן ווינט, געפונען איבער וואַסטאָן, און דערפאַר האָט די באַפעלקערונג באַשלאָסן אים אויפצונעמען מיט אָוואַציעס.

דער באַלאָן האָט זיך רויק אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד אין סאַמע צענטער פונם קאָנסטיטוציע־פּלאַץ. הונדערט ד׳הענט האָבן באַלד אַ כאַפּ געטאָן דאָס שיפל, פון וועלכן עס איז אַרויסגעשפּרונגען וואַלטער וורעג און נאָך אים זיין געהילף.

ער האָט איבערגעלאָזט זיין שעף ביי אַ דעליקאַטער אַרבעט — אַרויסצולאָזן דעם גאַז — און איז זיך צוגעגאַנגען צו דער אומגעדולדיקער פרוי סטענפאָר.

— אָט בין איך מאַדאַם, — האָט ער געזאָגט און זיך פאַרנייגט.

— פינפאונדרייסיק מינוט נאָך צען — ד׳האָט אַרקאַדיע סטענפאָר פעסטגעשטעלט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן שטאָטזייגער.

— מיר האָבן זיך אָפּגעשמועסט אויף האַלב עלף, איך ווייס, — האָט דער אָנגעקומענער זייער העפלעך מודה געווען — זייט מיר מוחל, אָבער די אַעראָסטאַטן פּאַסן זיך נישט צו צו אונזערע פאַרלאַנגען מיט דער נויטיקער פּינטלעכקייט.

— הייסט עס, אַז איך האָב זיך נישט טועה געווען. איר זענט געווען אין באַלאָן מיט וואַלטער בראַגן?

— יאָ, איך.

— אפשר קענט איר עס מיר דערקלערן?

— אַדרבה. איך האָב אויף דעמדאָזיקן אומגעווייניכן אופן געוואָלט קומען צו אונזער באַגעגעניש. האָב איך געקויפט ביי וואַלטער וורעגן פאַר אַ היפשע צאָל דאָלאַרן אַן אָרט אין זיין לופט־באַלאָן, און ער האָט מיר צוגעזאָגט אָנצוקומען אַהער נישט שפּעטער, ווי האַלב עלף אייגער. מ׳קען אים מוחל זיין די פינף־

מינוטיקע פּאַרשפּעטיקונג.

— מ׳קען, — האָט פרוי אַרקאַדיע סטענפאָר מודה געווען — וויבאַלד איר זענט שוין דאָ. איך האָף, אַז איר האָט נישט געענדערט אייער באַשלוס.

— נאַטירלעך.

— און איר האַלט, אַז מיר האַנדלען גוט, וואָס מיר זאָגן זיך אָפּ פון אונזער צוזאַמענלעבן?

— יאָ.

— און איך האַלט, אַז מיר זענען נישט געווען באַשאַפן איינער פאַרן אַנדערן.

— איך בין מיט אייך מסכּים.

— נאַטירלער, מר. סטענפאָר, איך לייקן נישט, אַז איר האָט מעלות...

— אייערע מעלות שאַץ איך אָפּ אין זייער גאַנצער גרויס.

— מען קען זיך קעגנזייטיק שעצן און גלייכצייטיק נישט געפעלן זיין איינער דעם צווייטן. שעצונג איז נישט קיין ליבע. זי וואָלט נישט מסכּים געווען אויף אַזעלכע כאַראַקטער-אונטערשיידן.

— אייערע ווערטער זענען גאָלד.

— נאַטירלעך, ווען מיר זאָלן זיך ליב האָבן!...

— וואָלט געווען עפּעס אַנדערש.

— אָבער מיר ליבן זיך נישט.

— דאָס איז מער, ווי זיכער.

— מיר האָבן חתונה געהאַט און זיך נענטער נישט געקענט, און מיר האָבן געהאַט קעגנזייטיקע אַנטוישונגען... אַך! ווען מיר וואָלטן איינער דעם צווייטן געטאָן עפּעס אַ געפעליקייט, וואָס זאָל אָנרעגן אונזער פאַנטאַזיע, וואָלט געווען גאַנץ אַנדערש.

— צום באַדויערן, דערצו איז נישט דערגאַנגען. איר האָט נישט געדאַרפט מקריב זיין אייער פאַרמעגן, כּדי מיך אַרויסצושלעפּן פון אַ ירידה.

— איך וואָלט עס געטאָן מיט פאַרגעניגן, מר. סטענפאָר. פון אייער זייט ווידער איז נישט געווען באַשערט, איר זאָלט איינשטעלן פאַר מיר דאָס לעבן און טיך אַזוי־אַרום ראַטעווען.

— איך וואָלט זיך נישט געוואַקלט, אַרקאַדיע.

— איך בין אין דעם איבערצייגט, נאָר ס׳האָט זיך נישט געמאַכט דערצו קיין געלעגנהייט. מיר זענען געווען פאַר זיך פרעמד און מיר וועלן בלייבן פרעמד.

— דאָס איז אַ שרעקלעכער אמת.

— אונז האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיר האָבן דיזעלבע נייגונגען, לפּחות בנוגע די רייזעס...

— מיר האָבן קיינמאָל נישט געקענט דורכקומען בנוגע דעם אויסוואַל פון וועג.

— באמת, ווען איך האָב געוואָלט פאָרן צו דרום, האָט איר געוואָלט צו צפון.

— און ווען איך האָב געוואָלט צו מערב, איז איר צום מזרח!

— דער מעטעאָר האָט איבערגעפּולט דעם בעכער.

— באמת, איבערגעפּולט דעם בעכער.

— ווייל איר זענט נאָך אַלץ אַן אָנהענגער פון מר. פאָר־סיט, נישט אמת?

— ריכטיק.

— און איר פאָרט קיין יאַפּאַן, כדי בייצוזיין דעם פאַל פון מעטעאָר?

— יאָ.

— און איך האָב באַשלאָסן צו טאָן דאָס מייניקע און צו בלייבן אויף דער זייט פון דר. הודעלסאָן...

— און צו פאָרן קיין פּאַטאַגאָניע..

— די פאַרשטענדיקונג אין אַן אוממעגלעכע.

— אַן אוממעגלעכע.

— בלייבט, אַלזאָ, איינס.

— איינס!

— אַריבערצוגיין צום ריכטער.

— צו אייער דינסט מאַדאַם!

ביידע אין איין ריי, דערווייטערט איינס פון אַנדערן מיט דריי טריט, זענען אַוועק צו מר. פּרוטן, און נאָך זיי די דינסט בערטאַ.

די אַלטע קעט איז געשטאַנען אויף דער שוועל.

— מר. פּרוט איז אין דער היים? — האָבן זיי ביידע צוזאַמען געפרעגט.

— נישטאָ — האָט קעט געענטפערט.

די פּנימער פון די פאַראינטערעסירטע האָבן זיך אויסגעצויגן.

— אויף לאַנג?

— ביז מיטאָג.

— און מיטאָג?

— איינס אַזייגער.

— וועלן מיר קומען איינס — האָבן ביידע איינשטימיק דערקלערט, זיך דערווייטערנדיק. זיי זענען צוגעקומען צום פּלאַץ, וווּ עס איז געשטאַנען דער באַלאָן פון וואַלטער וורא‌ג און האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— מיר האָבן נאָך צוויי שעה צייט — האָט אַרקאַדיע סטענפאָר געזאָגט.

— צוויי שעה מיט אַ פערטל, — האָט סעט סטענפאָר פאַרריכט.

— אפשר וועלן מיר די צוויי שעה פאַרברענגען צוזאַמען?

— אויב איר וועט איינוויליקן.

— אפשר זאָלן מיר זיך דורכגיין ביים ברעג פון פּאָטאָמאַקטייך?

— דאָס האָב איך אויך געמיינט.

זיי האָבן קוים געמאַכט עטלעכע טריט אין דער ריכטונג צו עקסעטער-סטריט, און זענען ביידע געבליבן שטיין.

— איר וועט דערלויבן, איך זאָל אייך מאַכן איין באַמערקונג? — האָט מר. סטענפאָר אַ פרעג געטאָן.

— איך דערלויב.

— איך שטעל, אַלזאָ, פעסט, אַז מיר זענען ביידע מסכים אויף איין זאַך. צו ערשטן מאָל, אַרקאַדיע!

— און אויך צום לעצטן! — האָט זי געענטפערט.

זיי זענען אַוועק ווייטער.

כדי זיך אַדורכצושלאָגן צו עקסטער-סטריט, האָבן זיי זיך געמוזט דורכשטופּן דורך דעם געפּאַקטן המון, וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט ביים אַעראָסטאַט. אין דעמדאָזיקן המון זענען אָבער אַלע וואַסטאַנער איינוווינער נישט געווען — דערפאַר, ווייל נאָך איין אַטראַקציע, אַ מער סענסאַציאָנעלע, האָט אַלעמען פאַרנומען. פון באַגינען אָן איז די גאַנצע שטאָט געלאָפן אויף בייז וווּנ-דער צום גערעכטיקייטס-פּלאַץ, פאַר וועלכן עס האָט זיך געשאַפן אַ לאַנגע ריי מיט מענטשן.

ווען מ׳האָט נאָר אויפגעעפנט די טיר, איז דער המון אַריין אין געריכטס-זאַל, וועלכער איז אין איין רגע געווען אי-בערפול. מען האָט געמוזט באַזייטיקן די פּערשפּעטיקטע, און אָט דידאָזיקע אומגליקלעכע זענען, אַלס באַלוינונג, בייגעווען בעת וואַלטער וורגס אַראָפּשטייגן אויף דר׳ערד.

אַוודאי וואָלטן זיי ליבערשט געוואָלט זיין איצט צוזאַמען מיט די פּריווילעגירטע דאָרט, אינם געריכטס-זאַל, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ וויכטיקער פּראָצעס — אַ פּראָצעס, וואָס האָט מיט זיין באַדייטונג איבערגעשטיגן אַלע פּראָצעסן, סיי פון דער פאַרגאַנגענהייט, סיי פון דער צוקונפט.

ס׳איז זיכער, אַז די אָנרעגונג פון המון איז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה, ווען די פּאַריזער אָבסערוואַטאָריע האָט געגעבן צו וויסן, אַז דער מעטעאָר, יעדנפאַלס זיין קערן, איז געווען פון ריינעם גאָלד. אָבער דערדאָזיקער שגעון איז גע-ווען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט דעם, וועלכער האָט באַהערשט אַלע ווינקעלעך פון דער ערד, בעת מר. פאָרסיט און דר. הו-דעלסאָן האָבן קאַטעגאָריש אויפגעוויזן, אַז דער מעטעאָר מוז אַראָפּפאַלן. עס זענען געווען אַסאַך פאַלן פון פּשוטער משוגעת

צוליב דערדאָזיקער ידיעה, און אין די משוגעים־הייזער איז אין עטלעכע טעג אַרום נישט געווען קיין איין פרייער פּלאַץ.

אָבער מער משוגע פון אַלע זענען בלי־ספק געווען די בעל־דברים גופא, וואָס האָבן דעם שגעון אַרויסגערופן.

ביז איצט האָט נישט מר. פּאָרסיט און נישט דר. הודעל־סאָן פאַרויסגעזען אַזאַ מין מעגלעכקייט. אויב זיי האָבן געפּאָ־דערט די בכורה פון דער מעטעאָר־אַנטדעקונג, איז עס נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבן געוואָלט צוגעבן וואָג די אומצוטריט־לעכע מיליאַרדן פונם מעטעאָר, נאָר דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט פאַרבינדן זייערע נעמען מיט דערדאָזיקער גרויסער אַס־טראָנאָמישער דערשיינונג.

די לאַגע האָט זיך אָבער אינגאַנצן געענדערט, ווען זיי האָבן אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 12־טן מאַי פעסטגעשטעלט די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אינם לויף פון מעטעאָר. אַסאַך אַ ברענענדיקערע פראַגע איז איצט פאַר זיי געשטאַנען.

צו וועמען וועט געהערן דער מעטעאָר נאָכדעם, ווי ער וועט אַראָפּפאַלן?

צו וועמען וועלן געהערן די טריליאָנען פונם קערן, וואָס איז איצט באַהאַלטן אין דער גלאַנציקער שאָל?

אויב די שאָל וועט פאַרשווינדן, וועט דער קערן בלייבן קערן, און מ׳וועט אים קענען אויסטוישן אויף געלד־מטבעות.

צו וועמען־זשע וועט ער געהערן?

— צו מיר! — האָט אָן וואַקלעניש אויסגערופן מר. פּאָר־סיט — צו מיר, וועלכער האָט דער ערשטער אים באַמערקט אויפן וואַסטאָנער האָריזאָנט!

— צו מיר! — האָט מיט דערזעלבער איבערצייגונגס־קראַפט אויסגערופן דר. הודעלסאָן — ווייל איך בין זייער אַנט־דעקער!

ביידע האָבן אַריבערגעטראָגן זייער סכסוך אויף די צייטונגס־שפּאַלטן. אין משך פון צוויי טעג זענען די וואַסטאָנער טאָג־צייטונגען פול געווען מיט די אויפגעבראַכטע ווענדונגען פון

ביידע קאָנקורענטן, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן נישט גע־קאַרגט קיין זידל־ווערטער צוליב דעם אומצוטריטלעכן מעטעאָר, וועלכער האָט זיך ווי אויסגעלאָכט פון זיי פון זיין הויך — פירהונדערט קילאָמעטער איבער דער ערד.

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אין דידאַזיקע באַדינגונ־גען האָט קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן דער חתונה. דער 15־טער מאַי איז, אַלזאָ, אַריבער, אָבער פראַנס גאָרדאָן און דזשעני הודעלסאָן זענען נאָך אַלץ געבליבן חתן־כלה.

צי האָבן זיי נאָך געהאַט דאָס רעכט זיך צו רופן חתן־כלה? דעם שוועסטער־זון, וועלכער האָט נאָכאַמאָל געפּרוווט ריידן צום געוויסן פון זיין פעטער, האָט מר. פאָרסיט געענט־פערט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

— איך האַלט דעם דר. הודעלסאָן פאַר אַן אויסוווּרף און איך וועל קיינמאָל נישט געבן מיין הסכמה אויף אַ שידוך מיט זיין טאָכטער.

און כמעט גלייכצייטיק האָט דערזעלבער דר. הודעלסאָן איבערגעשלאָגן דער טאָכטער אין די רייד מיט די ווערטער:

— דער פעטער פון פראַנס גאָרדאָן איז נישט קיין ער־לעכער מאַן, און מיין טאָכטער וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן מיטן שוועסטער־זון פון אַזאַ פאָרסיט.

דאָס איז געווען אַרויסגעזאָגט קאַטעגאָריש, און מען האָט זיך געמוזט אונטערגעבן.

דער פלי פון וועלטער ווראַג האָט געגעבן נאָך איין גע־לעגנהייט אַרויסצוווייזן די שנאה, וועלכע ביידע קאָנקורענטן האָבן געפילט איינער צום אַנדערן. אין די בריוו, וועלכע די אָרטיקע, סקאַנדאַלן־גיריקע פּרעסע האָט גערן געדרוקט, האָבן זיי זיך ביידע אויסגעדריקט זייער שאַרף, וואָס עס האָט, נאַטירלעך, נישט גינסטיק געווירקט אויף זיירע אָנגעשטרענגטע באַציִונגען.

דאָך אָבער איז דאָס באַליידיקן נישט קיין אויסגאַנג פאַר דער פראַגע.

וויבאַלד מען קאָן זיך בשום־אופן נישט פאַרשטענדיקן, מוז

מען נאָכטאָן דעם אַלגעמיינעם ביישפּיל און גיין אין געריכט אַריין.

דאָס איז דאָס בעסטע און איינציקע מיטל צו פאַרענדיקן דעם סכסוך.

סוף-כל-סוף האָבן ביידע קעגנער מסכים געווען דערויף. דעם 17-טן איז, אַלזאָ, אַרויס אַן אויפפאָדערונג פון דר. הוי-דעלסאָן צו מר. פּאָרסיט זיך צוצושטעלן פאַרן געריכט פונם חשובן מר. דזשאָן פּרוט; דערפאַר טאַקע איז באַלד געקומען אויך אַן אויפפאָדערונג פון מר. פּאָרסיטן צו דר. הודעלסאָן, און אינדערפרי, דעם 18-טן מאַי, האָט דער אומגעדולדיקער, טומלדיקער המון אָנגעפּולט דעם בנין פון דער גערעכטיקייט.

מר. פּאָרסיט און מר. הודעלסאָן זענען שוין ביידע געווען. אויפגעפאָדערט איינער דורכן אַנדערן צום געריכט, זענען זיי איצט געשטאַנען קעגן זיך.

מען האָט אין אָנהויב פון דער זיצונג גיינסטיק דורכגע-פירט עטלעכע ענינים, און די אויפגעפאָדערטע צדדים, וואָס זענען געווען פריער בייז געשטימט קעגן אייננאַנדער, פלעגן אַרויסגיין איבערגעבעטענע, האַלטנדיק זיך אונטער די הענט, צו דער גרויסער צופרידנקייט פון מר. פּרוט. צי וועלן זיך אויך איבערבעטן די קעגנער, וואָס דאַרפן זיך באַלד שטעלן פאַר זיין משפט?

— דער וויכטיקער ענין! — האָט ער באַפוילן.

— פּאָרסיט קעגן הודעלסאָן און הודעלסאָן קעגן פּאָרסיט— האָט איבערגעלייענט דער געריכטס-שרייבער.

— זאָלן זיך די הערן צושטעלן — האָט דער ריכטער גע-זאָגט און זיך בשעת-מעשה אויסגעגלייכט אויף זיין פאָטעל.

מר. פּאָרסיט און דר. הודעלסאָן זענען אַרויסגעטראָטן פון דער גרופּע באַגלייטער אָון אָנהענגער.

זיי זענען געשטאַנען אַזוי איינער קעגן אַנדערן און זיך געמאָסטן קעגנזייטיק מיט די בליקן, מיט צעפלאַמטע אויגן, גע-ביילטע פויסטן, ווי צוויי אָנגעלאָדענע האַרמאַטן, וואָס וואַרטן

רק אויפן פונק, כדי אַרויסצושיסן.

— אין וואָס האַנדלט זיך, מיינע הערן? — האָט דער ריכטער געפרעגט, הגם ער איז געווען גוט אינפאָרמירט וועגן דעם ענין.

מר. פאָרסיט האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער:

— איך קום מאָנען מיינע רעכט.

— און איך מיינע — האָט גלייך דר. הודעלסאָן געענטפערט.

דאָס איז געווען אַ באַטויבנדיקער דועט אָן שום פּאַסאַזשן, אין וועלכן ס׳האָט געהערשט אַ פולשטענדיקער דיסאָנאַנס.

מר. פרוט האָט אומגעדולדיק אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש מיט זיין מעסער פון עלפאַנטביין, ווי אַ קאַפּעלמייסטער מיט זיין שטעקעלע, ווען ער וויל איבעררייסן אַן אומדערטרעגלעכע קאַקאַפאָניע.

— וואָס טוט זיך מיט אייך, מיינע הערן! — האָט ער געזאָגט — גיט אָפּ איירע דערקלערונגען איינער נאָכן אַנדערן. לויטן סדר פון אַלף-בית *) גיב איך פריער דאָס וואָרט מר. פאָרסיטן, דערנאָך וועט מר. הודעלסאָן קאָנען רעדן, וויפיל זיין האַרץ גלוסט.

אַזוי-אַרום האָט מר. פאָרסיט גענומען שילדערן דעם ענין דער ערשטער, און דער דאָקטאָר האָט זיך בשעת-מעשה מיט אַלע כוחות באַמיט צו שווייגן.

ער האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט דעם 16-טן מערץ, אַזייגער זיבן מיט זיבנאונדרייסיק מינוט און צוואַנציק סעקונדעס, זייענדיק ביי זיך אויפן טורעם, וואָס אויף דער עליזאַבעט-סטריט, דערזען אַ מעטעאָר, וואָס האָט אַדורכגעשוועבט פון צפון צו דרום צו, ווי אַזוי ער האָט אים אָבסערווירט אַזוי לאַנג, ביז ער איז אינגאַנצן נעלם געוואָרן, און ווי ער האָט, אין עטלעכע טעג

---

*) לויטן לאַטיינישן אַלף-בית איז דער „פּ" פריער ווי דער „ה"

אַרום, אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו דער אָבסערוואַטאָריע אין פּיטסבורג, ווו ער האָט געמאָלדן וועגן דער אַנטדעקונג און אויך באַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז ער איז געווען דער ערשטער אַנטדעקער פונם מעטעאָר.

דר. הודעלסאָן האָט איבערגעגעבן דיזעלבע דערקלערונג, אַזוי אַז דאָס געריכט האָט זיך פון ביידע צדדים ווייניק-וואָס דערוווּסט.

פונדעסטוועגן האָט דער ריכטער געוווּסט מסתמא גענוג, וויבאַלד ער האָט מער קיין דערקלערונגען נישט פאַרלאַנגט. ער האָט בלויז מיט אַן ערנסטער באַוועגונג געהייסן ביידן שווייגן, און ווען עס איז שטיל געוואָרן, האָט ער איבערגעלייענט דעם אורטייל, וועלכן ער האָט פאָרמולירט בעת דער פאַרטיידיקונג פון ביידע קעגנער:

„נעמענדיק אין באַטראַכט, וואָס מר. פאָרסיט טענהט, אַז ער האָט אַנטדעקט דעם מעטעאָר, וואָס האָט זיך דעם 16-טן מערץ זיבן אַזייגער מיט זיבנאונדרייסיק מינוט און צוואַנציק סעקונדעס, באַוויזן איבער וואַסטאָן;

„נעמענדיק אין באַטראַכט, פון דער צווייטער זייט, וואָס מר. הודעלסאָן טענהט, אַז ער האָט באַמערקט דעמזעלבן מעטעאָר אין דערזעלבער שעה, מינוט און סעקונדע..."

— יאָ! יאָ! האָבן געשריגן די אָנהענגער פונם דאָקטאָר, פאַרביילנדיק די פויסטן.

— ניין! ניין! — האָבן געשריגן די אָנהענגער פון מר. פאָרסיט, טופנדיק מיט די פיס.

„נאָר נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז דער גאַנצער סכסוך באַשטייט בלויז אין דעם אונטערשייד פון מינוטן מיט סעקונדעס און אַז ער טראָגט אַן אויסשליסלעך-וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער;

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז עס איז פאַראַן אַ יורידישער פאַראַגראַף, וואָס קלערט-אויף דאָס רעכט צו

דער בכורה פון אַן אַכטראָנאָמישער אַנטדעקונג:
„שטיצנדיק זיך אויף דידאָזיקע מאָטיוון, דערקלערן
מיר אונזער אומקאָמפּעטענץ און מיר פאַרמשפּטן ביידע
צדדים צו דעקן בשותפות די געריכטס-הוצאות.״
דער ריכטער האָט, נאַטירלעך, נישט געקאָנט אַרויסגעבן
קיין אַנדער אורטייל.

אַגב, אפשר איז עס טאַקע געווען דעם ריכטערס כוונה, אויב ער וועט דערוויילע ביידע קעגנער אָפּשיקן מיט גאָרנישט, וועט לפּחות דערווייל נישט קומען צו קיין שטאַרקע ריי-בונגען.

אָבער נישט די קעגנער גופא און נישט זייערע אָנהענגער האָבן נישט געהאַט בדעה אויף אַזאַ אופן צו פאַרענדיקן דעם סכסוך.

אויב מר. פּרוט האָט גערעכנט, אַז ער וועט פּטור ווערן פון דעם ענין דערמיט, וואָס ער וועט דערקלערן זיין אומקאָמ-פּעטענץ, האָט ער אָבער אַ טעות געהאַט.

צוויי שטימען האָבן גלייכצייטיק זיך אַרויסגעריסן פון עולם נאָכן אויסהערן דעם אורטייל.

— איך בעט אַ וואָרט! — האָבן צוזאַמען אויסגערופן מר. פּאָרסיט און דר. הודעלסאָן.

— הגם איך דאַרף זיך לחלוטין נישט אומקערן צו מיין באַשלוס, — האָט דער ריכטער געזאָגט מיט זיין העפלעכן טאָן, וואָס פלעגט אים נישט פאַרלאָזן קיינמאָל, אַפילו בעת די וויכ-טיקסטע אָנגעלעגנהייטן — וויל איך דאָך געבן אַ וואָרט דעם מר. פּאָרסיט און דעם דר. הודעלסאָן, בתנאי, אַז זיי וועלן רעדן איינער נאָכן אַנדערן.

דידאָזיקע פאָדערונג האָט איבערגעשטיגן די מעגלעכקייטן פון ביידע קעגנער.

זיי האָבן גערעדט צוזאַמען מיט אַזאַ שנעלקייט, מיט אַזאַ אומגעצוימטקייט, כדי נישט צוצולאָזן דעם צווייטן צו רעדן פריער.

מר. פרוט האָט געהאַלטן פאַרן בעסטן אויסוועג לאָזן זיי ביידן זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן, וויפיל זיי ווילן.

אַזוי-אַרום האָט ער געקאָנט אָנטאַפּן די באַדייטונג פון זייערע אויספירן.

עס האָט זיך שוין נישט געהאַנדלט וועגן קיין אַסטראָנאָמישן ענין, נאָר וועגן אַ געלט-ענין, וועגן רעכט אויף אייגנטום.

מיט איין וואָרט, אַזוי-ווי דער אַראָפּפאַל פונם מעטעאָר איז געווען אומפאַרמיידלעך, צו וועמען-זשע זאָל ער געהערן? צו מר. פאָרסיטן, אָדער צום דר. הודעלסאָן?

— צו מר. פאָרסיטן! — האָבן געשריגן זיינע אָנהענגער.

— צו מר. הודעלסאָן! — האָבן ווידער זיינע אָנהענגער געשריגן.

מר. פרוט, וואָס זיין פּנים האָט אויפגעלויכטן מיטן מילדן שמייכל פון אַ דענקער, האָט געהייסן שטילשווייגן; עס איז גלייך געוואָרן שטיל, אַזוי גרויס איז געווען אַלעמענס נייגיריקייט.

— מיינע הערן! — האָט ער געזאָגט — לאָזט מיר קודם-כּל געבן אייך אַן עצה. אין פאַל, אויב דער מעטעאָר וועט באמת אַראָפּפאַלן...

— ער וועט אַראָפּפאַלן! — האָבן אָן אויפהער איבערגעחזרט די אָנהענגער פון מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן.

— זאָל זיין אַזוי! — האָט דער ריכטער צוגעגעבן מיט דער פאַרגעבלעכער העפלעכקייט, וואָס איז נישט אַלעמאָל אַ שטריך פון געריכטס-ווען, אַפילו אין אַמעריקע — איך זע נישט אין דעם קיין שום שטערונג, און איך וואָלט בלויז ווילן, ער זאָל נישט אַראָפּפאַלן אויף די בלומען פון מיין גאָרטן.

אין זאַל איז געוואָרן פריילעך. מר. פרוט האָט זיך אומגעקוקט אויף ביידע קעגנער מיט אַ פריינדלעכן בליק. צום באַדויערן, דידאָזיקע פריינדלעכקייט האָט קיין שום פּעולה נישט געהאַט.

עס וואָלט געווען נישט-דער-ערך לייכטער איינצונעמען אויסגעהונגערטע טיגערן, איידער איבערצובעטן דידאָזיקע פּאַר־ביסענע קעגנער.

— אויב אַזוי, — האָט זיך דער פּאַטערלעכער ריכטער אָנגערופן — אַזוי-ווי עס האַנדלט זיך וועגן אַ מעטעאָר, וואָס איז ווערט פינף טויזנט זיבנהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד, ראָט איך אייך, מייגע הערן, זיך דערמיט צו צעטיילן.

— קיינמאָל אין לעבן נישט!

דערדאָזיקער אָפּזאָג האָט זיך געלאָזט הערן פון אַלע זייטן.

קיינמאָל וואָלטן מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן נישט מסכים געווען אויף אַזאַ חלוקה! בלי-ספק, דאָס וואָלט יעדן איינעם פון זיי געטראָגן אַן ערך דריי טריליאָן; אָבער עס זע־נען גאָרנישט בנמצא אַזעלכע טריליאָנען, וואָס זאָלן קאָנען איבערוועגן דעם קאַמף פון דער אייגנליבע.

מר. פּרוט, וועלכער האָט גוט געקאָנט די מענטשלעכע שוואַכקייטן, איז נישט געווען פאַרחידושט, וואָס זיין עצה איז דורך אַלעמען אויפגענומען געוואָרן אויף אַזאַ אופן. דאָס האָט אים אָבער נישט אָראָפּגעפירט פון וועג; ער האָט בלויז גע־וואַרט, ביז עס וועט שטיל ווערן.

— אַזוי-ווי אַ פאַרשטענדיקונג איז אויסגעשלאָסן, — האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום אָנגערופן, — וועט דאָס געריכט אַרויסגעבן אַן אורטייל.

ביי דידאָזיקע ווערטער איז, ווי אונטער דער ווירקונג פון אַ צויבער-שטעקעלע, געוואָרן זייער שטיל, און קיינער האָט נישט געשטערט מר. פּרוטן צו דיקטירן מיט אַ רויִקער שטים דעם שרייבער.

„דאָס געריכט,

„אויסהערנדיק ביידע צדדים מיט זייערע אויספירן און פאַרטיידיקונג;

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די געבראַכטע מאָ־

טיון האָבן דעמזעלבן ווערט ביי ביידע צדדים און שטיצן זיך אויף דיזעלבע אָנהויבן פון דער ראיה;

„נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די אַנטדעקונג פונם מעטעאָר איז אומבאַדינגט פאַרבונדן מיטן אייגנטום-רעכט, און אַז דאָס רעכט שווייגט אין דעם פאַל, און אַז אין דעם פאַל זענען אויך נישטאָ קיין שום אַנאַלאָגישע געזעצן;

„אַז די אויספירונג פון דעמדאָזיקן כלומרשטן אייגנ-טום-רעכט וואָלט, צוליב די אויסנאַמלעכע פאַרהעלטענישן פון דעם ענין, אָנגעטראָפן אויף אומגעהייערע שוועריקייטן, און אַז יעטוועדער אורטייל וואָלט געקאָנט בלייבן בלויז אַ טויטער אות, וואָס עס וואָלט געקאָנט, צום גרויסן שאָדן פון די יסודות, אויף וועלכע יעדע ציוויליזירטע געזעל-שאַפט שטיצט זיך, פאַרקלענערן ביי דער עפנטלעכקייט די וואָג פון דעם געמשפטן אָביעקט;

„אַז מען מוז אין אויסנאַם-פאַלן האַנדלען פאָרזיכ-טיק און באַדאַכט;

„נעמענדיק אויך אין באַטראַכט, אַז דער ענין, נישט געקוקט אויף די פאָרזיכערונגען פון ביידע צדדים, שטיצט זיך אויף אַ השערהדיקן פאַקט, וועלכער קאָן אויך נישט פאַרווירקלעכט ווערן;

„אַז דער מעטעאָר קאָן, אַגב, אַראָפּפאַלן אין ים אַריין, וואָס פאַרנעמט דריי פערטל פון דער ערד;

„אַז אין ערשטן און צווייטן פאַל קאָן דער ענין נישט דורכגעפירט ווערן צוליבן מאַנגל אין דער סיבה פון סכסוך;

„צוליב דידאָזיקע סיבות — לייגט אָפּ דאָס געריכט דעם ענין ביז דער צייט, ווען דער מעטעאָר וועט אַראָפּ-פאַלן און ביז מען וועט דעמדאָזיקן פאַקט אויף אַ געעריקן אופן פעסטשטעלן."

— פונקט! — האָט דיקטירט מר. פרוט, וועלכער האָט

זיך בשעת-מעשה אויפגעהויבן פון פּאָטעל.

די זיצונג איז געווען געענדיקט.

די פאַרזאַמלונג איז געווען אונטערן רושם פון מר. פּרוטס קלוגן אורטייל.

באמת, פאַרוואָס זאָל דער מעטעאָר, אַ שטייגער, נישט קאָנען אַריינפאַלן אין ים אַריין,ווו קיינער וועט אים שוין נישט קאָנען אַרויסנעמען? און פון דער צווייטער זייט, — וואָס פאַר אַן „אומבאַזיגבאַרע שווערקייטן" איז דער ריכטער אויסן געווען? וואָס האָבן באַדייט דידאָזיקע געהיימנישפולע ווערטער?

דאָס אַלץ האָט באַוועגט צום טראַכטן, און די באַדאַכטונג שטילט-איין ס׳רוב די צערייצטע געמיטער.

מען דאַרף אָננעמען, אַז מר. פּאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן זיך נישט באַדאַכט, וויבאַלד זיי האָבן זיך לחלוטין נישט באַרויקט. פאַרקערט, פון ביידע עקן זאָל האָבן זיי איינער קעגן אַנדערן געביילט די פויסטן און געטענהט צו זייערע אָנהענגער.

— איך האַלט זיך אָפּ, נישט צו באַצייכענען דעמדאָזיקן אורטייל מיטן ריכטיקן נאָמען — האָט מר. פּאָרסיט מיט אַן אויפגערעגטער שטים געשריגן — ער האָט פּשוט קיין זין נישט!

— דער אורטייל איז אַן אומזין! — האָט זיך גלייכצייטיק געריסן אויפן קול דר. הודעלסאָן.

— זאָגן, אַז מיין מעטעאָר וועט נישט אַראָפּפאַלן!

— צווייפלען אינם פאַל פון מיין מעטעאָר!

— ער וועט אַראָפּפאַלן דאָרט, ווו איך האָב אָנגעוויזן!

— איך האָב אָנגעצייכנט דעם אָרט, ווו ער וועט פאַלן!

— און אַזוי-ווי מ׳האָט מיר נישט אָנערקענט מיינע רעכט...

— און אַזוי-ווי מ׳האָט מיך אָפּגעזאָגט...

— וועל איך פאַרטיידיקן מיינע רעכט ביזן סוף, און איך פאָר אַרויס נאָך היינטיקן אָוונט...

— וועל איך נישט אויפהערן צו פאַרטיידיקן מיינע רעכט,

און איך פאַר היינט אַרויס...

— קיין יאַפּאַן! — האָט מר. פּאַרסיט אַ הילך געטאָן.

— קיין פּאַטאַגאָניע! — האָט דר. הודעלסאָן אַ דונער געטאָן.

— הורא! — ד׳האָבן גלייכצייטיק אויסגעשריען ביידע לאַגערן.

ווען אַלע האָבן זיך שוין געפונען אין גאַס, האָט זיך דער עולם צעטיילט אויף צוויי גרופּעס, צו וועלכע עס זענען נאָך צוגעקומען די טשיקאַווע דורכגייער — די, וואָס האָבן זיך נישט געקענט אַריינקריגן אין געריכטס־זאַל. עס איז געווען וואָס צו באַוווּנדערן; געוואַלדן, אַרויספאָדערונגען, דראָונגען! און ביז מעשים איז, משמעות, געווען גאָר נישט ווייט, ווייל די אָנהענגער פון מר. פּאַרסיט האָבן בלויז געוואַרט אויף דער געלעגנ־הייט צו לינטשן דר. הודעלסאָנען, און די אָנהענגער פון דר. הודעלסאָן וואָלטן גערן געלינטשט מר. פּאַרסיטן, וואָס עס וואָלט געווען אַן עכט־אַמעריקאַנישער אופן פון ערליידיקן דעם ענין.

צום גליק, האָט די מאַכט אָנגענומען געעריקע פּאָרזיכטי־קייטס־מיטלען.

די פּאָליציי האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום עולם גאַנץ שנעל און קאַטעגאָריש און פאַנאַנדערגעשיידט די קעמפּער.

ווען די קעגנער האָבן זיך דערווייטערט איינער פון אַנדערן, איז דער קינסטלעכער גרימצאָרן זייערער שוואַכער גע־וואָרן. נאָר אַזוי־ווי זיי האָבן געמוזט האָבן עפּעס אַ תירוץ צו טומלען, — האָבן זיי אויפגעהערט צו זידלען דעם פירער פון שונא און גענומען לויבן ביז אין הימל אַריין דעם אייגענעם אָפּגאָט.

— זאָל לעבן מר. פּאַרסיט!

— זאָל לעבן הודעלסאָן!

דידאָזיקע אויסגעשרייען האָבן זיך באַגעגנט און צוזאַמען געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דונער. אינגיכן זענען זיי פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין איין גרויסע ריטשעניש.

— צום וואָקזאַל! — האָבן אַלע איינשטימיק געשריען.

אין איין רגע האָט דער עולם פון זיך אַליין געשאַפן צוויי צוגן, וואָס זענען קווער אַדורכגעגאַנגען דעם קאָנסטיטוציע-פּלאַץ, אויף וועלכן עס איז שוין מער נישט געשטאַנען דער לופט-באַלאָן פון וואָלטער וראַג. אין דער שפּיץ פון איין צוג איז געגאַנגען מר. פּאַרסיט, אין שפּיץ פון צווייטן — דר. הודעלסאָן.

די פּאָליציי, נאָכן באַזייטיקן די געפאַר, האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דער אַלגעמיינער אויפרעגונג. אין דער אמתן איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן פאַר קיין פּאָרפאַלן, ווייל מר. פּאַרסיט האָט מיט טריומף געפירט זיין צוג צום מערב-וואָקזאַל, פון וואַנען מען איז געפאָרן קיין סאַן-פראַנציסקאָ און קיין יאַפּאַן, און דר. הודעלסאָן האָט אויך מיט נישט ווייניקער יובל געפירט זיין צוג צום מזרח-וואָקזאַל, פון וואַנען מען פאָרט אָפּ קיין ניו-יאָרק און ווייטער קיין פּאַטאַגאָניע.

ביסלעכווייז זענען די געשרייען שטילער געוואָרן, ביז זיי האָבן אין דער ווייט אויפגעהערט.

מר. דזשאָן פרוט, וועלכער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון זיין הויז און זיך געוויילט מיטן אָנבליק פונם צעיושעטן המון, האָט זיך ערשט דעמאָלט דערמאָנט, אַז ס'איז צייט צו פרישטיקן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט און געוואָלט אַריינגיין אין שטוב אַריין, נאָר אין דעם מאָמענט האָט אים אָפּגעשטעלט אַ געוויסער דזשענטלמען מיט זיין פרוי, וואָס האָבן געמוזט אומגיין דעם פּאַרק אַרום-און-אַרום, כדי צו אים צוצוקומען.

— איין וואָרט, הער ריכטער — האָט זיך אָנגערופן דער דזשענטלמען.

— צו אייער דינסט, הערשאַפט סטענפאָר — האָט מר. פרוט העפלעך געענטפערט.

— הער ריכטער, — האָט זיך מר. סטענפאָר ווידער אָנגערופן — ווען מיר זענען מיט צוויי חדשים צוריק געקומען צו אייך, האָבן מיר עס געטאָן מיטן צוועק חתונה צו האָבן.

— און דעמדאָזיקן פאַל האָב איך צו פאַרדאַנקען, — האָט מר: פרוט דערקלערט — וואָס איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אייך צו דערקענען.

— און איצט, הער ריכטער, — האָט מר. סטענפאָר צוגעגעבן — קומען מיר צו אייך, כּדי זיך צו גטן.

דער ריכטער, אַ דערבײַענער מענטש, האָט פאַרשטאַנען, אַז איצט איז נישט קיין פּאַסיקע געלעגנהייט צו מאַכן שלום צווישן זיי.

— דאָך פרייט עס מיך זייער, וואָס איך קען ביי דער־דאָזיקער געלעגנהייט באַנייען מיין באַקאַנטשאַפט מיט אייך — האָט ער געזאָגט.

ביידע האָבן זיך פאַרנויגט.

— זייט אַזוי פריינדלעך און קומט אַריין — האָט דער ריכטער העפלעך געזאָגט.

— צי איז עס דווקא נויטיק? — האָט מר. סטענפאָר געפרעגט, ווי מיט צוויי חדשים צוריק.

און מר. פרוט האָט, ווי מיט צוויי חדשים צוריק, רויק געענטפערט:

— ניין.

ס׳איז פשוט געווען אוממעגלעך צו זיין נאָכגיביקער. אייבעריקנס, הגם אין דעם פאַל זענען די מאָטיוון געווען פשוט נאַרישע, פונדעסטוועגן איז נישט שווער זיך צו גטן אין דער גרויסער רעפּובליק פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

דאַכט זיך אַפילו, אַז קיין זאַך קומט נישט אָן אַזוי לייכט ווי אַ גט, און אַז דווקא דעם גט איז אַ סך גרינגער דורכצופירן, איידער אַ חתונה, אין דער משונהדיקער אַמעריקאַנער מדינה. אין אַנדערע שטאַטן איז גענוג צוצושטעלן אַ באַשייניקונג פון אַ פיקטיוון וווינאָרט, און מען דאַרף זיך אַפילו נישט צושטעלן פערזענלעך, כּדי צו באַקומען אַ גט. ספּעציעלע ביוראָס פאַרנעמען זיך מיט דידאָזיקע ענינים, און אַנדערע זענען אַפילו דערמיט באַרימט.

הערשאַפט סטענפאָר האָבן נישט באַדאַרפט צו זיי אָנקו־
מען. זיי האָבן אַלע נויטיקע פּאַרמאַליטעטן באַזאָרגט אין ריש־
מאָנד, אינם שטאַט ווירגיניע, אין זייער פאַקטישן וווינאָרט. און
אויב זיי האָבן זיך איצט געפונען אין וואַסטאָן, איז עס בלויז
דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוואָלט איבעררייסן זייער בונד אין
דערזעלבער שטאָט, ווו זיי האָבן אים געשלאָסן.

— צי זענען אַלע פאָרמאַליטעטן באַזאָרגט? — האָט דער
ריכטער געפרעגט.

— אָט זענען מיינע דאָקומענטן — האָט געזאָגט פרוי
סטענפאָר.

— און אָט זענען מיינע — האָט מר. סטענפאָר געענט־
פערט.

מר. פרוט האָט גענומען אין האַנט די פאַפירן, אַריינגעז־
קוקט און זיך איבערצייגט, אַז זיי זענען אין אָרדענונג. דאַן
האָט ער בלויז געענטפערט:

— אָט איז פאַרטיק דער גט־אַקט, עס וועט זיין גענוג
בלויז אַריינצושרייבן די נעמען און אונטערצושרייבן. נאָר איך
ווייס נישט, צי מיר וועלן עס קענען דאָ.

— צי קען איך אייך פאָרלייגן דידאָזיקע אויסגעצייכנטע
פעדער? — האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד מר. סטענפאָר,
דערלאַנגנדיק דעם ריכטער אַ פעדער.

— און דעמדאָזיקן קאַסטן, וואָס וועט אונז אינגאַנצן פאַר־
טרעטן אַ טיש — האָט צוגעגעבן פרוי סטענפאָר, נעמענדיק פון
איר דינסט־מיידל אַ גרויס פלאַך קעסטל, וואָס זי האָט דערלאַנגט
דעם ריכטער.

— איר האָט אויף אַלץ אַ תשובה — האָט דער ריכטער
געזאָגט און גענומען אויסשרייבן דעם אַקט.

ווען ער האָט געענדיקט, האָט ער דערלאַנגט די פעדער
דער פרוי סטענפאָר. אָן שום וואַקלעניש האָט זי אונטערגעשריבן:
אַרקאַדיע וועלקער.

מיט דערזעלבער קאַלטבלוטיקייט האָט מר. סטענפאָר אונ־

פֿערגעשריבן זיין נאָמען.

דאַן האָט יעדערער פֿון זיי, ווי מיט צוויי חדשים צוריק, דערלאַנגט דעם ריכטער צו באַנקנאָט פֿון פֿינפֿהונדערט דאָלאַר.

— אַלס האָנאָראַר — האָט מר. סטענפֿאָר געזאָגט.

— פֿאַר אָרעמע! — האָט צוגעגעבן פֿרוי אַרקאַדיע וועלקער.

זיי האָבן זיך נישט פֿאַרזאָמט, נאָר פֿאַרנויגט זיך פֿאַרן ריכטער, דאַן איינער דעם צווייטן און אָפּגעפֿאָרן, נישט אומקוקנדיק זיך צומאָל: — איינער אין דער ריכטונג צו דער פֿאָרשטאָט ווילקאָקס, די צווייטע אין אַ פֿאַרקערטער ריכטונג.

ווען זיי זענען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, איז מר. פּרוט אַריין צו זיך אין שטוב, ווו דער פּרישטיק האָט שוין אויף אים לאַנג געוואַרט.

— דו ווייסט, קעט, וואָס מיר וואָלטן געדאַרפֿט אָנשרייבן אויף מיין שילד? — האָט ער געזאָגט צו זיין דינסט, בעת ער האָט זיך אונטערגעלייגט אַ סערוועט אונטער דער באָרד.

— ניין.

— מען וואָלט געדאַרפֿט אָנשרייבן, אַז: „דאָ האָט מען חתונה אויף פֿערד און מען גט זיך — צופֿוס".

קאפיטל דרייצן.

אין וועלכן עס באווייזט זיך, אין הסכם מיט די פּאָרויסזעונגען פונם ריכטער, מר. דזשאָן פּרוט, אַ דריטער און אויך אַ פערטער קאָנקורענט.

מיר וועלן נישט פּרווון שילדערן דעם טיפן צער פון דער משפּחה הודעלסאָן, ווי אויך די פאַרצווייפלונג פון פראַנס גאָרדאָן.

אַוודאי וואָלט ער זיך קיין איין רגע נישט געוואַקלט און וואָלט איבערגעריסן די באַציִונגען מיט זיין פעטער; ער וואָלט זיך באַגאַנגען אָן זיין הסכמה, ער וואָלט גרינגעשעצט זיין גרימ-צאָרן און וואָלט געטאָן דאָס זייניקע.

אָבער דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן בנוגע זיין פעטער, מר. פּאָרסיט, איז געווען אוממעגלעך צו טאָן מיט דר. הו-דעלסאָן.

אומזיסט האָט זיך פרוי הודעלסאָן באַמיט צו פועלן ביים מאַן, ער זאָל מסכּים זיין, און במילא צו ברעכן זיין באַשלוס; קיין זאַך האָט דעם דאָקטאָר נישט געגומען — נישט קיין בקשות, נישט קיין טענות. אַפילו לו, די קליינע לו, האָט באַ-קומען אַן אָפּזאָג, נישט געקוקט אויף אירע בקשות, צערטלעכ-קייטן און טרערן.

איצט האָט מען אַפילו נישט געקאָנט זיך אומקערן צו נייע באַמיונגען, ווייל דער פעטער מיטן פאָטער, געפּענטעט פון זייער שגעון, זענען אַרויסגעפאָרן אין ווייטע מדינות.

און דאָך — ווי איבעריק עס איז געווען דערדאָזיקער צעדאָפּלטער אַרויספאָר! ווי אומנויטיק עס איז געווען דער גט צווישן מר. סטענפאָר און אַרקאַדיע וועלקער, וואָס זיין סיבה האָט געשטעקט טאָקע אין דער ריכטיקייט אָדער אומריכטיקייט פון די ביידע אַסטראָנאָמען!

ווען דידאָזיקע פיר מענטשן וואָלטן אָפּגעוואַרט נישט מער, ווי פיראונצוואַנציק שעה, וואָלטן זיי שוין גאָר אַנדערש געווען געהאַנדלט.

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן די וואַסטאָנער צייטונגען אָפּ-געדרוקט אַן אויפרוף מיט דער אונטערשריפט פון לעווענטאַלן, דעם דירעקטאָר פון דער באַסטאָנער אָבסערוואַטאָריע — אַן אויפרוף, וואָס האָט אינגאַנצן געענדערט די לאַגע. דערדאָזיקער אויפרוף, וועלכן מיר ברענגען דאָ ווייטער, האָט נישט געקאַרגט קיין לויב-געזאַנגען די ביידע אַסטראָנאָמען.

אָט איז דער אינהאַלט:

„די ידיעה, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן די לעצטע טעג דורך די צוויי אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער פון וואַסטאָנען, האָט אומגעווינלעך צערייצט די געמיטער פון דער עפנטלעכער מיינונג. די פליכט דיקטירט אונז, מיר זאָלן פאַרריכטן זייערע פעלערן.

„איך וועל זיך, אַלזאָ, דערלויבן אויסצודריקן מיין פאַרדרוס, למאַי אַזעלכע וויכטיקע ידיעות ווערן לייכטזי-ניק צעפּויקט, אָן דער פריערדיקער קאָנטראָל פון אמתע געלערנטע. און אַזעלכע געלערנטע פעלן נישט אין אונזער מדינה. זייער וויסנשאַפט, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן מיט לויבווערטע דאָקומענטן, האָט אַן אָנווענדונג אין אַסאַך אָפיציעלע אָבסערוואַטאָריעס.

„אַוודאי איז אַ גרויסער כבוד דער ערשטער צו

דערזען אַ הימל. קערפּער, וואָס איז אויף אַזוי ווייט העפּ-
לעך, אַז עס גייט פאַרביי פּונקט איבערן זע-פעלד פון
אונזערע טעלעסקאָפּן. אָבער דערדאָזיקער גינסטיקער צו-
פאַל איז נישט בכוח צו פאַרוואַנדלען מיטאַמאָל קיין
געוויינלעכע ליבהאָבער אין פּראָפעסיאָנעלע מאַטע-
מאַטיקער.

„אויב מען פאָלגט נישט דעם געזונטן שכל און מען
כאַפּט זיך לייכטזיניק צו וויכטיקע פראַגן, וואָס פאָדערן
די נויטיקע קאָמפּעטענץ, איז מען אויסגעשטעלט טאַקע
אויף צו באַגיין אַזעלכענע מיני פעלערן, וועלכע מיר האַלטן
פאַר אונזער חוב דאָ אָנצוווייזן.

„אמת איז, אַז דער לויף פונם מעטעאָר, מיט וועלכן
עס באַשעפטיקט זיך איצט די גאַנצע וועלט, האָט זיך אין
אַ געוויסער מאָס געביטן.

„די הערן פאַרסיט און הודעלסאָן זענען אָבער נישט
גערעכט געווען, ווען זיי האָבן זיך צופרידנגעשטעלט בלויז
מיט דערדאָזיקער באַאָבאַכטונג און האָבן אויף איר געשטיצט
זייערע אויסרעכענונגען, וואָס זענען, אַגב, פאַלשע. ווען מ'זאָל
אַפילו נעמען אין באַטראַכט דידאָזיקע איינציקע באַאָבאַכ-
טונג זייערע, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ביינאַכט פון
11-טן אויפן 12-טן מאַי, וואָלטן מיר אויך געקומען צו
גאַנץ אַנדערע אויספירן, ווי זיי. אָבער דער ענין זעט בכלל
אויס גאָר אַנדערש. די ענדערונג אינם לויף-קרייז פון דעם
מעטעאָר האָט זיך נישט אָנגעהויבן און אויך נישט געענ-
דיקט אין דער נאַכט פון 11-טן אויפן 12-טן מאַי. די
ערשטע ענדערונג איז פאָרגעקומען דעם 10-טן מאַי, און
וואָס-ווייטער, זעט מען אַלץ נייע ענדערונגען.

„צוליב דערדאָזיקער ענדערונג — אָדער בעסער גע-
זאָגט: ענדערונגען — איז ראשית, דערנענטערט זיך דער
מעטעאָר צו דער ערד, און צווייטנס, ענדיקט זיך די
ריכטונג זיינע. דעם 17-טן מאַי האָט זיך דער מרחק פונם

מעטעאָר פאַרקלענערט מיט 78 קילאָמעטער אומגעפער, און דער וועג האָט זיך אָפּגענויגט אויף אַ בויגן פון 55 מינוט.

„דידאַזיקע דאָפּלטע ענדערונג לגבי דעם פריערדיקן מצב איז נישט פאַרגעקומען מיטאַמאָל. פאַרקערט, זי איז דער סכום פון אַ גרויסע צאָל קליינע ענדערונגען, וואָס האָבן זיך צוזאַמען פאַרייניקט, פון דעם 10-טן מאַי אָן.

„ביז איצט איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן די סיבה פון דערדאָזיקער ענדערונג. אין הימל זעט מען גאָר־נישט, וואָס זאָל עס באַרעכטיקן. די פאַרשונגען קומען פאָר ווייטער, און עס איז קיין ספק נישט, אז אינגיכן וועלן זיי דערפירן צו גינסטיקע רעזולטאַטן.

„ווי עס זאָל נישט זיין, איז פריצייטיק צו רעדן וועגן דעם אַראָפּזינקען פונם אַסטעראָיד און נאָכמער — אָנצוווייזן דאָס אָרט און די צייט פון זיין פאַל. פאַר־שטייט זיך, אז אויב די אומבאַקאַנטע סיבה, וואָס ווירקט אויפן מעטעאָר, וועט אויך ווייטער האָבן אויף אים די־זעלבע ווירקונג, איז דער פאַל אַן אומפאַרמיידלעכער, — אָבער דאָס באַרעכטיקט אונז נאָך נישט אַרויסצוזאָגן דאָס אויף זיכער. איצט האָט זיך זיין שנעלקייט, משמעות פאַרגרעסערט, ווייל ער צייכנט אַ קלענערן קרייז. דער־ווייל וואָלט ער, אַלזאָ, נישט געהאַלטן ביים אַראָפּפאַלן, ווען דידאָזיקע קראַפט, וואָס ווירקט אויף אים, זאָל אויפ־הערן ווירקן.

„אין קעגנפאַל, אַזוי־ווי די באַמערקטע ענדערונגען אינעם מעטעאָר זענען ביז איצט נישט קיין גלייכע, און די אונטערשיידן שטימען נישט, דאַכט זיך, מיט קיין שום געזעץ, — איז הגם מיר קאָנען פאַרויסזען זיין פאַל, קע־נען מיר אָבער בשום־אופן נישט פעסטשטעלן, נישט זיין אָרט און נישט די דאַטע.

„בקיצור, דער פאַל פונם מעטעאָר שיינט צו זיין אַ

פאַרשיינלעכער, אָבער נישט קיין זיכערער. יעדנפאַלס וועט עס נישט פאָרקומען אַזוי גיך.

„מיר ראַטן דעריבער צו זיין רויק, ווייל די פאַרווירקלעכונג פון דער השערה קאָן אויך נישט האָבן קיין שום פראַקטישע באַדייטונג. אגב, וועלן מיר אויך אויף ווייטער ברענגען דעם לעזער טאָג־טעגלעכע ידיעות וועגן דעם לויף פון די געשעענישן".

צי האָבן זיך מר. סטענפאָר און אַרקאַדיע וועלקער דערוווסט וועגן די אויספירן פון לעווענטאַלן, בלייבט אַ סוד. מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן — איינער אין סט. לואי, אינם שטאַט מיסורי, און דער צווייטער אין ניו־יאָרק — האָבן איבערגעלייענט די באַליידיקונג, וואָס קעגן זיי האָט געוואָרפן דער דירעקטאָר פון דער באָסטאָנער אָבסערוואַטאָריע. זיי האָבן זיך פאַרשעמט, גלייך מ'וואָלט זיי אָפּגעשמיסן.

עס איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי־נאָר אַריבערצוטראָגן דידאָזיקע חרפּה. מען קאָן זיך נישט גיין אַמפערן מיט אַזאַ געלערנטן, ווי ה' לעווענטאַל. מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן זיך אומגעקערט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ קיין וואַסטאָן.

מר. פאָרסיט האָט רעזיגנירט פון זיין בילעט קיין סאַן־פראַנציסקאָ, און מר. הודעלסאָן האָט איבערגעלאָזט דער שיפס־געזעלשאַפט די שוין איינגעצאָלטע סומע פאַר אַ קאַיוטע קיין בוענאָס־איירעס.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, האָבן זיי זיך גענומען ווידער צו זייער אַרבעט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז לעווענטאַל האָט געהאַט רעכט, ווייל זיי האָבן מיט גרויס מי געפונען דעם בלאָנדזשענדיקן מעטעאָר, וועלכער איז גאָרנישט געווען אויף דעם אָרט, ווו זיי האָבן געהאַט אויסגעחשבונט.

אינגיכן האָבן מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן דערשפּירט

די רעזולטאַטן פון זייער פעלער. ווו זענען אַהינגעקומען די טריומף-צוגן לכבוד זיי? דער עולם האָט זיך, משמעות, אָפּגע־קערט פון זיי. ווי שטאַרק האָט זיי איצט ווי געטאָן די פאַר־לירונג פון זייער פּאָפּולאַריטעט, וואָס האָט זיי אַזוי באַ־רוישט!

אָבער נאָך אַ גרעסערע דאגה האָט זיי פאַרנומען איצט. ווי דער ריכטער דזשאָן פּרוט האָט פאָרגעזען, האָט זיך צום קאַמף געשטעלט אַ דריטער קאָנקורענט. אין אָנהויב האָט מען גערעדט פון אים ווייניק, איינגיכן אָבער איז דער קלאַנג געוואָרן אַן אָפיציעלער פאַקט, באַרימט אין גאָר דער וועלט.

דערדאָזיקער קאָנקורענט האָט פאַרייניקט אין זיך די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט, און דערפאַר טאַקע איז שווער געווען מיט אים צו קעמפן.

ווען מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן זאָלן נישט זיין אַזוי פאַרבלענדט אין זייער צאָרן, וואָלטן זיי באַלד לכתחילה גע־קאָנט פאָרויסזען, אַז ער וועט קומען.

אָנשטאָט צו פירן צווישן זיך לעכערלעכע פּראָצעסן, וואָלטן זיי זיך אָפן געזאָגט, אַז די רעגירונגען פון דער גאַנצער וועלט וועלן זיך זיכער פאַרנעמען מיט די מיליאַרדן, וואָס קאָנען מיט־ברענגען מיט זיך אַ געוואַלדיקע עקאָנאָמישע רעוואָלוציע. אָבער מר. פאָרסיטן און דר. הודעלסאָנען איז נישט איינגעפאַלן דער־דאָזיקער איינפאַכער, נאַטירלעכער געדאַנק, און דערפאַר טאַקע האָט זיי געטראָפן ווי אַ דונער די ידיעה, אַז עס ווערט צו דעם צוועק צונויפגערופן אַן אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ.

זיי זענען אַוועקגעלאָפן נאָכקאָנטראָלירן די ידיעה. זי איז געווען אַ ריכטיקע.

מען האָט אַפילו אויסגערעכנט די מיטגלידער פון דער־דאָזיקער קינפטיקער קאָנפערענץ, וואָס וועט זיך דאַרפן צונויפ־קומען אין וואַשינגטאָן, אין אַ שפּעטערדיקערן טערמין, ווי מען האָט זיך געוווּנטשן, צוליב דער ווייטער נסיעה, וועלכע געוויסע דעלעגאַטן האָבן געהאַט אַדורכצומאַכן.

פונדעסטוועגן האָבן די צוגעאײַלטע מלוכות באַשלאָסן איינצואָרדנען אין וואַשינגטאָן אַ פּאַר-פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון די אַמעריקאַנישע און פרעמדע דיפּלאָמאַטן. די אויסערגע-וויינלעכע דעלעגאַטן האָבן געדאַרפט אָנקומען בעת די צוגריי-טונגס-באַראַטונגען, אויף וועלכע מ׳האָט געדאַרפט צוגרייטן דעם באָדן, כדי די קאָנפערענץ זאָל זיין גוט אָרגאַניזירט און זאָל פון דער ערשטער זיצונג אָן צוטרעטן צום גרייטן פראָגראַם.

עס איז שווער צו פאָדערן, אַז מיר זאָלן אויסרעכענען אַלע מלוכות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער קאָנפערענץ. ווי מיר האָבן שוין אָנגעמערקט, האָט זיך דאָ באַטייליקט די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט.

קיין איין מלוכה און רעפּובליק זענען נישט געבליבן גלייכגילטיק צום סכסוך, און יעדע פון זיי האָט אַרויסגעשיקט אַ דעלעגאַט, אָנהויבנדיק פון רוסלאַנד מיט כינע, וואָס זענען געווען רעפּרעזענטירט דורך איוואַן סאַראַטאָוון פון ריגע און זיין עקסעלענץ לי-מאַאָ-טשי, — אַזש ביז די קליינינקע רעפּובליקן סאַן-מאַרינאָ און אַנדאָראַ, וואָס זייערע אינטערעסן האָבן פאַר-טרעטן בעוואַראַדזשי און ראַמאָנטשאָ.

כלערליי אַמביציעס און האָפנונגען — אַלץ איז געווען באַרעכטיקט, ווייל קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו דער מע-טעאָר וועט אַראָפּפאַלן, אויב ער וועט אַראָפּפאַלן בכלל.

די ערשטע צוגרייטונגס-פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 25-טן מאַי אין וואַשינגטאָן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פונם ענין פאָרסיט-הודעלסאָן, וועלכן מען האָט אין משך פון פינף מינוט דערליידיקט, דהיינו: מען האָט באַשלאָסן, אַז דער ענין בלייבט דערווייל אַזוי ווי געווען.

די צוויי אַסטראָנאָמען-ליבהאָבער, וואָס זענען ספּעציעל געקומען צו פאָרן, האָבן זיך אומזיסט באַמיט, מען זאָל זיי אויס-הערן; מען האָט זיי פשוט אַרויסגעבעטן. מען קאָן זיך פאָר-שטעלן, אין וואָס פאַר אַ שטימונג זיי האָבן זיך אומגעקערט

קיין וואַסטאָן.

אָבער מיר מוזן פעסטשטעלן לֿמען־האמת, אַז זייערע באַשולדיקונגען האָבן דעם מינדסטן אָפּקלאַנג נישט געפֿונען. די פּרעסע, וואָס האָט זיי אַזוי לאַנג מכבד געווען מיט שבחים, האָט זיי מער אַפֿילו נישט דערמאָנט. שוין גענוג געווען די טיטלען: „חשובער וואַסטאָנער בירגער", „באַרימטער אַסטראָנאָם", „באַשיידענער און גרויסער מאַטעמאַטיקער" אדג"ל. דער טאָן פֿון דער פּרעסע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט.

„צוליב וואָס זענען זיי געקומען קיין וואַשינגטאָן, די בעלי־גאווה?... דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן די ערשטע געמאָלדן וועגן דעם מעטעאָר?... טאָ וואָס־זשע איז? ציט זיי דערדאָזיקער צופֿאַל וואָסערע־נישט־איז רעכט?... ציהאָבן זיי גורם געווען, אַז דער מעטעאָר זאָל אַראָפּפֿאַלן?.. באמת, נישט כדאַי צו פֿאַרלירן קיין צייט אויף אַזעלכע לעכערלעכע תביעות".

אָט אַזוי האָט זיך איצט אויסגעדריקט די פּרעסע.

ווען מ'האָט ערלײדיקט דעמדאָזיקן ענין, האָט מען זיך גענומען פעסט צו דער ריכטיקער אַרבעט.

קודם־כּל האָט מען געווידמעט עטלעכע זיצונגען אויף צוזאַמענצושטעלן אַ רשימה פֿון די מלוכות, וועלכע מען וועט אָנערקענען פֿאַר באַרעכטיקטע זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפֿערענץ.

אַסאַך פֿון זיי האָבן נישט געהאַט קיין באַפֿולמעכטיקטע פֿאָרשטייער אין וואַשינגטאָן. זיי אַלע האָט מען געגעבן דאָס רעכט מיטצואַרבעטן ערשט דעמאָלט, ווען די קאָנפֿערענץ וועט באַרירן די פּרינציפּיעלע ענינים.

צוזאַמענשטעלן די רשימה איז געווען לײַכט, און דער אימפּעט, מיט וועלכן מען האָט זיך דערצו גענומען, האָט דערוועקט מורא אויף דער צוקונפֿט. דערווײַל איז דעם 1־טן יוני פֿאָרגעקומען אַן אומגעוויינלעכע פֿאַסירונג, וואָס האָט אַלעמען באַאומרויִקט.

אין הסכּם מיט זיין צוזאָג, האָט לעווענטאַל טאָג-טעגלעך געבראַכט ידיעות אין די צייטונגען וועגן דעם מעטעאָר. דידאָזיקע ידיעות זענען ביז איצט געווען נישט קיין אויסערגעוויינלעכע. זיי האָבן בלויז פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, אַז דער לויף פונם מעטעאָר נעמט-אָן געוויסע קליינע ענדערונגען, וואָס האָבן ביסלעכווייז געפירט צו זיין פאַל. דאָך האָט מען עס נאָך נישט געקענט האַלטן פאַר קיין זיכערן פאַקט.

אָבער דער אויפרוף פונם 1-טן יוני איז געווען גאָר אַן אַנדערער.

מען האָט געקענט מיינען, אַז די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען מיטן מעטעאָר, פאַרמאָגן אין זיך עפּעס אָנשטענדיקס, אויב מ׳זאָל זיך רעכענען מיט לעווענטאַלס אומרויִקייט.

„נישט אָן אויפרעגונג — האָט ער דעמדאָזיקן טאָג געשריבן — גיבן מיר צו וויסן דער עפנטלעכקייט, אַז מיר זענען געווען עדות פון אַזעלכע מערקווירדיקע פאַקטן און אַז מיר שטייען פאַר אַזעלכע אומגעוויינלעכע דערשיינונגען, וואָס זענען בכּוח אונטערצוגראָבן דעם פונדאַמענט פון דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט און אַפילו פון דער וויסנשאַפט בכלל, ווייל אַלע מענטשלעכע וויסנשאַפטן זענען איינס. דאָך, הגם מען קען דידאָזיקע דערשיינונגען נישט דערקלערן, מוזן מיר מודה זיין, אַז זיי זענען אָבער גאַנץ זיכערע.

„אונזערע ביז-איצטיקע באַריכטן האָבן צו וויסן געגעבן וועגן די כּסדרדיקע און אומאויפהערלעכע ענדערונגען אינעם לויף פון וואַסטאָנען מעטעאָר, וואָס מען האָט נישט פעסטגעשטעלט נישט זייער סיבה, נישט זייערע געזעצן. דערדאָזיקער פאַקט איז געווען אַ העכסט-אומנאָרמאַלער. דער אַסטראָנאָם לייענט, אייגנטלעך, אין הימל, אַזוי ווי אין אַ בוך, און עס קומט ס׳רוב אויפן הימל נישט פאָר קיין שום זאַך, וואָס ער זאָל זי נישט פאָרויסזען אָדער — לכל-הפּחות — וואָס ער זאָל אירע רע-

זולטאַטן נישט פּאָרויסזען. אַזוי, למשל, ווערן די ליקוי-חמהס, וואָס ווערן פאָרויסגעזאָגט מיט הונדערט יאָר פריער, פאַרווירקלעכט אין דער אָנגעוויזענער סעקונדע, גלייך זיי וואָלטן געווען געהאָרכזאַם דעם באַפעל פון יענעם פאַרשווינדלעכן ווען, וואָס זיין וויסנשאַפט פון דער צוקונפט האָט זיי דערזען אין די נעפלען פון מאָרגן און וואָס שלאָפט שוין מיט אַן אייביקן שלאָף, דאַן, ווען זיין נבואה ווערט מקוים.

„אויב אָבער די אָבסערווירטע ענדערונגען זענען געווען אומנאָרמאַלע, זענען זיי אָבער נישט געווען קיין סתירה צו דער וויסנשאַפט; און אויב זייער סיבה איז געווען אומבאַוווסט, האָבן מיר געקענט לפּחות באַשולדיקן אין דעם די אומפולקומענקייט פון אונזערע עקספּערימענטאַלע מעטאָדן.

„היינט שטעלט זיך פאָר די זאַך אַנדערש. פון אייערנעכטן אָן, ד. ה. פון 30-טן מאַי, איז מיטן מעטעאָר פאָרגעקומען אַ ריי נייע ענדערונגען, וואָס זענען אַ סתירה צו אונזערע אַלגעמיינע וויסנשאַפטלעכע ידיעות. דאָס הייסט, אַז מיר האָבן פאַרלוירן איינמאָל פאַר אַלעמאָל די האָפענונג צו קענען דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונגען, ווייל די אַקסיאָמען, אויף וועלכע אונזערע חשבונות שטיצן זיך, פאַרלירן דאָ אינגאַנצן זייער אָנווענדונג.

„אַפילו אַ ווייניק-געשיקטער פאָרשער האָט לייכט געקענט באַמערקן, אַז בעת דער מעטעאָר איז דעם 30-טן מאַי דורכגעלאָפן צום צווייטן מאָל, האָט ער זיך גאָר, אַנשטאָט זיך צו דערנענטערן צו דער ערד, ווי דאָס איז פאָרגעקומען פון דעם 10-טן מאַי אָן, געצומען איצט פאַרקערט, גאָר דערווייטערן. פון דער צווייטער זייט ווידער האָט זיין לויף-קרייז, וואָס איז, לויט די באַאָבאַכטונגען פון צוואַנציק טעג, געצויגט אין דער ריכטונג צפון-מזרח דרום-מערב, מיטאַמאָל אויפגעהערט אַרויסצווייזן די דערמאָנטע ביינונג.

„דידאָזיקע אומגעריכטע דערשיינונג איז שוין געווען גענוג אומפֿאַרשטענדלעך, ווען מען האָט נעכטן, דעם 30-טן מאַי אין אָוונט, בעתן פֿערטן דורכגאַנג פֿון מעטעאָר נאָך שקיעה, פֿעסטגעשטעלט, אַז זיין לויף-קרייז האָט זיך כּמעט געגנוי אומגעקערט צו זיין פֿריערדיקער צפֿון-דרום-ריכטונג, און דער מרחק פֿון דער ערד איז געבליבן זינט נעכטן דערזעלבער.

„אָט אַזוי זעט אויס די זאַך. די וויסנשאַפֿט איז אומבאַהאָלפֿן בנוגע דער אויסטייטשונג פֿון דידאָזיקע פֿאַקטן, וואָס זעען אויס צו זיין כאַאָטישע, אויב אין דער נאַטור איז בכלל פֿאַראַן אַ כאַאָטישקייט.

„מיר האָבן שוין אין אונזער ערשטן אויפֿרוף אויפֿגעוויזן, אַז דער פֿאַל פֿונם מעטעאָר איז נאָך, אמת, נישט זיכער, אָבער יעדנפֿאַלס וואַרשיינלעך. איצט וואָלטן מיר נישט געהאַט שוין דעם מוט אַזוי צו טענהן, און מיר ווילן דאָ בלויז באַשיידן מודה זיין זיך אין אונזער אומוויסן.”

ווען אַן אַנאַרכיסט זאָל אַריינוואַרפֿן אַ באָמבע בעת דער אַקטער זיצונג פֿון דער צוגרייטונגס-פֿאַרזאַמלונג, וואָלט עס נישט אַרויסגערופֿן אַזאַ מהומה, ווי דער אויפֿרוף פֿונם אַסטראָנאָם לעוועגטאַל. מען האָט איינער ביים צווייטן אַרויסגעריסן די צייטונגען, וואָס האָבן געבראַכט די ידיעה מיט געעריקע פּירושים. דער גאַנצער נאָכמיטאָג איז אַוועק מיט אויפֿגערעגטע שמועסן און מיינונגס-אויסטוישן, צום גרויסן שאָדן פֿון דער קאָנפֿערענץ-אַרבעט.

אין די ווייטערדיקע טעג איז געווען נאָך ערגער. די אויפֿרופֿן לעוועגטאַלס זענען געקומען איצט איינע נאָך די אַנדערע, און וואָס ווייטער, אַלץ אויסטערלישער. אין דעם שטערן-באַלעט, וואָס איז געווען אַזוי מייסטערהאַפֿט רעזשיסירט, האָט דער מעטעאָר, וואָלט זיך געקענט דוכטן, געטאַנצט קאַנקאַן, אויסדריקנדיק זיין פֿאַראַכטונג צו כּלערליי געזעצן און מאָס.

זיין לויף-קרייז האָט זיך אָפּגעגייגט דאָ דריי גראַד צו מזרח, דאָ ווידער פיר גראַד צו מערב. אויב ער האָט זיך אין איין פּאַל דערנעענטערט אַביסל צו דער ערד, האָט ער זיך באַלד אין צווייטן דורכגאַנג דערווייטערט פון איר אויף עטלעכע קילאָמעטער. מען האָט באמת געקענט משוגע ווערן!

דערדאָזיקער שגעון האָט ביסלעכווייז באַהערשט די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ. די דיפּלאָמאַטן, נישט זיכער מער אין דער נוצלעכקייט פון זייער דיסקוסיע, האָבן געאַרבעט אָן קעפּ און אָן אַ באַשטימטן ציל.

און דאָך איז די צייט געגאַנגען. צו אַלע וועלט-טיילן זענען מיט דער גאַנצער פּאָמפּע געקומען דעלעגאַטן פון פאַרשידענערליי מלוכות קיין אַמעריקע און קיין וואַשינגטאָן. אַסאַך פון זיי זענען שוין געווען אויפן אָרט, און אײנגיכן האָט זיך זייער צאָל אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערט, אַז מען האָט שוין געקענט אָנהויבן די קאָנפערענץ, נישט וואַרטנדיק מער אויף די איבעריקע. צי זאָלן זיי שטיין פאַר אַ פּראָבלעם, וואָס אפילו זיין ערשטער פּונקט איז נאָך נישט אויפגעקלערט?

די מיטגלידער פון דער צוגרייטונגס-פאַרזאַמלונג האָבן זיך די זאַך שטאַרק גענומען צום האַרצן, און אַ דאַנק אָן אָנגעשטרענגטער אַרבעט איז זיי געלונגען, נאָך אַכט צוגאָב-זיצונגען, צוזאַמענצושטעלן די רשימה פון די מלוכות, וואָס זייערע דעלעגאַטן האָבן געזאָלט צוגעלאָזן ווערן צו די זיצונגען. מען האָט פעסטגעשטעלט זייער צאָל: צוויי און פופציק, ד. ה. פינפאונצוואַנציק פאַר אייראָפּע, זעקס פאַר אַזיע, פיר פאַר אַפריקע און זיבעצן פאַר אַמעריקע.

אַהער האָבן געהערט צוועלף אימפּעריעס, צוועלף קעניגרייכן, צוויי און צוואַנציק רעפּובליקן און זעקס פירשטנטומס. די דאָזיקע מלוכות האָט מען, אַלזאָ, אָנערקענט פאַר די אייבציקע אייגנטימער פון דער ערד-קויל.

עס איז שוין לאַנג געווען צייט, אַז די צוגרייטונגס-פאַרזאַמלונגען זאָלן אָננעמען געוויסע באַשלוסן. די דעלעגאַטן פון

די צווייאונפופציק מדינות, וואָס מען האָט צוגעלאָזט צו די באַראַטונגען, האָבן זיך צוגעשטעלט כּמעט אַלע, און די איבע־ריקע זענען יעדן טאָג צוגעקומען.

די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ האָט זיך צום ערשטן מאָל צונויפגעקליבן דעם 10־יוני, צוויי אַזייגער בייטאָג. אונטער דעם פאָרזיץ פונם עלטסטן ה׳ סאָליעס, פּראָפעסאָר פון אָקעאַ־נאָגראַפיע, דעלעגאַט פון מאָנאַקאָ. מען האָט באַלד דורכגעפירט אַ שטענדיקע פאַרוואַלטונג.

נאָך דער ערשטער אָפּשטימונג האָט מען פאַר אַ פאָרזי־צער, צוליב העפלעכקייט פאַרן לאַנד, אין וועלכן די קאָנפע־רענץ־מיטגלידער זענען געווען געסט, אויסגעקליבן מר. הערוויי אַ באַרימטן יוריסט, פאָרשטייער פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

ערגער איז געווען מיטן וויצע־פאָרזיצער. לסוף האָט מען, בדרך קאָמפּראָמיס, אויסגעקליבן סאַראַטאָוון, דעם דעלעגאַט פון ריגע.

די פראַנצויזישע, ענגלישע און יאַפּאַנישע דעלעגאַטן האָט מען נאָמינירט פאַר סעקרעטאַרן.

ווען מ׳האָט ערלעדיקט די פאָרמאַליטעטן, איז דער פאָר־זיצער אַרויסגעטרעטן מיט אַ שיינער רעדע און דאַן געמאָלדן, אַז מען דאַרף אויסוויילן דריי סובקאָמיסיעס, וואָס זייער אויפ־גאַבע וועט זיין צו שאַפן די בעסטע אַרבעטס־מעטאָד פון אַ דרייפאַכיקן שטאַנדפּונקט: פונם נאַציאָנאַלן, עקאָנאָמישן און יו־רידישן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די אָפּשטימונג, ווען דער וועכ־טער איז געקומען צום פאָטעל פונם פאָרזיצער און דערלאַנגט אים אַ דעפּעשע.

מר. הערוויי האָט גענומען לייענען, אָבער וואָס־ווייטער ער האָט געלייענט, האָט זיך אויף זיין פּנים געמאָלן אַלץ אַ גרעסערע פאַרוואונדערונג.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער פול מיט פאַראַכטונג אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען, וואָס עס האָט אים אָבער נישט גע־

שטערט אַ קלונג צו טאָן, כדי אויפמערקזאַם צו מאַכן זיינע חברים.

ווען עס איז געוואָרן שטיל, האָט ער געזאָגט:

— מיינע הערן, איך האַלט פאַר מיין חוב אייך צו מעלדן, אַז איך האָב באַקומען אַ דעפּעשע. איך צווייפל נישט קיין איין רגע, אַז דאָס איז אָדער אַ בייזוויליקער שפּאַס אָדער די אַר־בעט פון אַ משוגענעם. יעדנפאַלס מוז איך אייך איבערלייענען. אָט איז דער אינהאַלט פון דער נישט־אונטערגעחתמעטער דע־פּעשע:

„הער פּרעזידענט,

איך האָב דעם כבוד צו מעלדן דער אינטערנאַציאָ־נאַלער קאָנפערענץ, אַז דער מעטעאָר, וואָס דאַרף דורך אייך אַרומגערעדט ווערן, איז נישט קיין אַלגעמיינער ענין, ווייל ער איז מיין פּריוואַט־אייגנטום. די אינטער־נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ האָט נישט, אַלזאָ, קיין שום עק־זיסטענץ־באַרעכטיקונג, און אויב זי וועט ווייטער פירן אירע באַראַטונגען, וועט די אַרבעט סיי־ווי־סיי אַוועק לאיבוד. מיין ווילן איז עס גורם, אַז דער מעטעאָר זאָל זיך דערנענטערן צו דער ערד, ער וועט אַראָפּפאַלן אויף מיין באָדן און וועט במילא געהערן צו מיר".

— צי איז די דעפּעשע נישט אונטערגעחתמעט? — האָט געפרעגט דער ענגלישער דעלעגאַט.

— נישט אונטערגעחתמעט.

— אויב אַזוי, קען מען איבער דעם אַריבערגיין צו דער טאָג־אָרדענונג — האָט דער דייטשער דעלעגאַט דערקלערט.

— דאָס איז אויך מיין מיינונג, — האָט באַשטעטיקט דער פאָרזיצער — און מיר דאַכט זיך, אַז עס וועט אויך זיין די מיינונג פון אַלע קאָלעגן, ווען איך וועל אָפּשיקן די דעפּעשע גלייך צום אַרכיוו פון דער קאָנפערענץ... צי זענט איר דערויף מסכים, מיינע הערן?... קיינער האָט נישט קעגן דעם?... מיינע הערן, די זיצונג קומט־פאָר ווייטער.

קאַפּיטל פערצן,

אין וועלכן די אלמנה טיבאָ קומט אומבאַדאַכט אין קאָנטאַקט מיט די וויכטיקסטע פּראָבלע-מען פון דער הימל-מעכאַניק און איז דערמיט גורם אַסאַך קאָפּ-דרייעניש דעם באַנקיר ראָבערט לעקער.

פיינע מענטשן טענהן, אַז די זיטן-עוואָלוציע וועט ביסלעכווייז באַזייטיקן די סינעקורן. מיר גלויבן זיי אויפן וואָרט. יעדנפאַלס האָט די סינעקור עקזיסטירט אין דער עפּאָכע פון די מערקווירדיקע פאַסירונגען, וועגן וועלכע עס ווערט דאָ דערציילט.

דידאָזיקע סינעקור האָט געהערט צו דער אלמנה טיבאָ, אַ געוועזענע קצבטע, וואָס איז איצט געווען די דינסט פון זעפּירין קסירדאַל.

די דינסט פון דער אלמנה טיבאָ איז באַשטאַנען בלויז אין אויפרוימען דאָס צימער פונם צעדרייטער וויסנשאַפטלער. אַזוי-ווי די מעבלירונג פונם צימער איז געווען מער ווי באַשיידן, האָט דאָס אויפרוימען די שטוב נישט געקענט בשום-אופן פאַרגליכן ווערן צו הערקולעסעס דרייצנטער אַרבעט. אַגב, האָבן די אַנדערע צימערן אינגאַנצן צו איר נישט געהערט. דער עיקר איז איר נישט דערלויבט געווען אַבסאָלוט, בשום-אופן נישט, אָנצורירן דעם שטויס פּאַפּירן, וואָס זענען געלעגן אַרום; זי האָט, אַלזאָ, די טעטיקייט פון איר בערשטל, אין הסכם מיט אַ בפירושן

אָפּמאַך, געמוזט באַגרענעצן אויף רוימען בלויז אַ קליין װאַנדי־ ראַטל פון דער פּאָדלאָגע, אינמיטן צימער.

די אלמנה טיבאָ, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט אַן איינ־ געבוירענער נייגונג צו אָרדענונג און ריינקייט, דהאָט געליטן, קוקנדיק אויפן כאַאָס, וואָס האָט געהערשט אַרום דעמדאָזיקן קוואַדראַט, און זי איז איינגאַנצן געווען באַהערשט פונם פאַרלאַנג צו מאַכן אַ שטיקל סדר איינגאַנצן צימער. ווען זי איז אַליין געבליבן אין שטוב, האָט זי זיך אָנגענומען מיט מוט דאָס אויס־ צופירן. אָבער זעפירין קסירדאַל איז אומגעריכט צוריקגעקומען און איז אריינגעפאַלן אין אַ שרעקלעכן צאָרן; זיין שטענדיק גוטמוטיק פּנים האָט אויסגעדריקט אַזויפיל בייזקייט, אַז די אלמנה טיבאָ האָט באַקומען נערוון-דערשיטערונג, פון וועלכער זי האָט אַ גאַנצע וואָך נישט געקענט פּטור ווערן. פון דעמאָלט אָן האָט זי קיינמאָל נישט אָנגערירט מער די פאַרבאָטענע טעריטאָריע.

צוליב דידאָזיקע מניעות, וואָס ווירקן שלעכט אויף דער אַנטוויקלונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פעיקייטן, האָט די אַלמנה טיבאָ כמעט נישט געהאַט וואָס צו טאָן. דאָס האָט איר אָבער נישט געשטערט צו פאַרברענגען יעדן טאָג אַ צוויי שעה ביי איר „באַלעבאָס", ווי זי האָט גערופן זעפירין קסירדאַלן, און זי האָט געהאַלטן, אַז דידאָזיקע צייט, וואָס זי גיט אַוועק, זענען פון איר זייט אַ מין ראַפינירטע העפלעכקייט; זיבן פערטל שעה פלעגט זי שטענדיק שמועסן אָדער — בעסער געזאָגט — האַלטן פאַר זיך אַליין אַ מאָנאָלאָג.

צווישן אַלע מעלות אירע, האָט די אַלמנה טיבאָ פאַרמאָגט אַן אומגעהייערע שוואַכקייט צום רעדן. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז איר באַרעדעוודיקייט שטייגט איבער כלערליי השגות. אָבער דאָס איז געווען בייזוויליקע רכילות. זי האָט ליב געהאַט צו רעדן, מער גאָרנישט.

פונדעסטוועגן האָט זי נישט אָנגעשטרענגט איבעריק איר פאַנטאַזיע. זי פלעגט שטענדיק אָנהויבן פון אירע זכרונות וועגן איר משפּחה, דאַן פלעגט זי איבערגיין צו אירע אומגליקן און

דערציילט, ווי טרויעריק עס איז איר גורל, וואָס זי האָט פון אַ קצבטע געמוזט ווערן אַ דינסט.

עס איז איר לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, צי האָט מען שוין געקענט איר רירנדיקע געשיכטע, צי נישט. די אלמנה טיבאָ האָט שטענדיק וועגן דעם דערציילט מיט דערזעלבער ליבשאַפט. נאָכן אויסשעפּן דעמדאָזיקן ענין, פלעגט זי דערציילן פון פאַרשידענע מענטשן, ביי וועלכע זי האָט געדינט. צו די אָנשטעלונגען, מנהגים און לעבנס-שטייגער פון יענע מענטשן, פלעגט זי פאַרגלייכן די האַנדלונג פון זעפירין קסירדאַל און זיך אַרויסזאָגן מיינונגען וועגן אַלע לגנאי אָדער לשבח.

איר באַלעבאָס, וואָס פלעגט איר קיינמאָל נישט ענטפערן, האָט אַרויסגעוויזן אַן אומאויסשעפּלעכע געדולד. אמת, פאַרזונקען אין זיינע מחשבות, האָט ער לחלוטין נישט געהערט איר פּלוידעריי, און דאָס, מוז מען מודה זיין, איז שוין נישט געווען זיין פאַרדינסט.

אָבער ווי עס זאָל נישט זיין, זענען די באַציונגען צווישן זיי לאַנגע יאָרן געווען זייער גוטע, ווייל איינס פלעגט אָן אויפהער רעדן און דאָס צווייטע — קיינמאָל נישט ענטפערן. ביידע זענען, אַלזאָ, געווען צופרידן.

דעם 30-טן מאַי איז די אלמנה טיבאָ, ווי דער שטייגער איז, אַריין אַזייגער ניין אינדערפרי צו זעפירין קסירדאַלן. דער געלערנטער יונגערמאַן איז טאַקע מיט אַ טאָג פריער געהאַט אַרויסגעפאָרן מיט זיין פריינד, מאַרסעל לערוּ, און די דירה איז געווען ליידיק.

די אלמנה טיבאָ האָט זיך נישט שטאַרק געחידושט. צוגעוויינט צו דער אומגעריכטער פאַרשווינדונג פון איר באַלעבאָס, האָט זי עס געהאַלטן פאַר אַ געוויינלעכן פאַל. זי האָט נאָר, בעתן רוימען, באַדויערט, למאַי זי האָט נישט צו וועמען צו רעדן. ווען זי האָט געענדיקט איין צימער, איז זי אַריין אין צווייטן, וועלכן זי האָט גערופן קאַבינעט. אָבער דאָ האָט זי דערזען אַ סיורפּריז.

אַן אומגעוויינלעכע זאַך, עפּעס אַ שוואַרצלעך קעסטל, איז געשטאַנען אינמיטן דעם פרייען קוואַדראַט פון דער פּאָדלאָגע, וועלכן זי דו האָט געדאַרפט פּאַרקערן. וואָס זאָל עס באַדייטן? אויפגעבראַכט, למאַי מען האָט זיך אַריינגעריסן אין איר טעריטאָריע, האָט די אַלמנה טיבאָ מיט אַ פעסטער באַוועגונג אָפּגערוקט דאָס קעסטל און גענומען זיך רויק צו איר אַרבעט.

היות זי האָט אַביסל נישט געהערט די וועלט, האָט זי נישט פאַרנומען די קלאַנגען פון קעסטל אַרויס, און האָט אויך נישט באַמערקט דאָס בלוילעכע ליכט פונם רעפלעקטאָר. אָבער אין אַ געוויסן מאָמענט האָט די מערקווירדיקע דערשיינונג צוגעצויגן איר אויפמערקזאַמקייט, דהיינו: זי איז פאַרבייגעגאַנגען פאַרן רעפלעקטאָר, האָט זי געכאַפּט אַ פעסטן זעץ און איז האַסטיק אומגעפאַלן אויף דר׳ערד.

אין אָוונט, בעת זי האָט זיך אויסגעטאָן, האָט זי פעסטגעשטעלט, אַז ביי איר אויף דער רעכטער זייט האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער שוואַרצער צייכן, הגם זי איז אומגעפאַלן אויף דער לינקער זייט. דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז זי זאָל זיך מער נישט געפינען אינםווירקונגס-קרייז פונם רעפלעקטאָר, און דער פאַל האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט; איר ווידער איז אַפילו אויפן רעיון נישט געקומען, אַז דאָס האָט אַ שייכות מיטן אָנגערירטן קעסטל. זי האָט פשוט גערעכנט, אַז זי האָט זיך אויסגעגליטשט.

די אַלמנה טיבאָ, וועלכע איז געווען שטאַרק איבערגענומען מיט אירע פליכטן, האָט באַלד נאָכן אויפרוימען אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטל צוריק אויפן פריערדיקן אָרט און — מען מוז עס למען-האמת מודה זיין — באַמיט זיך אַפילו צו שטעלן עס פונקט אַזוי, ווי ס׳איז געשטאַנען פריער.

אויב זי האָט נישט געטאָן אַלץ ווי געהעריק, דאַרף מען עס איר מוחל זיין, ווייל זי האָט אומבאַוווסטערהייט אָנגעשטעלט דעם קליינעם וואַלץ פון די ווירבלענדיקע שטוב-קערנדלעך און עטוואָס אַן אַנדער ריכטונג, ווי פריער.

אין די ווייטערדיקע טעג האָט זיך דיזעלבע זאַך איבער־געחזרט, — וואָרן פאַרוואָס זאָל די אלמנה טיבאָ נישט טאָן איר חוב?

מען מוז אָבער מודה זיין, אַז וואָס־מער זי האָט איבער־געחזרט דידאָזיקע אַרבעט, אַלץ ווייניקער האָט זי געזאָרגט פאַר דער פּאָזיציע פון קעסטל, און סוף־כל־סוף האָט זי אינגאַנצן אויפגעהערט צו זאָרגן, צי געפינט זיך דאָס קעסטל אויפן ריכ־טיקן אָרט, ווי פריער, צי נישט. אמת, זי האָט עס אַלעמאָל אַוועק־געשטעלט ביים פענסטער, ווייל אַזוי האָט עס געהאַט אַוועקגע־שטעלט קסירדאַל, אָבער די צפּעגונג פונם רעפלעקטאָר האָט אָנגענומען פאַרשידענע ריכטונגען, שטראַלנדיק אויף רעכטס און אויף לינקס.

די אלמנה טיבאָ האָט עס געטאָן, נאַטירלעך, אָן שום בייז־וויליקייט, און זי האָט זיך אפילו נישט פאָרגעשטעלט, אַז איר אַרבעט זאָל פאַרשאַפן לעוועגטאַלן אַזויפיל קאָפּ־דרייעניש. איינ־מאָל האָט זי, נישט־ווילנדיק, אויסגעדרייט דעם רעפלעקטאָר, נישט באַמערקנדיק צומאָל, אַז ער איז אָנגעשטעלט אין דער ריכטונג צום סופיט.

אין אָט אַזאַ לאַגע האָט זעפירין קסירדאַל געפונען זיין מאַשין, ווען ער האָט זיך אין דעם 10־טן יוני נאָכמיטאָג צו־ריקגעקערט פון זיין עקסקורסיע.

דאָס פאַרברענגען ביים ים איז געווען זייער אָנגענעם און וואָלט אפשר געדויערט לענגער, ווען עס פאַלט אים נישט איין, אין צוועלף טעג אַרום, דער מאָדנער געדאַנק צו בייטן דאָס וועש. דאָס האָט אים געצווונגען צו עפענען זיין פעקל, אין וועלכן ער האָט, צו זיין גרויסער פאַרוואונדערונג, געפונען זיבנ־אונצוואַנציק סלאָיען מיט ברייטע העלזלעך. זעפירין קסירדאַל, איז געווען דערשטוינט. וואָס באַדייטן דידאָזיקע סלאָיען? פּאַמע־לעך אָבער האָט ער זיך גענומען דערמאָנען זיין פּראָיעקט וועגן דער עלעקטרישער באַטעריע, וואָס האָט אים געהאַט אַזוי באַ־גייסטערט און וועגן וועלכער ער האָט פולשטענדיק פאַרגעסן.

אלס שטראָף האָט ער זיך אַליין דערלאַנגט עטלעכע מאָל מיט דער פויסט, גיך איינגעוויקלט דאָס פּעקל, פאַרלאָזן מאַרסעל לערו, זיין פריינד, און אַוועקגעפאָרן גלייך קיין פּאַריז.

זעפּירין קסירדאַל וואָלט אפשר אונטערוועגס פאַרגעסן די סיבה פון זיין צוריקקער, אָבער אַ צופאַל, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער סטאַציע סען-לאַזאַר, האָט אים צוריק דערמאָנט.

דאָס פּעקל מיט די זיבנאונצוואַנציק סלאָיען האָט ער געהאַט אַזוי גוט אַרומגעבונדן, אַז עס איז זיך צעפלויגן מיט אַ רעש איבערן אַספאַלט פון דער סטאַציע.

דערדאָזיקער טומל האָט איבערגעשראָקן אַ פּאָר הונדערט מענטשן, וועלכע האָבן געמיינט, אַז דאָס איז אַן אַטענטאַט פון אַן אַנאַרכיסט. זיי האָבן אָבער דערזען בלויז זעפּירין קסירדאַלן, וואָס האָט מיט אַ דערשראָקענער מינע אָנגעקוקט זיין צעשאָטן פּעקל.

דידאָזיקע מפּלה האָט אָבער אויך געהאַט אַ מעלה: זי האָט אים דערמאָנט, צוליב וואָס ער איז איצט געפאָרן קיין פּאַריז. ער איז באַ'ד אַוועק צו אַ סוחר, איינגעקויפט פרישע זיבנאונצוואַנציק סלאָיען און צוגענומען ביים סטאָליער די באַשטעלטע ראַם, וואָס איז שוין פאַרטיק געווען פון צען טעג.

באַזאָרגט מיט די נויטיקע מכשירים און גיריק אָנצוהייבן ביי'ע עקספּערימענטן, האָט ער גיך אויפגעעפנט די טיר פון זיין דירה.

ער איז אָבער געבליבן שטיין ווי צוגעשמידט צום אָרט: דער רעפלעקטאָר פון דער מאַשין איז געווען אָנגעשטעלט אין דער ריכטונג צום סופיט.

זעפּירין קסירדאַל האָט זיך פאַרטראַכט אַזוי טיף, און זיין אומרויקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַרויסגעלאָזן פון די הענט די פּעקלעך זיינע, וואָס האָבן זיך, לויטן געזעץ פון ערד-מאַגנעטיזם, אַ לאָז געטאָן באַרג-אַראָפּ, אין אַ גלייכער ליניע צום צענטער פון דער ערד, און זיי וואָלטן דאָרט בלי-ספק אָנגעקומען, ווען נישט די פּאָדלאָגע אונטערוועגס, אָן וועלכער

די גלעזערנע סלאָיען האָבן זיך צעבראָכן און ס׳האָט זיך איבערגעשפּאָלטן אויף דער העלפט די הילצערנע ראַם. דאָס הייסט, אַז אין משך פון איין שעה האָט ער צעקלאַפּט פּיראונפּערציק סלאָיען.

גייענדיק אויף דערזעלבער ליניע ווייטער, וואָלט זעפּירין קסירדאַל גיך געפּטרט זיין קאָנטאָ אין באַנק, וואָס האָבן באַטראָפן אַ באַדייטנדיקע סומע.

דערדאָזיקער גלאָז-ברעכער דהאָט אָבער אַפילו נישט באַמערקט, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן. אומבאַוועגלעך איז ער געשטאַנען אויף דער טיר-שוועל און פאַרטראַכט זיך צוגעקוקט צו דער מאַשין.

— דאָס איז די אַרבעט פון דער אלמנה טיבאָ! — האָט ער צעדלעך געזאָגט און איז אַריין אין צימער.

דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן זיין טרעפלעכן אינסטינקט.

אויפהויבנדיק די אויגן, האָט ער באַמערקט אין סופיט אין אויך ווייטער, איבערן סופיט, אין סאַמע דאַך, אַ לעכל, וואָס איז געווען ווי אַ פאַרלענגערונג פון דער מעטאַלענער רעפלעקטאָר-אַקס. דידאָזיקע לאָך, די גרויס פון אַ בלייפעדער, איז געווען אַזוי גלייך, פונקט ווי מ׳וואָלט זי אויסגעשניצט צוזאַמען מיטן אַפּאַראַט.

אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן פּנים פון זעפּירין קסירדאַל, וועלכן די זאַך האָט פּשוט גענומען ווילן.

— גוט... גוט! — האָט ער געשעפּטשעט.

פונדעסטוועגן האָט מען געדאַרפט מאַכן אַ סוף מיט דעמדאָזיקן שוישפּיל. קסירדאַל האָט זיך איינגעבויגן איבער דער מאַשין און איבערגעריסן איר אַרבעט. דאָס ברומען האָט אויפגעהערט, דאָס בלויליכע ליכט איז אויסגעלאָשן געוואָרן, דאָס רערל האָט אויפגעהערט צו ווירבלען.

— גוט... גוט!... עס מוז זיך דאָרטן טאָן אַביסל!...

מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג האָט ער אויפגעריסן די צייטונגען, וואָס זענען געלעגן אָנגעזאַמלט אויפן טיש, און

האָט געגומען לייענען אַלע אויפרופן לצוועגטאַלס וועגן די קאַפּ־ריזנע ענדערונגען פונם וואַסטאַנער מעטעאָר.

זעפירין האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

אַנדערע ידיעות האָבן אָבער אַרויסגערופן אַ וואָלקן אויף זיין פּנים.

צוואָס טויג זיי די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, וואָס איר ערשטע זיצונג, נאָך אַ ריי צוגרייטונגס־פאַרזאַמלונגען, דאַרף טאַקע היינט פאָרקומען? וואָס האָט זי געצוווּנגען צו רעדן וועגן דער אָנגעהעריקייט פונם מעטעאָר? צי האָט ער נישט געהערט רעכטלעך צו דעם, וועלכער האָט אים צוגעצויגן צו דער ערד און וואָס אַ דאַנק אים וועט ער נישט אַרומשוועבן אייביק אין די רוימען?

אָבער דער געדאַנק, אַז קיינער ווייס נישט וועגן דער־דאָזיקער פאַרמיטלונג, האָט געצוווּנגען זעפירין קסירדאַלן אַרויס־צוקריכן פון זיין באַהעלטעניש, כּדי די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנ־פערענץ זאָל נישט פּטרן קיין צייט אויף אומזיסטער אַרבעט.

ער האָט מיטן פוס אַוועקגעשטופּט די זיבנאונצוואַנציק סלאָיען, איז אַוועקגעלאָפן צו דער נאָענטסטער פּאָסט און אַוועק־געקלאַפּט אַ דעפּעשע, וועלכע מר. הערוויי האָט פאָרגעלייענט פון זיין פּרעזידענט־שטול דער קאָנפערענץ.

מען דאַרף קיינעם נישט באַשולדיקן אין דעם, וואָס צו־ליב צעשטרייטקייט האָט דערדאָזיקער מערקווירדיקער, צעטראָ־גענער פאַרשוין — פאַרגעסן זיך אונטערצושרייבן אונטער דער דעפּעשע...

זעפירין קסירדאַל האָט זיך אומגעקערט צוריק אַהיים, אי־בערגעלייענט קודם־כּל דעם באַריכט, אין אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל, וועגן לויף פונם מעטעאָר, דאַן ווידעראַמאָל אויסגע־גראָבן זיין לונעט און גענומען געגוי פאָרשן דעם הימל, כּדי צו קענען מאַכן אַ געגויע אויסרעכענונג.

אַרום האַלבע נאַכט, ווען ער האָט זיינס אָפּגעטאָן, האָט ער געלאָזט די מאַשין אין באַוועגונג, אויסלאָדנדיק אין רוים

אַריין די שטראַלנדיקע ענערגיע אין דער גענעריקער ריכטונג און מיט דער נויטיקער קראַפט, דאַן האָט ער אין אַ האַלבע שעה אַרום אָפּגעשטעלט די מאַשין און זיך אַוועקגעלייגט רויק שלאָפן.

זינט צוויי טעג, האָט זעפּירין קסירדאַל אינגאַנצן געווידמעט זיין צייט די עקספּערימענטן.

ווען ער האָט דעמזעלבן נאָכמיטאָג צום דריטן מאָל אָפּגעשטעלט די מאַשין, האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן ראָבערט לעקער.

— ענדלעך ביסטו דאָ! — האָט ער אויסגערופן.

— אַזוי ווי דו זעסט — האָט זעפּירין קסירדאַל געזאָגט.

— אויב אַזוי, איז נישקשה! — האָט לעקער געענטפערט — איך געדענק שוין נישט, וויפיל מאָל איך בין געקראָכן איבער דיינע טרעפּ, אויפן זעקסטן שטאָק. ווו בוסטו געווען, צו אַלדי רוחות?

— אַוועקגעפאָרן — האָט קסירדאַל געענטפערט און זיך נישט-ווילנדיק פאַררויטלט.

— אַוועקגעפאָרן! — האָט זיך לעקער אָנגערופן זייער אויפגעבראַכט — אַוועקגעפאָרן!... דאָס איז שרעקלעך!... מען קאָן דאָך נישט לאָזן קיין מענטשן אין אַזאַ אומרויקן מצב!

זעפּירין קסירדאַל האָט מיט דערשטוינונג אַ קוק געטאָן אויף זיין טויף-פאָטער.

אַוודאַי, ער האָט געוווסט וועגן זיין צוגעבונדנקייט צו אים. אָבער אויף אַזוי ווייט!

— אָבער, פעטער, וואָס שאַדט עס דיר? — האָט ער געפרעגט.

— וואָס דאָס שאַדט מיר? — האָט דער באַנקיר איבערגעחזרט — דו פאַרגעסט, אומגליקלעכער, אַז מיין גאַנץ פאַרמעגן ליגט איצט אויף דיין קאָפּ.

— איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין — האָט זעפּירין קסירדאַל געזאָגט, זעצנדיק זיך אויפן טיש און דערלאַנגענדיק

דעם גאַסט זיין איינציקן שטול.

— ווען דו האָסט מיר אָנפאַרטרויט דיינע פאַנטאַסטישע פּלענער, — האָט לעקער אָנגעהויבן — האָסטו מיך, איך בין זיך מודה, איבערצייגט.

— עס וווּנדערט מיך נישט — האָט קסירדאַל געענטפערט.

— און דערפאַר האָב איך אָן וואַקלעניש ריזיקירט דיין גליק און געוּומען שפּילן אויף דער בערזע אויף אַ ירידה.

— אויף אַ ירידה?

— יאָ, כ'האָב גענומען פאַרקויפן די אַקציעס.

— פאַרקויפן די אַקציעס? וועלכע אַקציעס?

— פון גאָלד-גרובן. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז אויב דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן, וועלן די אַקציעס פאַלן און...

— זיי וועלן פאַלן? איך פאַרשטיי אַלץ ווייניקער — האָט זעפירין קסירדאַל איבערגעשלאָגן — איך קען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מיין מאַשין קען האָבן אַ ווירקונג אויף דעם מצב פון די גאָלד-גרובן.

— נו, אויף די גאָלד-גרובן נישט, — האָט לעקער געענטפערט — אָבער אויף די אַקציעס יאָ. דאָס איז אַן אונטערשייד.

— גוט, — האָט קסירדאַל מסכים געווען — דו האָסט פאַרקויפט די אַקציעס פון די גאָלד-גרובן. דאָס האָט נישט קיין באַדייטונג. דאָס באַווייזט, אַז דו האָסט זיי.

— פאַרקערט, איך האָב נישט אַפילו קיין איינע.

— אַך!... — האָט דער צעטומלטער קסירדאַל אַ זיפּץ געטאָן — פאַרקויפן דאָס, וואָס מען האָט נישט, איז אַ גרויסע קונץ. איך וואָלט עס נישט געקענט.

— דאָס איז טאַקע דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן ספּעקולאַציע אין דער פאַסיקער צייט, מיין טייערער זעפירין. ווי־נאָר מען וועט דאַרפן צושטעלן די אַקציעס, וועל איך זיי דעמאָלט קויפן.

— איז וואָס ווּעסטו האָבן דערפֿון ?... פֿאַרקויפֿן, כּדי צו קויפֿן ? דאָס זעט נישט אויס, אין ערשטן אויגנבליק, קיין גוטער געשעפֿט.

— דו האָסט אַ טעות, ווייל דעמאָלט וועלן די אַקציעס זיין ביליקער.

— און פֿאַרוואָס זאָלן זיי זיין ביליקער ?

— ווייל דער מעטעאָר וועט אונז ליפֿערן מערער גאָלד, ס'איז דאָ אויף דער גאַנצער וועלט. דער ווערט פֿון גאָלד וועט, אַלזאָ, ווערן צוויי מאָל קלענער, און די אַקציעס פֿון די גאָלד-גרובן וועלן ווערן בחצי-חנם. דו פֿאַרשטייסט ?

— נו, יאָ — האָט קסירדאַל אָן איבערצייגונג געענטפֿערט.

— קודם-כּל בין איך געווען דאַנקבאַר זיך אַליין, וואָס איך האָב געהאַט צו דיר צוטרוי. די ענדערונגען אינם לויף פֿון מעטעאָר, זיין וואַרשיינלעך אַראָפּפֿאַלן, האָבן געווירקט אויף די אַקציעס פֿון די גאָלד-גרובן, וואָס זענען אַראָפּגעפֿאַלן מיט 25 פּראָצענט. אַזוי-ווי איך בין געווען פֿולשטענדיק איבערצייגט, אַז זיי וועלן נאָך ביליקער ווערן, האָב איך פֿאַרקויפֿט אַ גרעסערע צאָל.

— נישט האָבנדיק זיי ?

— נאַטירלעך... דו קענסט זיך, אַלזאָ, פֿאָרשטעלן, ווי אומרויק איך בין געוואָרן לעצטנס: דו ביסט אַנטרונען געוואָרן, דער מעטעאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווייזנדיק זיך אין אַלע פֿיר זייטן פֿון דער וועלט. די אַקציעס זענען צוליב דעם אַרויפֿגעשטיגן, און איך האָב געקענט פֿאַרלירן ריזיקע געלט-סומען... וואָס זאָל איך אָט ווען דעם אַלעם דענקען ?

זעפּירין קסירדאַל האָט נייגעריק אָנגעקוקט זיין טויף-פֿאָטער. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ מאַשין, וואָס זאָל אונטערן דרוק פֿון אַזעלכע איבערלעבונגען זיין אַזוי גלייכגעוויכטיק.

— כ'האָב נישט איבעריק גוט פֿאַרשטאַנען אָט די אַלע קאָמבינאַציעס — האָט ער זיך לסוף אָנגערופֿן — דאָס איז פֿאַר

מיר צו קלוג. מיר דאכט זיך אָבער, אויב איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז עס וואָלט דיר געווען ניחא, דער מעטעאָר זאָל אַראָפּפאַלן. נו, אויב אַזוי, טאָ זיי רויק, ער וועט אַראָפּפאַלן.

— ביסט ערב?

— כ׳בין ערב.

— באמת?

— באמת... נאָר צי האָסטו מיר געקויפט דאָס שטיק ערד?

— אַוודאי! — האָט לעקער געענטפערט — איך האָב אין קעשענע דעם אייגנטום-אַקט.

— הייסט עס, אַז אַלץ גייט כשורה — האָט זעפירין קסירדאַל געזאָגט — איך קען דיר אַפילו דערקלערן, אַז מײַן עקספּערימענט וועט זיך ענדיקן דעם 5-טן יולי, היי-יאָר. דעמזעלבן טאָג וועל איך פאַרלאָזן פּאַריז און אַרויספאָרן באַגעגענען דעם מעטעאָר.

— וואָס וועט אַראָפּפאַלן?

— וואָס וועט אַראָפּפאַלן.

— איך פאָר מיט דיר! — האָט לעקער באַגייסטערט אויסגערופן.

— אויב דו ווילסט, אדרבא! — האָט זעפירין קסירדאַל געענטפערט.

צי זאָל עס זיין דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געפילט מיטפאַראַנטוואָרטלעך לגבי ראָבערט לעקער אָדער פשוט, ווייל דער וויסנשאַפטלעכער אינטערעס האָט אים אינגאַנצן פאַרכאַפּט — יעדנפאַלס האָט עפּעס אַ געבענטשטע ווירקונג אים אָפּגעהאַלטן פון פרישע קאַפּריזן. ער האָט זייער געוויסנהאַפטיק דורכגעפירט זיינע עקספּערימענטן, און די געהיימנישפולע מאַשין האָט ביזן 5-טן יולי געזשומט העכער פערצן מאָל אַ מעת-לעת.

פון צייט צו צייט האָט זעפירין קסירדאַל געפּאָרשט דורך דער לונעט דעם מעטעאָר און זיך כסדר איבערצייגט, אַז עס גייט כשורה.

דעם 5-טן יולי אינדערפרי האָט ער צום לעצטן מאָל אָנ-

געשטעלט זיין לונעט צום הימל.

— אַלץ איז אין אָרדענונג — האָט ער געזאָגט — איך קען זיך איצט פאַרנעמען מיט עפּעס־אַנדערש.

און ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיינע פּעקלעך.

קודם-כל האָט ער איינגעפּאַקט זיין לונעט מיט דער מאַשין און מיט עטלעכע רעזערוו-רערן. ער האָט עס געטאָן זייער געשיקט, אַריינגעלייגט אין שטאַרקע פוטליאַרן, וואָס האָבן באַוואָרנט די מכשירים פון די אומגעריכטע צופאַלן אונטערוועגס. דערנאָך איז געקומען די ריי אויך אויף זיינע פּערזענלעכע פּעקלעך.

אַן ערנסטע שטערונג האָט אים שיר נישט אָפּגעהאַלטן אין סאַמע אָנהויב. ווו וועט ער אַהינטאָן זיינע זאַכן, וועלכע ער מוז מיט זיך מיטנעמען? אין אַ קופער? זעפירין האָט קיינמאָל קיין קופער נישט געהאַט. הייסט עס, אין אַ וואַליזע?

נאָך לאַנגע טראַכטענישן האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס. אַלס ראיה, אַז ער האָט באמת געהאַט, קאָן דינען דער פאַקט, וואָס ער האָט זי נאָך לאַנגע זוכענישן געפונען אין די טיפענישן פונם פינסטערן צימער, וווהין ער פלעגט אַריינוואַרפן אַלע אומנוציקע חפצים; זאַכן זענען דאָרט געווען אַזויפיל, אַז אַפילו דער געלערנטסטער אַנטיקוואַר וואָלט דאָרט נישט דערגאַנגען צו קיין טאַלק.

דידאָזיקע וואַליזע, וועלכע זעפירין קסירדאַל האָט אַרויסגעבראַכט אויף דער ליכטיקער שיין, איז אַמאָל געווען באַדעקט מיט לייוונט. מ׳האָט עס געקענט זען לויט די שטיקלעך שטאָף, וואָס האָבן זיך נאָך געהאַלטן ערטערווייז. אַמאָל האָבן מסתמא אויך עקזיסטירט רימענס, אָבער נאָך זיי איז קיין שפור נישט געבליבן. זעפירין קסירדאַל האָט זי אויפגעעפנט אינמיטן צימער, אָבער לאַנג געטראַכט, מיט וואָס ער זאָל זי אָנפילן.

— בלויז דאָס, וואָס איז אומבאַדינגט נויטיק, — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט — מען דאַרף זיך מעטאָדיש נעמען דערצו און אָנווענדן די מעטאָד פון ראַציאָנעלן אויסוואַל.

האַלטנדיק זיך אָן דעם פּרינציפּ, האָט ער אַריינגעלייגט אין דער וואַליזע אַריין דריי פאַרשידענע שיכלעך. אין אַ צייט אַרום האָט ער זייער באַדויערט, וואָס איינער פון זיי האָט, צום אומגליק, זיך פאַרשפּיליעט אויף קנעפּלעך, דער צווייטער איז געווען אַ געשנורוועטער און דער דריטער איז געווען אַן איינפאַכער פּאַנטאָפל. דערוויל אָבער איז אַלץ געווען אין אָרדענונג, ווייל אַ טייל פון דער וואַליזע איז שוין געווען פול, און דאָס האָט שוין געהאַט אַ געוויסע באַדייטונג!

נאָכן איינפּאַקן די שיך, האָט זעפירין קסירדאַל, זייער פאַרמאַטערט, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן און דאַן ווידער גענומען טראַכטן.

דער רעזולטאַט פון דערדאָזיקער טראַכטעניש איז געווען, וואָס ער האָט זיך גענומען אָפּגעבן אַ דין-וחשבון דערפון, אַז ער קען נישט די מלאכה פון פּאַקן. לסוף האָט ער צורו געלאָזט די מעטאָדן און זיך אָפּגעגעבן דעם פרייען אויסוואַל.

ער האָט געשלעפּט פון די שופליאָדן און קליידער-הויפנס — וואָס עס איז אים נאָר אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין. אין משך פון עטלעכע מינוט האָבן כלערליי פאַרשידנאַרטיקע חפצים אָנגעפילט די וואַליזע. עס קען זיין, אַז די צווייטע העלפט איז געווען ליידיק, אָבער זעפירין קסירדאַל האָט דערפון נישט געוווּסט. ער איז דעריבער געווען געצוווּנגען זיך צוצוהעלפן מיט דעם פוס און פויסט, כדי צוצומאַכן די אומגליקלעכע וואַליזע.

דעמאָלט האָט ער זי אַרומגעבונדן מיט אַ פעסטן שטריק און מיט אַזויפיל קניפּלעך, אַז עס האָט קיין רייד נישט געקענט זיין, מען זאָל עס קענען אַמאָל עפענען. לסוף איז ער געבליבן שטיין און זיך מיט ליבשאַפט צוגעקוקט צו זיין ווערק.

איצט האָט מען געדאַרפט פאָרן צו דער באַן. אָבער נישט געקוקט אויף זיין געשיקטקייט אין גאַנג, האָט זעפירין קסירדאַל בשום-אופן נישט געקענט מיטנעמען די מאַשין, די לונעט און די וואַליזע. אָט האָסטו דיר אַ נייע צרה!

מען קען אָננעמען, אַז ער וואָלט זיך לסוף געכאַפּט, אַז

אין פאַריז זענען דאָ וואָגנס. אָבער דידאָזיקע גייסטיקע אָנ־שטרענגונג האָט אים איינגעשפּאָרט ראָבערט לעקער, וועלכער האָט זיך באַוויזן אין דער טיר.

— צי ביסטו פאַרטיק, זעפירין?

— איך האָב אויף דיר געוואַרט, ווי דו זעסט, — האָט מיט פּשטות געענטפערט קסירדאַל, וועלכער האָט שיין גאָר גע־האַט פאַרגעסן, אַז זיין טויף־פאָטער האָט געזאָלט פאָרן צוזאַמען מיט אים.

— נו, איז אין וועג אַריין! — האָט לעקער געזאָגט — וויפיל פּעקלעך האָסטו?

— דריי: די מאַשין, לונעט און וואַליזקע.

— גיב מיר איין פּעקל, און דו נעם די איבעריקע. מיין וואָגן וואַרט.

— ס'איז אַ גוטער איינפאַל! — האָט זיך זעפירין קסירדאַל געחידושט, פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר.

קאַפּיטל פופצן,

אין וועלכן לעווענטאַל ווייזט-אָן אויפן געוויינער פונם גרויסן גורל.

זינט עס איז געמאַכט געוואָרן דער פעלער, וועלכן לע-ווענטאַל האָט אַזוי בולט אויפגעוויזן —דער ערשטער דורכפאַל, וואָס האָט מיטגעשלעפּט נאָך זיך דעם צווייטן פעלער מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ – איז מר. פּאָרסיטן און דר. הודעלסאָנען פּשוט נמאס געוואָרן דאָס לעבן. פאַרגעסענע, מיט דער בלאָטע צוגלייך, האָבן זיי נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די גלייכגילטיקייט פון דער געזעלשאַפט, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַר-זוכט דעם טעם פון כבוד.

אין זייערע שמועסן מיט הייפל פריינד, וואָס זענען זיי נאָך געבליבן טריי, האָבן זיי זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און אויסגעלאָזט זייער שווער געמיט צו דער פאַרבלענדונג פונם עולם, פאַרטיידיקנדיק זיך מיט עקשנות. אויב זיי זענען אפילו באַגאַנגען אַ פעלער, צי דאַרף מען זיי דעריבער אויף אַזאַ אופן באַשולדיקן? צי האָט זיך דער געלערנטער לעווענטאַל, זייער שטרענגער באַשולדיקער, נישט טועה געווען, ווי זיי, און צי האָט ער זיך סוף-כל-סוף נישט געמוזט מודה זיין צו זיין

אומבאַהאָלפנקייט? צי האָט מען דערפון נישט געדאַרפט אַרויס־דרינגען, אז דער מעטעאָר איז אַן אויסנאַם און אַן אומנאָרמאַ־לער? צי איז נישט אין דידאָזיקע באַדינגונגען אַ נאַטירלעכע זאַך צו האָבן אַ טעות?

— אמת! — האָט צוגעבאַמקעט דאָס הייפל פריינד.

און די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ? צי קאָן מען זיך פאָרשטעלן נאָך אַזאַ געמיינע אויסמיידונג? נאָך אַזאַן אומגע־רעכטיקייט?

עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס זי האָט אונטערגענומען די נויטיקע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען, כדי אויפצוהאַלטן די עקאָ־נאָמישע רו און אָרדענונג. ווי אָבער האָט זי געהאַט דאָס רעכט צו לייקענען די רעכט פון דעם, וואָס האָט דעם מעטעאָר אַנט־דעקט? צי וואָלט מען געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם מעטעאָר, און אַפילו אויב ער זאָל אַראָפּפאַלן אויף דר'ערד, צי וואָלט מען עס געוווּסט פאָרויסגעזען, ווען נישט דער אַנטדעקער, וועלכער ער האָט דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט?

— און דערדאָזיקער אַנטדעקער בין איך דאָך! — האָט ענערגיש געטענהט מר. פאָרסיט.

— און איך בין דאָך טאַקע דער אַנטדעקער! — האָט דר. סידניי געשריגען מיט דערזעלבער איבערצייגונג.

— אמת! — האָט ווידער צוגעבאַמקעט דאָס הייפל פריינד.

הגם דידאָזיקע צושטימונג איז געווען אַ שטיקל טרייסט פאַר ביידע אַסטראָנאָמען, האָט זי דאָך נישט געקענט פאַר־טרעטן די פריערדיקע באַגייסטערטע אויסגעשרייען פון המון. נאָר אַזוי־ווי ס'איז מאַטעריעל געווען אוממעגלעך צו איבערצייגן יעדן פאַרבייגייער באַזונדער, דעריבער זענען זיי געווען געצוווּנ־גען, נאַטירלעך, זיך צופרידנצושטעלן מיט דעם באַשיידענעם לויב פון די זייער שיטערע פאַרערער־רייען.

די דורכגעמאַכטע אומאָנגענעמלעכקייטן האָבן אָבער נישט בלויז נישט אָפּגעקילט זייער ברען נאָר גראָד פאַרקערט.

וואָס-מער מען האָט אָפּגעלייקנט זייערע רעכט צום מע־טעאָר, אַלץ מער האָבן זיי אַרויסגעוויזן עקשנות; וואָס-ווייניקער מ׳האָט געלייגט אַכט אויף זייערע תביעות, אַלץ שטאַרקער האָט יעדערער פון זיי געבראַכט ראַיות, אַז ער איז איינאַוואַנצי־קער אַנטדעקער.

ביי אַזעלכע צערייצטע געמיטער איז פּשוט געווען אומ־מעגלעך איבערצובעטן די צוויי קעגנער. און מ׳האָט טאַקע דער־פון מער נישט גערעדט. נאָכמער, ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז מיט יעדן טאָג איז טיפער געוואָרן דער תהום צווישן די אומ־גליקלעכע חתן-כלה.

פּאַרסיט און הודעלסאָן האָבן אָפן דערקלערט, אַז זיי וועלן קעמפן ביזן לעצטן אָטעם-צוג קעגן דער געוואַלד-טאַט, וואָס זיי זענען געפאַלן איר קרבן, און אַז זיי וועלן אָנווענדן כלערליי געריכטלעכע מיטלען. דאָס וואָלט געווען אַ שוישפּיל — אַ נחת! פון איין זייט מר. פּאַרסיט, פון דער צווייטער זייט דר. הודעלסאָן, און קעגן זיי ביידן — די גאַנצע איבעריקע וועלט. ס׳אַרא פּרעכטיקער פּראָצעס... אויב עס וועט זיך נאָר געפינען דאָס באַרופענע געריכט!

דערווייל האָבן די צוויי אַמאָליקע פריינד, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די ערגסטע שונאים, לחלוטין נישט פאַרלאָזן זייערע שטיבער.

אָנגעכמורעט און איינזאַם, זענען זיי נישט אַראָפּגעגאַנגען פון זייערע טורעמס. דאָרט האָבן זיי זיך געקאָנט צוקוקן צום מעטעאָר, וואָס האָט זיי אַזוי צעמישט, און זיך באַוואָרענען עט־לעכע מאָל אַ טאָג, אַז ער צייכנט זיין ליכט-וועג אין די טיפע־נישן פון הימל-רוים.

זיי האָבן שוין כמעט נישט פאַרלאָזן זייערע הויכקייטן, ווו זיי האָבן זיך געפילט זיכער לפּחות קעגן דער נאָענטסטער סביבה, וואָס איז געווען פיינטלעך צו זיי געשטימט און וואָס האָט נאָך שטאַרקער פאַרביטערט זייערע טעג, זייער גורל.

פראַנס גאָרדאָן, וואָס די זכרונות פון די קינדער-יאָרן

האָבן אים פאַרקנ־פּט און פאַרבונדן מיטן הויז אויף עליזאַבעט־ סטריט, האָט אים נישט פאַרלאָזן, אָבער אויך אינגאַנצן נישט אָנגערופן צום פעטער מיט קיין וואָרט. ביים פרישטיק און מי־ טאָג האָט מען צווישן זיך נישט גערעדט. אַפילו מיץ האָט איר מויל נישט געעפנט, און אָן איר באַרעדעוודיקייט איז די שטוב געוואָרן ווי אַ שווייגעדיקער, טרויעריקער קלויסטער.

ביים דר. הודעלסאָן זענען אויך די פאַמיליע־באַציִונגען נישט געווען קיין בעסערע.

לו האָט זיך אומברחמנותדיק געברוגזט, נישט געקוקט אויפן פאָטערס בעטנדיקע בליקן.

דזשעני האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן, נישט געקוקט אויף דער מאַמעס בקשות.

פרוי הודעלסאָן האָט בלויז געזיפצט, און איר איינציקע טרייסט איז געווען די האָפענונג אויף דער צייט, וואָס בלויז זי איז בכּוח געווען צו ענדערן די אַזוי קאָמישע, און גלייכצייטיק טראַגישע, לאַגע.

פרוי הודעלסאָן איז געווען גערעכט, ווייל ווי מען שמועסט, היילט־אויס די צייט פון די ערגסטע מחלות. מען דאַרף אָבער מודה זיין, אַז דאָסמאָל האָט זי זיך נישט געאיילט אַזוי שטאַרק צו ברענגען הילף די צוויי אומגליקלעכע משפחות. הגם מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן זענען געווען עמפינדלעך אויפן ווי־ דערווילן פון זייער סביבה, האָבן זיי עס דאָך נישט געפילט אַזוי שטאַרק, ווי אין אַנדערע באַדינגונגען. אָך, דערדאָזיקער מעטעאָר!.. אים האָבן זיי מקריב געווען זייער ליבע, אַלע זייע־ רע געדאַנקען און פאַרלאַנגען!

מיט וואָס פאַר אַ ברען האָבן זיי געלייענט טאָג־טעגלעך די אויפרופן פון לעוועניאַלן און די באַריכטן פון דער אינטער־ נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ! דאָרט זענען געווען זייערע שותּפות־ דיקע שונאים, קעגן וועלכע עס האָט זיי פאַרייניקט בלויז די שותּפותדיקע שנאה.

דעריבער האָבן זיי סאַקע מיט גרויס צופרידנקייט אויפ־

גענומען די ידיעות וועגן די שטערונגען, וועלכע די צוגרייטונגס-פֿאַרזאַמלונגען האָבן באַגעגנט, און מיט נאָכמער צופֿרידנקייט — וועגן דעם לאַנגזאַמען טעמפּאָ, וועגן די אומוועגן, מיט וועלכע די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ איז געגאַנגען צו אַ, סוף־כל־סוף, פּראָבלעמאַטישער און אומזיכערער פֿאַרשטענדיקונג.

פּשוט גערעדט, קאָן מען זאָגן, אַז אין וואַשינגטאָן האָט געברענט.

אויף דער צווייטער זיצונג איז שוין געווען קלאָר, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפֿערענץ וועט מיט גרויסע שוועריקייטן דורכפֿירן דעם ענין.

נישט געקוקט אויף דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט פֿון די סובקאָמיסיעס, איז דאָך לכתּחילה געווען פֿאָרויסצוזען, אַז עס וועט זיין שווער זיך צו פֿאַרשטענדיקן.

קודם-כּל האָט מען געגעבן אַ פֿאָרשלאָג צו אָנערקענען די רעכט בלויז פֿון דער מדינה, אין וועלכער דער מעטעאָר וועט אַראָפּפֿאַלן.

דאָס איז געווען — אַ מין גורל. ווער עס וועט האָבן מזל, דער וועט געווינען!

דערדאָזיקער פֿאָרשלאַג, פֿאָרגעשטעלט דורך רוסלאַנד און אונטערגעשטיצט פֿון ענגלאַנד און כינע, מלוכות מיט גרויסע טעריטאָריעס, האָט אַרויסגערופֿן דאָס, וואָס ווערט אויפֿן פּאַרלאַמענטאַרישן לשון גערופֿן „פּאָליטישע אומרוען”. אַנדערע מלוכות האָבן זיך קלאָר נישט אַרויסגעזאָגט. מען האָט געדאַרפֿט איבעררייסן די זיצונג.

עס זענען פֿאָרגעקומען באַראַטונגען, קולואַר-אינטריגעס... סוף־כל־סוף, כּדי לפּחות אָפּצולייגן די אומבאַקוועמע אָפּשטימונג, האָט די שווייץ אַריינגעטראָגן אַ פֿאָרשלאַג, מען זאָל אָפּלייגן דעם פּראָיעקט און דערדאָזיקער פֿאָרשלאַג האָט באַקומען אַ מערהייט שטימען.

די אַנטגילטיקע אויפֿלייזונג האָט, אַלזאָ, געדאַרפֿט קומען

אין באַטראַכט נאָר אין דעם פאַל, ווען עס זאָל נישט קומען צו קיין פאַרשטענדיקונג בנוגע אַ ראַציאָנעלער פאַרטיילונג.

אָבער ווי־אַזוי געפינט מען דאָ דעם ריכטיקן און גערעכטן אופן פון פאַרטיילונג.

אַ זייער דעליקאַטער פּראָבלעם, וועלכן די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ האָט נישט אַנטשיידט, הגם עס זענען פאָרגעקומען אָן אַ שיעור זיצונגען, טייל אַזעלכע שטורמיש, אַז מר. הערוויי גופא האָט זיי געמוזט פאַנאַנדערלאָזן.

אויב דאָס האָט ביז איצט געקלעקט, כדי איינצושטילן די שטורמישע פאַרזאַמלונגען, איז אָבער שווער געווען צו זאָגן, צי וועט די צוקונפט נישט מאַכן קיין אומגעריכטע סיורפּריזן. אור־טיילנדיק לויט דער אַלגעמיינער אויפרעגונג, האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף סיורפּריזן.

באמת, די צערייצטקייט איז געוואָרן וואָסאַמאָל שטאַרקער; מ׳האָט זיך גענומען מערער רעכענען מיט די ווערטער, און מ׳האָט געקאָנט אפילו פּאָרויסזען אַ באַוואָפנטע אינטערווענץ; דאָס וואָלט זיכער באַליידיקט דעם אויטאָריטעט פון די סוווערענע מלוכות, וואָס האָבן געהאַט זייערע פאָרשטייער אויף דער קאָנפערענץ.

פונדעסטוועגן איז עס געווען גאַנץ מעגלעך, ווייל די אָנקומענדיקע ידיעות האָבן לכל־הדעות נישט געווירקט איינשטילנדיק אויף די צערייצטע געמיטער. פאַרקערט, עס איז געוואָרן וואָס־אַמאָל ערגער, ווייל לויט לעווענטאַלס טאָג־טעגלעכע באַריכטן, איז געוואָרן וואָס־אַמאָל וואַרשיינלעכער, אַז דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן.

נאָך אַ פּאָר צענדליק אַזעלכע קאָמוניקאַטן, וואָס האָבן דערציילט וועגן די משוגענע וואַקלענישן פונם מעטעאָר און וועגן דער פאַרצווייפלונג פון די פאָרשער, האָט זיך גערעדט, אַז די לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט. ווייל מיטאַמאָל האָט דערדאָזיקער אַסטראָנאָם, אין דער נאַכט פון 11־טן אויפן 12־טן יוני, זיך פולשטענדיק באַרויִקט.

ער האָט געטנהט, בכן דער מעטעאָר האָט אויפגעהערט צו מאַכן קונצן און האָט זיך ווידער אונטערגעוואָרפן דער וויר־קונג פון דער רעגלמעסיקער קראַפט, וואָס הגם זי איז געווען אומבאַקאַנט, איז זי דאָך נישט געווען קיין סתירה צום שכל. פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך לעוועגטאַל — אָפּלייגנדיק אויף שפּע־טער די אויספאָרשונג פון די סיבות, צוליב וועלכע דער מע־טעאָר איז אין משך פון צען טעג געווען „משוגע" — אומגע־קערט צו זיין פריערדיקער רוּיִקייט, וואָס איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג ביי יעדן מאַטעמאַטיקער.

קודם־כל האָט ער געמאָלדן דער וועלט, אַז דער מעטעאָר האָט זיך אומגעקערט צו זיין נאָרמאַלן מצב, און פון דעמאָלט אָן האָבן די צייטונגען טאָג־טעגלעך געבראַכט ידיעות וועגן דער לאַנגזאַמער ענדערונג פונם הימל־קערפּער, וואָס זיין לויף־קרייז האָט זיך ווידער גענומען נייגן צו צפון־מזרח און דרום־מערב און וואָס זיין מרחק פון דער ערד האָט זיך כסדר פאַר־קלענערט, הגם די געזעצן פון דערדאָזיקער פּראָפּאָרציע זענען געבליבן לעוועגטאַלס געהיימניש.

די וואַרשיינלעכקייט פונם פאַל איז געוואָרן וואָס־אַמאָל ממשותדיקער.

אויב עס איז נאָך נישט געווען קיין פולע זיכערקייט, האָט עס שוין אָבער געהאַלטן דערביי.

ווי שטאַרק איז, אַלזאָ, געווען דער שטויס צו פאַרענדיקן וואָס־גיכער די אַרבעטן פון דער קאָנפערענץ!

דער געלערנטער דירעקטאָר פון דער באָסטאָנער אָבסער־וואַטאָריע איז אין זיינע ווענדונגען פון 5־טן ביזן 14־טן יולי געווען נאָך דרייסטער אין זיינע השערות. ער האָט יעדן טאָג אונטערגעשטראָכן, און דווקא מיט קלאָרע ווערטער, אַז אינעם לויף פון מעטעאָר איז פאָרגעקומען זייער אַ וויכטיקע ענדערונ־גען, איינגאַנצן פון אַן אַנדער מין, און אַז וואַרשיינלעך וועט מען דעם עולם איינגיכן קאָנען מעלדן וועגן די רעזולטאַטן, וואָס וועלן דערפון אַרויסקומען.

גראָד האָט זיך דעם 14־טן יולי געפונען די אינטערנאַציאָ־נאַלע קאָנפערענץ אין אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. אַלע קאָמבי־נאַציעס האָבן פאַרפירט, און ס'איז נישט געווען וועגן וואָס זיך צו אַמפּערן.

די דעלעגאַטן זענען געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. פון וועלכן שטאַנדפּונקט זאָל מען איצט באַטראַכטן דעם ענין, וואָס איז שוין — אָן שום רעזולטאַט — אַרומגערעדט געוואָרן אַל־זייטיק?

אויף די ערשטע זיצונגען איז באַלד געשטעלט געוואָרן אַ פאָרשלאַג, פאַנאַנדערצוטיילן די מיליאַרדן צווישן אַלע מלוכות, פּראָפּאָרציאָנעל צו זייערע ערד־שטחים. און דאָך האָט זיך דער־דאָזיקער פּראָיעקט גערעכנט מיט דער גערעכטיקייט, ווייל די מלוכות מיט אַ גרעסערן שטח האָבן געהאַט גרעסערע באַדער־פענישן, און פון דער צווייטער זייט, וויבאַלד זיי האָבן צוגע־שטימט צו דער פאַרטיילונג, האָבן זיי רעזיגנירט פון זייערע עווענטועלע שאַנסן, מיט וועלכע מען האָט זיך אויך געדאַרפט רעכענען.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז די מלוכות מיט גע־דיכטער־באַפעלקערטע לענדער זאָלן דעמדאָזיקן פאָרשלאַג אָפּ־וואַרפן.

זיי האָבן גאָר געפאָדערט, אַז די פאַרטיילונג זאָל פאָר־קומען נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צאָל קילאָמעטער, נאָר צו דער צאָל איינוווינער.

דערדאָזיקער פאָרשלאַג, טיילווייז אויך אַ גערעכטער, ווייל ער האָט געשטימט מיט דער גלייכקייט־אידעע פון אַלע מענטשן, האָט אָנגעטראָפן קעגנער אין רוסלאַנד, בראַזיליע, אַרגענטינע און אַסאַך אַנדערע לענדער, וואָס זענען ווייניק באַפעלקערט. דער פאָרזיצער, פר. הערוויי, אַ הייסער אָנהענגער פון מאָנ־ראָעס לערע, האָט געמוזט שטיצן די צוויי אַמעריקאַנישע רע־פּובליקן, און זיין שטים האָט געהאַט די ריכטיקע וואָג בעת דער אָפּשטימונג.

דעם פאַרשלאַג האָט מען אָפּגעוואָרפן מיט נײַנצן שטי־מען קעגן, בעת צוואַנציק האָבן זיך אינגאַנצן אָפּגעהאַלטן פון שטימונג.

דעמאָלט האָבן די מלוכות, וואָס זענען פאַרענגט מאַטער־(און ס'איז גלײַכער זיי נישט פּורש־שם צו זײַן), אויפגע־געבן דעם געדאַנק, אַז צום גלײַכסטן וואָלט געווען פאַנאַנדער־צוטיילן דאָס גאָלד פון הימל אויף אַזאַ אופן, אַז אַלע אײַנ־וווינער פון דער ערד זאָלן האָבן אַ פאַרזיכערטע עקזיסטענץ. מען האָט אָבער באַלד פאַרגעוואָרפן דעמדאָזיקן סאָציאַליסטיש־באַפאַרבטן פאָרשלאַג, אַז ער גייט שטיצן לײדיקגייערײַ און אַז ער וואָלט אַרויסגערופן אַ צו קאָמפּליצירטע און פּשוט אוממעג־לעכע דורכצופירן פאַרטיילונג.

דאָס האָט אָבער נישט געשטערט אַנדערע רעדנער צו געבן אַ פאָרשלאַג נאָך אַ מער קאָמפּליצירטן, דהיינו, אַז מען וואָלט געדאַרפט נעמען אין באַטראַכט דרײַ פאַקטאָרן: די פלאַך, די באַפעלקערונג און דעם מאַטעריעלן אויסטאַנד, כּדי מען זאָל יעדער מדינה אַזוי־אַרום קענען פאַרזיכערן אַ גערעכטיקן חלק.

גערעכטיקייט! — דאָסדאָזיקע וואָרט איז נישט אַראָפּ פון מויל.

מען האָט אָבער געקאָנט צווייפלען, צי האָט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן יושר, ווײַל אַלע האָבן, צוליב דער קורצער צײַט, כּסדר אָפּגעוואָרפן כּלערליי פאָרשלאַגן.

די לעצטע אָפּשטימונג איז פאָרגעקומען דעם 14־טן יולי, און דעמאָלט האָבן די דע־עגאַטן זיך איבערגעקוקט מיט גרויס פאַרלעגנהייט, פילנדיק, אַז זיי זענען געבליבן שטיין פאַר אַ תּהום.

רוסלאַנד און כינע האָבן אויסגענוצט די אַלגעמיינע אויס־שעפּונג, כּדי ווידעראַמאָל אויפצוגראָבן זייער אָפּגעוואָרפענעם פאָרשלאַג.

דאָסמאָל האָבן זיי אים געשטעלט אין אַ מילדערער פאָרם.

דידאָזיקע צוויי מלוכות האָבן פאָרגעלייגט, אַז די מיל־יאָרדן זאָלן געהערן צו דעם לאַנד, אויף וועמענס טעריטאָריע זיי וועלן אַראָפּפאַלן, — בתנאי, אַז דאָסדאָזיקע לאַנד זאָל זיך מתחייב זיין צו פאַרגיטיקן אַלע איבעריקע מלוכות אין דער גרויס פון טויזנט פראַנק אויף אַ פערזאָן.

עס קאָן זיין, אַז צוליב דער אַלגעמיינער מידקייט וואָלט דערדאָזיקער קאָמפּראָמיס־פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרן דעמזעלבן אָוונט, ווען נישט דער פּראָטעסט פון דער רעפּובליק אַנגאָראַ.

איר פאָרשטייער, מר. ראַמאָנטשאָ, איז אַרויס מיט אַ רעדע, וועלכע וואָלט זיך מסתמא קיינמאָל נישט געענדיקט, ווען דער פאָרזיצער וואָלט נישט פעסטגעשטעלט, אַז ביים טיש איז שוין נישטאָ קיין לעבעדיקער נפש, און וואָלט נישט איבערגע־ריסן די זיצונג ביז צום צווייטן טאָג.

אויב דער רעפּובליק אַנגאָראַ האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דערמיט, וואָס זי שלעפּט אָפּ דעם פאָרשלאַג פון רוסלאַנד, טוט זי זיך אַ טובה — האָט זי זיך שטאַרק טועה געווען. אויב זי האָט נאָך אויפן סמך פון דעמדאָזיקן פאָרשלאַג געקאָנט האָפן צו באַקומען עפּעס, האָט עס איצט געהאַלטן דערביי, אַז זי זאָל נישט באַקומען קיין איין פּרוטה — אַ מעגלעכקייט, וועלכע מר. ראַמאָנטשאָ האָט נישט גענומען אין באַטראַכט.

באמת, דעם 15־טן יולי אינדערפרי איז פאָרגעקומען עפּעס נייעס, וואָס האָט געקאָנט צו נישט מאַכן אַלע אַרבעטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ און דיסקרעדיטירן זי אין די אויגן פון דער גאַנצער וועלט.

ביז איצט זענען אַלע באַראַטונגען געווען בנוגע דער פאַרטיילונג געווען באַרעכטיקט, ווייל קיינער האָט נישט געקאָנט וויסן, ווו דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן; איצט אָבער, ווען דאָס אָרט איז באַקאַנט געוואָרן, זענען שוין איבעריק געווען די דיסקוסיעס.

צי איז מעגלעך געווען איצט, נאָכן געווינען דעם גורל,

צו פאָדערן אַ חלוקהביים געווינער?

יעדנפאַלס איז געווען זיכער, אַז דידאָזיקע חלוקה וועט נישט אָנקומען אַזוי לייכט.

דאָס לאַנד, וואָס האָט זוכה בגורל געווען, וועט נישט איינשטימען פרייוויליק אויף קיין חלוקה.

דער ה׳ דע-שנאַק, דער גרענלאַנדער דעלעגאַט, דער גליקלעכער געווינער, וואָלט בשום-אופן נישט מסכים געווען צו פירן ווייטער די זיצונגען און במילא זיך צו באַטייליקן אין די ווייטערדיקע אַרבעטן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ. ער איז עס געווען דערדאָזיקער, וועלכן לעוועגטאַל האָט אין זיין באַריכט געמאַכט דעמדאָזיקן פרימאָרגן פאַרן אייגנטימער פון די בלאָנדזשענדיקע מיליאַרדן.

„שוין זינט אַ פּאָר וואָכן — האָט געשריבן דער געלערנטער דירעקטאָר פון דער באָסטאָנער אָבסערוואַטאָריע — האָבן מיר דערציילט וועגן דער וויכטיקער ענדערונג אינם לויף פונם מעטעאָר. היינט וועלן מיר זיך ברייטער פאַרנעמען מיט דערדאָזיקער זאַך, ווייל אונזערע פאָרשונגען האָבן אונז דערפירט צו די אייגשאַפטן פון די ענדערונגען, און דער חשבון ווייזט-אויף זייערע רעזולטאַטן.

„די ענדערונג באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס פון דעם 5-טן יולי אָן האָבן די זייטיקע השפעות אויפגעהערט צו ווירקן אויף די באַוועגונגען פונם מעטעאָר. זינט יענעם טאָג האָט מען נישט באַמערקט קיין שום אָפּנויגן פונם קרייז, און דער מעטעאָר דערנענטערט זיך צו דער ערד אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל עס דערלויבן אים די אומשטענדן פון זיין באַוועגונג. היינט געפינט ער זיך אומגעפער אַ פופציק קילאָמעטער ווייט פון דער ערד.

„ווען די השפעות, וואָס ווירקן אויפן מעטעאָר, זאָלן אויפהערן ווירקן מיט עטלעכע טעג פריער, וואָלט ער, צוליב דער עקסצענטרישער קראַפט, געקענט זיך דערווייטערן פון אונזער פלאַנעט אויפן זעלבן מרחק, מיט

וועלכן ער האָט זיך דערנענטערט. איצט איז עס אוממעגלעך.

„די שנעלקייט פונם מעטעאָר, וואָס איז פאַרקלענערט דורך דער רייבונג אָן די געדיכטערע שיכטן פון דער אַטמאָספער, איז איצט מסוגל אים אויפצוהאַלטן אויף זיין איצטיקן וועג.

„ער וואָלט געבליבן אין דעם מצב אויף אייביק, ווען די סיבה פון אָט דער פאַרקלענערונג, דאָס הייסט, דער ווידערשטאַנד פון דער לופט, וואָלט געקענט באַזייטיקט ווערן. אָבער דידאָזיקע סיבה איז אַ שטענדיקע, און מען מעג דעריבער זאָגן אויף זיכער, אַז דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן.

„נאָכמער, אַזוי-ווי דער ווידערשטאַנד פון דער לופט איז אַ גוט - אויסגעפאָרשטע און באַקאַנטע דערשיינונג, קענען מיר פון היינט און ווייטער גענוי אָנצייכענען די ליניע פונם מעטעאָרס אַראָפּפאַל. אויב עס וועלן נאָר נישט פאָרקומען קיין אומפאָרויסגעזעענע קאָמפּליקאַציעס, און נעמענדיק אין באַטראַכט די אויבנדערמאָנטע פאַקטן, וואָלט מען געמוזט קומען צו די פאָלגנדיקע אויספירן:

1) דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן.

2) דער אַראָפּפאַל וועט פאָרקומען דעם 19-טן אויגוסט צווישן אַזייגער עלף און צוויי פאַרמיטאָג.

3) דער מעטעאָר וועט אַראָפּפאַלן אין אַ שטראַל פון צען קילאָמעטער אַרום דער שטאָט אופּערניוויק אין גרענלאַנד".

ווען דער באַנקיר ראָבערט לעקער זאָל קענען וויסן וועגן דעם אויפרוף פון ה' לעווענטאַל, וואָלט ער געווען שטאַרק צופרידן.

באמת, צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן אויפרוף איז פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפע אויף אַלע מערק, און די אַקציעס פון די גאָלדגרובן האָבן אין אייראָפּע און אַמעריקע פאַרלוירן אַן ערך פיר פינפטל פון זייער ווערט.

קאפיטל זעכצן,

אין וועלכן מיר זעען, ווי אַ מאַסע נייגעריקע מענטשן נוצן-אויס די געלעגנהייט, כדי צו פאָרן קיין גרענלאַנד באַוווּנדערן דעם אראָפּפאַל פונם אומגעוויינלעכן מעטעאָר.

דעם 27-טן יולי אינדערפרי האָט זיך אַ גרויסער עולם פאַרזאַמלט אין טשאַרלעסטאָן, אַ פּאָרט אין דרום-קאַראָלינע, כדי זיך צו געזעגענען מיט דער אָפּפאָרנדיקער דאַמפער-שיף „מאָזיק”. דער געווימל פון די נייגעריקע, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן קיין גרענלאַנד, איז געווען אַזוי גרויס, אַז זינט עטלעכע טעג איז נישט געווען שוין קיין איין פרייע קאַיוטע אויף דערדאָזיקער גרויסער דאַמפער-שיף, הגם זי איז נישט געווען די איינציקע. אַ ריי אַנדערע דאַמף-שיפן פון פאַרשידענע לענדער זענען גע-פאָרן איבערן אַטלאַנטישן ים צו באַפינישן ים, הינטער דעם צפון-קרייז פונם פּאָל.

מען דאַרף זיך דערויף נישט חידושן, אויב מען נעמט אין באַטראַכט די אויפרעגונג, וואָס דער לעצטער אויפרוף פון לעווענטאַלן האָט אַרויסגערופן.

דערדאָזיקער געלערנטער אַסטראָנאָם האָט זיך נישט געקענט טועה זיין. נאָך אַזאַ שאַרפן אָפּשניט, וועלכן ער האָט געגעבן פאַרסיטן מיט הודעלסאָנען, וואָלט ער זיכער נישט ריזיקירט. האַנדלען לייכטזיניק אין אַזעלכע אומגעוויינלעכע אומשטענדן וואָלט געווען אַן אומזין און אַ חוזק; ער האָט דערפון געוווּסט און האָט זיך אויך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון, אַז ער וואָלט אָנ-געהעצט קעגן זיך די גאַנצע וועלט.

פּען האָט דעריבער געמעגט זיין רויק, אַז זיינע אויספירן זענען זיכערע. אַגב, האָט דאָך דער מעטעאָר געדאַרפט אַראָפּפאַלן נישט אין עפּעס אַן אומצוטריטלעך לאַנד, נישט אין די טיפעניש פונם אָקעאַן, וווּ קיין שום מענטשלעכע מי וואָלט אים נישט דערווישט, — נאָר אויף דער צוטריטלעכער גרענלענדער יבשה.

דאָסדאָזיקע ברייטע לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו דענעמאַרק און איז דורך דערדאָזיקער מלוכה באַפרייט געוואָרן עטלעכע יאָר פאַרן דערשיינען פונם מעטעאָר, האָט דער גורל אויסדערוויילט פון אַלע איבעריקע מדינות אויף דער גאָרער וועלט.

אמת, דידאָזיקע מדינה האָט פאַרנומען אַזאַ גרויסן שטח אַז מ׳האָט נישט געקאָנט זאָגן, צי איז עס אַ גרויסע יבשה אָדער בלויז אַן אינזל.

די גאָלד-קויל האָט געקאָנט אַראָפּפאַלן ווייט פון ברעג, הונדערטער מייל פון ים, אַזוי אַז מען וואָלט זי נישט געקענט דערגרייכן.

עס איז זיכער, אַז מען וואָלט, נאַטירלעך, באַזיגט אַלע מניעות, די פּאָלאַרע קעלטן און שניי-זאַווערוכעס, און אין אַ בויט-פאַל וואָלט מען זיך געלאָזט גיין צום סאַמע פּאָל אין געיעג נאָך די טויזנטער מיליאַרדן.

צום גליק אָבער זענען אָט די אַלע באַמיונגען געווען איבעריק. ווייל דאָס אָרט פון אַראָפּפאַל איז געווען גענוי אָנגעצייכנט.

גרענלאַנד האָט אַלעמען צופרידנגעשטעלט, און קיינער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך דער עטוואָס שוין צו קאַלטער רום פון די פּאָלאַרע זעגלער.

ווען דער לעזער זאָל זיך קענען געפינען אויף דער דאַמפשיף „מאָזיק“ צווישן די הונדערטער פּאַסאַזשירן, וווּ עס זענען אויך געווען עטלעכע פרויען, וואָלט ער קודם-כל באַמערקט פינף רייזנדע, וואָס זענען אים שוין באַקאַנט, זייער קעגנוואַרט,

יעדנפאַלס פון פיר פון זיי, וואָלט אים נישט געחידושט.

איינער פון זיי איז געווען מר. פּאָרסיט אין דער געזעל־שאַפט פון אָמיקראָן, וועלכער האָט אויך פאַרלאָזן דעם טורעם אויף עליזאַבעט־סטריט; דער צווייטער איז געווען מר. הודעל־סאָן, וועלכער האָט זיך אויך צעשיידט מיט זיין אָבסערוואַטאָר־יע אויף מאָריס־סטריט.

ווען די זעגלשיף־געזעלשאַפטן האָבן געגומען אָרגאַניזירן עקסקורסיעס קיין גרענלאַנד, האָבן ביידע קעגנער תיכף איינ־געקויפט זיך בילעטן אויף אַהין און צוריק.

מיר קענען ערב זיין, אַז ווען עס זאָל זיין נויטיק, וואָלט זיך יעדערער פון זיי בלי־ספק געדונגען אַ דאַמף־שיף, אַבי אָנ־צוקומען קיין אופּערניוויק.

אַוודאי האָבן זיי נישט געהאַט בדעה צו פאַרכאַפּן די גאָלד־קויל און אַוועקפירן זי קיין וואַסטאָן; זיי האָבן אָבער געהאַלטן פאַר נויטיק צו זיין עדות פון דער אומגעווייגלעכער פאַסירונג.

אַגב — ווער ווייס, צי וועט זיי די גרענלאַנדישע רע־גירונג, דער געזעצלעכער אייגנטימער פונם מעטעאָר, נישט געבן קיין חלק פון די הימלשע מיליאַרדן?

מען קען זיך משער זיין, אַז מר. פּאָרסיט און דר הו־דעלסאָן האָבן זיך נישט באַמיט צו האָבן שכנותדיקע קאַיוטעס אויף דער שיף. בעת דערדאָזיקער רייזע האָבן זיי, פּונקט ווי אין וואַסטאָן, נישט געהאַט צווישן זיך קיין שום שייכות.

פרוי הודעלסאָן האָט זיך נישט אָקעגנגעשטעלט איר מאַנס רייזע, פּונקט אַזוי גוט, ווי די אַלטע מיץ האָט נישט אָפּגערעדט איר באַלעבאָס פון דערדאָזיקער אונטערנעמונג. דער דאָקטאָר אָבער האָט זיך אויך נישט געקענט אַקעגנשטעלן די בקשות פון זיין עלטערער טאָכטער (ער האָט זיך, אַגב, געפילט אַביסל שולדיק לגבי איר) און האָט זי מיטגענומען מיט זיך. דזשעני האָט, אַלזאָ, באַגלייט איר פאָטער.

דער שטויס צו דערדאָזיקער רייזע איז געווען דער גע־

דאַנק, אַז פראַנס גאָרדאָן וועט אפשר באַגלייטן זיין פעטער. די יונגע פּאָר האָט זיך שוין נישט געזען זינט די געוואַלדי-דיקע רייבונגען, וואָס האָבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל צעקריגט די ביידע משפּחות.

דאָס פאַרברענגען אויף דער שיף וואָלט זיי במילא צו-זאַמענגעבראַכט, שוין נישט רעדנדיק וועגן די אָפּטע געלעגנ-הייטן, וואָס זיי וואָלטן געהאַט, צו שמועסן און אויסצוטוישן צווישן זיך זייערע געדאַנקען און געפילן.

די צוקונפט האָט געוויזן, אַז דזשעני איז געווען גערעכט. פראַנס גאָרדאָן האָט באמת באַשלאָסן צו באַגלייטן דעם פעטער, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אין דעם דאָקטאָרס אָפּוועזנקייט קומען אויף מאָריס-סטריט קעגן זיין ווונטש. אַגב, וואָלט ער גע-קאָנט צונויף קומען אין פאַל פון אַ נייעם סכסוך צווישן די קעגנער, און ער האָט אויך נישט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנ-הייט, וואָס וואָלט זיך געקענט שאַפן צום גינסטן פון דערדאָזי-קער קלאָגעדיקער לאַגע.

ער האָט געהאָפט אויף עפּעס אַ גליקלעכן צופאַל, וואָס זאָל קענען פון זיך אַליין אויפפלאָנטערן דעמדאָזיקן קנופּ פון שנאה.

וואָרן דער מעטעאָר, וואָס דאַרף אַראָפּפאַלן אויף דר'ערד, האָט דאָך געקענט ווערן דאָס אייגנטום פונם גרענלאַנדישן פאָלק, אָדער גאָר אַנטרונען ווערן אין די אָפּגרונטן פונם אָקעאַן. מר. לעווענטאַל איז דאָך סוף-כל-סוף נישט מער ווי אַ מענטש, און אַ מענטש קען זיך דאָך טועה זיין! צי איז נישט גרענלאַנד אַרומגערינגלט פון צוויי ימים? די ערשטע-בעסטע אַטמאָספערישע ענדערונג האָט געקענט ווירקן אויף דער ענדע-רונג פונם מעטעאָרס ריכטונג — און במילא נישט פאַרווירק-לעכן די דערוואַרטענע רעזולטאַטן.

אויף דער שיף איז אָבער געווען אַ מענטש, וועלכן אַזאַ מין אויסגאַנג וואָלט זיכער נישט צופרידנגעשטעלט. דערדאָזיקער מענטש איז געווען עוואַלד-דע-שנאַק, דער דעלעגאַט פון גרענ-

לאַנד ביי דער אונטערנאַציאָנאַלער קאָמיסיע, וועלכער איז אויך מיטגעפאָרן מיט דער שיף „מאָזיק״.

זיין מדינה האָט געזאָלט ווערן די רייכסטע מדינה אויף דער וועלט. כדי צו פאַרבאַהאַלטן אַזוי פיל טריליאָנען, וואָלטן נישט געקלעקט אַפילו די גרעסטע און בעסטע רעגירונגס-קאַסעס. גליקלעך איז דאָס פאָלק, וואָס וואָלט נישט געליטן מער קיין נויט און וואָלט פריי געווען פון צאָלן שטייערן; נעמענדיק אין באַטראַכט די מיושבדיקייט פון דער סקאַנדינאַווישער ראַסע, האָט מען געמעגט זיין זיכער, אַז די דאָזיקע ריזיקע מאַסע גאָלד וועט פאַרברויכט ווערן זייער פאָרזיכטיק.

מען האָט, אַלזאָ, געדאַרפט האָבן, אַז דער געלט-מאַרק זאָל נישט איבערלעבן קיין צו גרויסע דערשיטערונג צוליב דעמדאָזיקן שוידער, וואָס יופּיטער האָט אָנגעשיקט אויף דער שיינער דאַנאַע, אויב מען קאָן גלויבן די מיטאָלאָגישע דער-ציילונגען.

דע-שנאַק איז געוואָרן די הויפּט-פיגור אויף דער שיף. די געשטאַלטן פון מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן זענען בלייך געוואָרן לגבי דעם פאָרשטייער פון גרענלאַנד; און גלייכצייטיק דערמיט האָבן זיי זיך ביידע פאַרייניקט אין אַ געמיינזאַמען געפיל פון האַס צו דעמדאָזיקן פאָרשטייער פון אַ מלוכה, וואָס האָט לחלוטין נישט אָנערקענט אַפילו זייער חלק כבוד אין דער דאָזיקער אומשטערבלעכער אַנטדעקונג.

דער וועג פון טשאַרלעסטאָן דער הויפּט-שטאָט פון גרענלאַנד באַטרעפט אַן ערך דרייטויזנט דרייהונדערט מייל, דאָס הייסט, איבער זעקס טויזנט קילאָמעטער. זי האָט געדאַרפט דויערן אַן ערך צוויי וואָכן, שוין צוזאַמען מיט דער סטאַציע אין באָסטאָן, וווּ „מאָזיק״ האָט געזאָלט זיך באַזאָרגן מיט אַ קוילן-זאַפּאַס.

וואָס שייך שפּייז, האָט זיך „מאָזיק״, און אויך די איבעריקע שיפן, באַזאָרגט דערמיט אויף עטלעכע חדשים, ווייל דער צופלוס פון פּאַסאַזשירן וואָלט זיי נישט געלאָזט צוליפערן

שפייז אויפן אָרט.

די שיף איז געשווומען אין דער ריכטונג צו צפון, צו דער מזרח-זייט פון די פּאַרייניקטע שטאַטן. אָבער אויף צומאָרגנס איז זי אַרויס אויפן פולן ים.

אין אָט די טיילן פונם אַטלאַנטישן אָקעאַן איז ס'רוב אין יולי דאָס וועטער זייער גינסטיק, און די שיף איז אונטערן צודעק פון די נאָענטסטע ברעגעס און ביים בלאָזן פונם מערב-ווינט געשווומען איבערן רויקן ים. טיילמאָל בלויז, ווען דער ווינט האָט געביטן זיין ריכטונג, האָט זיך די שיף געטרייסלט, אַרויסרופנדיק די באַקאַנטע צופאַלן.

אויב דער ה' דע-שנאַק איז געווען ווידערשטאַנדס-פעיִק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ דרייפאַכיקן טריליאָנער, קען מען עס אָבער בשום-אופן נישט זאָגן וועגן מר. פאָרסיט און דר. הו-דעלסאָן.

דאָס איז געווען זייער ערשטע ים-נסיעה, און עס איז קיין וווּנדער נישט, וואָס דאָס האָט זיי נישט ווייניק געקאָסט געזונט. פונדעסטוועגן האָבן זיי נישט באַדויערט, למאַי זיי זענען געפאָרן.

מיר דאַרפן נישט צוגעבן, אַז זייער קראַנקהייט איז געווען פאַרן יונגן פּאָר אַ גאַנץ באַקוועמע זאַך. די ים-קראַנקהייט האָט זיי אויסגעמיטן. זיי האָבן טאַקע נישט געפּטרט מיט גאָר-נישט די צייט, ווען זייערע „אַלטע" האָבן געקרעכצט און גע-זיפצט און געבראָכן. זיי האָבן זיך צעשיידט, בלויז כּדי צו קומען צו הילף די קראַנקע.

זיי האָבן עס אָבער געטאָן לויט אַן אָפּגעמאַכטן פּלאַן; זיי האָבן, דהיינו, צעטיילט זייערע פליכטן אויף אַזאַ אופן, אַז דזשעני האָט געטרייסט מר. פאָרסיטן און פראַנס גאָרדאָן האָט באַדינט דעם שלאָפן דאָקטאָר.

ווען דאָס טרייסלען פלעגט ווערן שוואַכער, האָבן די יונ-גע מענטשן אַרויסגעפירט ביידע אַסטראָנאָמען אויף דער פריי-שער לופט, אויפן דעק, אוועקגעזעצט זיי אין די געפלאָכטענע

פּאָטעלן, נישט ווייט איינער פונם אַנדערן, וואָס־אַמאָל נעענטער.

— ווי פילט איר זיך? — פלעגט פרעגן דזשעני, און זי האָט בשעת־מעשה איינגעדעקט די פיס פון מר. פּאַרסיט.

— איך לייד זייער! — פלעגט קרעכצן דער קראַנקער נישט אומקוקנדיק זיך צומאָל, ווער עס רעדט צו אים.

פראַנס גאָרדאָן ווידער, פון זיין זייט, פלעגט פאַרריכטנדיק דעם דאָקטאָר הודעלסאָן די קישנס, פרעגן מיט אַ העפלעכער שטים, גלייך מען וואָלט אים קיינמאָל נישט משלח געווען פונם הויז אויף מאָריס־סטריט:

— ווי שפּירט איר זיך, דאָקטאָר?

ביידע קעגנער פלעגן אַזוי־אַרום זיצן אָט אַזוי עטלעכע שעה צוזאַמען, נישט ווילנדיק לחלוטין וועגן זייער שכנות. כדי זיי צו דערוועקן איז נויטיק געווען די קעגנוואַרט פון ה׳ דע־שנאַק, וועלכער פלעגט פאַרבייגיין נעבן זיי מיט אַ זיכערן טראָט, מעשה־מאַטראָז, וואָס לאַכט זיך אויס פון דער שיף־טרייסלעניש, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, ווי איינער, וואָס זיינע טרוימען האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין גאָלד.

אַ שוואַכער שיין פלעגט דאַן אַ גלאַנץ טאָן אין די אויגן פון מר. פּאַרסיט און מר. הודעלסאָן, וואָס זענען נאָך געווען גענוג שטאַרק, כדי אַרויסצושטאַמלען עטלעכע באַליידיקונגען, פול מיט שנאה.

— דער רויבער פון מעטעאָרן! — האָט געבורמעט מר. פּאַרסיט.

— דער גנב פון מעטעאָרן! — האָט געמורמלט מר. הודעלסאָן.

ה׳ דע־שנאַק האָט זיך אומגעקוקט אויף זיי און נישט געלייגט קיין אַכט אויף זייערע באַמערקונגען; ער האָט אַפילו נישט געוואָלט וויסן, אַז זיי געפינען זיך אויף דער שיף. ער איז אַרומגעגאַנגען מיט דער מינע פון אַ מענטשן, וואָס וועט אין זיין לאַנד געפינען מער געלט, ווי די הונדערטפאַכיקע דעקונג פון אַלע מלוכה־חובות פון דער גאָרער וועלט.

בכלל אָבער איז די נסיעה געווען אַ גינסטיקע. מען האָט זיך געדאַרפט משער זיין, אַז אויך אַנדערע דאַמפּערס, וואָס פאָרן קיין דייוויס, מאַכן-דורך אויפן זעלבן אופן און אין דער-זעלבער צייט דעם וועג אויפן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

„מאָזיק" איז פאַרבייגעשווימען, נישט אָפּשטעלנדיק זיך, ניו-יאָרק. ער האָט זיך פאַרנומען צו צפון-מזרח און זיך געלאָזט אין דער ריכטונג צו באָסטאָן.

דעם 30-טן יולי אינדערפרי איז ער געבליבן שטיין פאַר דער הויפּטשטאָט פון דער מדינה מאַסאַשיט. דעם גאַנצן טאָג האָט ער געמוזט ווידמענען דער פאַרזאָרגונג פון קויל, ווייל אין גרינלאַנד איז דערדאָזיקער אַרטיקל נישט בנמצא.

הגם דער וועג איז געווען אַ גינסטיקער, האָט דאָך די מערהייט פּאַסאַזשירן נישט אויסגעמיטן די ים-קראַנקהייט. פינף, צי זעקס רייזנדע זענען געווען אַזוי אויסגעשעפּט פון דער קראַנקהייט, אַז זיי האָבן געמוזט אויסשטייגן אין באָסטאָן. נאַטירלעך, איז עס נישט געווען מר. פאָרסיט, און אויך נישט מר. הודעלסאָן. ווען זיי זאָלן אַפילו מוזן שטאַרבן אונטער דער ווירקונג פון דער טרייסלעניש, וואָלטן זיי זיך געשעצט גליקלעך, וואָס דאָס געשעט אין שייכות מיטן מעטעאָר, דעם אָביעקט פון זייערע ליידנשאַפטלעכע באַגערן.

די אָראָפּשטייגונג פון עטלעכע פּאַסאַזשירן האָט פרייגעמאַכט עטלעכע קאַיוטעס אויפן דאַמפּער. אינגיכן האָבן זיך געמאָלדן נייע בעלנים.

עס האָט זיך דער עיקר געוואָרפן אין די אויגן אייגער אַ דזשענטלמאַן, אַן עלעגאַנטער מאַן, וואָס איז אָנגעקומען צווישן די ערשטע, כדי צו קויפן אַ בילעט אויף דער שיף. דערדאָזיקער דזשענטלמאַן איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי מר. סעט סטענפאָר, דער מאַן פון אַרקאַדיע וועלקער.

נאָכן גט האָט זיך סעט סטענפאָר צוריקגעקערט קיין באָסטאָן. דער הייסער טוריסט האָט זיך, נאָכן אויפרוף פון מר. לעווענטאַל, געמוזט אָפּזאָגן פון זיין נסיעה קיין יאַפּאַן און זיך

געלאָזט אין וועג אַריין קיין קאַנאַדע, כדי צו באַזוכן די הויפּט־שטעט פון קוועבעק, טאָראָנט, מאָנטרעאַל און אָטאַוואַ. צי האָט ער אַזוי־אַרום געוואָלט פאַרגעסן אָן זיין אַמאָליקן ווייב? דאָס איז געווען אומוואַרשיינלעך. דאָס פּאָרפאָלק איז זיך פריער קעגנזייטיק געפעלן געוואָרן, שפּעטער האָבן זיי זיך אויפגעהערט געפעלן צו ווערן. דער גט, וואָס איז געווען פּונקט אַזוי אומגעוויינלעך, ווי זייער חתונה, האָט זיי פאַנאַנדערגעשיידט. זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען און גאָר. זיי וועלן זיך שוין אפשר קיינמאָל מער נישט זען, און אויב זיי וועלן זיך ווען עס־איז באַגעגענען, איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז זיי וועלן איינער דעם אַנדערן נישט דערקענען.

אין טאָראָנטע, דער איצטיקער הויפּטשטאָט פון קאַנאַדע, האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער סענסאַציאָנעלער ווענדונג פון ה׳ לעווענטאַל. ווען דאָס אַראָפּפאַלן זאָל דאַרפן פּאָרקומען עטלעכע טויזנט מייל ווייט, אין די פאַרוואָרפנסטע לענדער פון אַזיע אָדער אַפריקע, וואָלט ער זיך געוויס אָנגעשטרענגט גובר צו זיין אַלע מניעות און אַהין פאָרן, — נישט דערפאַר, ווייל עס האָט אים אַזוי באַשעפטיקט די הימלשע דערשיינונג, נאָר כדי זיך צוצוקוקן דעם ספּעקטאַקל, וואָס דאַרף פּאָרקומען אין דער קעגנוואַרט פון אַ פאַרהעלטענישמעסיק־קליינעם מענטשן קרייז; כדי צו דערזען דאָס, וואָס מיליאָנען מענטשן זענען נישט בכּח צו זען. דאָס איז געווען אַ צו שטאַרקער נסיון, אַז דער אַוואַנטוריסטישער דזשענטלמען זאָל אים קאָנען באַשטיין. דערצו איז ער אַ צו גרויסער בעלן אויף עקסקורסיעס, און אַגב האָט אים זיין פאַרמעגן דערויף דערלויבט.

דערווייל האָט מען לחלוטין נישט געדאַרפט פאָרן צו די הרי־חושך. די אַרענע, וווּ דאָס כּישופדיקע שוישפּיל האָט געזאָלט פּאָרקומען, האָט זיך געפונען ביי דער שוועל פון קאַנאַדע.

מר. סעט סטענפאָר האָט זיך, אַלזאָ, געלאָזט אין וועג אַריין מיטן צוג קיין קוועבעק, און פון דאַנען, דורך די פּלאַכ־

לענדער פון קאַנאַדע און ניי־ענגלאַנד, קיין באָסטאָן.

אין צוויי מעת־לעתן אַרום האָט זיך „מאָזיק", נישט דער־חייטערנדיק זיך איבעריק פון די ברעגעס, געלאָזט קיין פּאַראַ־מוּנט, דאַן קיין פּאָרטלאַנד, האַלטנדיק זיך שטענדיק נאָענט צו די סעמאַפאָרן, אין דער האָפענונג, אַז זיי וועלן קענען אַריבער־שיקן ידיעות וועגן דעם מעטעאָר, וועלכן מ׳האָט איצט, ביי אַ גינסטיקן וועטער, געקאָנט זען מיטן נאַקעטן אויג.

אָבער די סעמאַפאָרן האָבן געשוויגן, און אַפילו דער סעמאַפאָר „האַליפאַקס" האָט זיך נישט אָנגערופן, בעת מען איז פאַרבייגעשווימען דעמדאָזיקן גרויסן פּאָרט פון ניי־שאָטלאַנד.

וויפל רייזנדע האָבן עס באַדויערט, וואָס דער אויסגוס פונדי, צווישן ניי־שאָטלאַנד און ניי־ברוינשוויג, האָט נישט קיין אויסגאַנג נישט צו צפון און נישט צו מזרח! זיי וואָלטן פאַר־שפּאָרט צו ליידן פון דער אומדערטרעגלעכער וויגעניש, וואָס האָט זי פאַרפאָלגט אַזש ביז קאַפּ ברעטאָן. די צאָל קראַנקע איז געווען גרויס, און צו זיי האָבן געהערט אויך פּאָרסיט און הו־דעלסאָן, נישט געקוקט אויף אַלע באַמיונגען פון דזשעני און פרענס גאָרדאָן.

דער קאַפּיטאַן פון דער דאַמפשיף האָט זיך דערבאַרעמט איבערן הייפל קראַנקע. ער האָט געלאָזט שווימען זיין שיף אין דער ריכטונג צו בעל־איל. דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט צום ברעג פון גרענלאַנד.

די נסיעה איז אַדורך רויק.

דעם 7־טן אויגוסט האָט זיך באַוויזן דער קאַפּ קאָנפאָר.

צום גליק איז נישט נויטיק געווען צו שווימען לענגאויס דעם מזרח־ברעג פון גרענלאַנד. דערדאָזיקער ברעג איז אומצו־טרעטלעך. נישטאָ דאָרט קיין איין פּאָרט, און די ים־כוואַליעס שויבען לחלוטין נישט דעם ברעג. אַקעגן־זשע אין דייוויס פעלן נישט קיין פּאָרטן. אין דער טיפעניש פון די פיאָרדן אָדער הינטער די אינזלען איז נישט שווער צו געפינען אַ זיכערן שוץ־אָרט, און ווייבאַלד דער שטראָם פון דעם דרום־ווינט איז

נישט קיין דירעקטער, קאָן אַ נסיעה פּאַרקומען אין גאַנץ גינ־סטיקע אומשטענדן. אַזוי איז טאַקע געווען דאָסמאָל.

דער טייל פון דעם גרענלאַנדער ברעג פון דעם קאַפּ פאַר־וועל ביזן אינזל דיסקאָ באַשטייט פון משופּעדיקע, ריזיקע פעלזן, וואָס פאַרהאַלטן דעם ווינטשטראָם. אַפילו אין ווינטערצייט איז דער ברעג נישט אַזוי פאַרוואָרפן מיטן אייז, וועלכן עס ברענ־גען אַהער צופירן די שטראָמען פון דעם פאָלאַרן אָקעאַן.

אַזויאַרום איז „מאָזיק" אַדורכגעשווומען דעם ים־אויסגוס דזשילבער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע שעה אין גאָדהאַאַב, ווו דער קוכער פון דער שיף האָט זיך באַזאָרגט מיט פיש, די הויפּט־דערנערונג פון דער גרענלענדער באַפעלקערונג. דערנאָך איז ער פאַרבייגעשווומען די פאָרטן האָלשטיינבאָרג און קריסטיאַנסהאַאַב. דידאָזיקע שטעטלעך, וואָס איינס פון זיי גע־פינט זיך טיף אין דעם ים־אויסגוס דיסקאָ, זענען אויף אַזוי ווייט אַרומגערינגלט מיט די פעלזנוועגט, אַז עס איז בכלל שווער זיך משער צו זיין, זיי זאָלן ווו עס איז עקזיסטירן. זיי זענען אַ שוץ־אָרט פאַר די פישער, וואָס פאָרן אַרום איבער דייווי, פאַנגען וואַלפיש, מאָרסן און פאָקעס, און דערגייען טיילמאָל ביז צום לעצטן ראַנד פון דעם באַפינישן ים.

דער אינזל דיסקאָ, צו וועלכן די שיף איז צוגעשווומען דעם 9־טן אויגוס באַגינען, איז דער וויכטיקסטער פון דער גאַנצער ריי אינזלען, וואָס רינגלען אַרום די גרענלענדער ברע־געס. די קרוינשטאָט פון דעמדאָזיקן פעלזנאינזל איז גאָדהאַוון, וואָס ליגט אויפן דרום־ברעג. דידאָזיקע שטאָט פאַרמאָגט אָנ־שטאָט שטיינערנע הייזער — הילצערנע, געבויט פון כמעט אומ־געטעסעטע בעלקעס, באַדעקט מיט אַ דיקן שיכט דזשעגעכץ, וואָס באַוואָרנט זיי פון דער שלעכטער ווירקונג פון דער לופט. פראַנס גאָרדאָן און סעט סטענפאָר, פאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך נישט געפונען אינטער דער ווירקונג פון מעטעאָר, האָבן זיך שטאַרק באַשעפטיקט מיט דעמדאָזיקן שטעטל, וואָס זיין שוואַרצע מראה איז ווו נישט ווו באַלעבט געוואָרן פון דער רויטער פאַרב

פון די דעכער און פענסטער. נישט ווילנדיק האָבן זיי זיך געשטעלט די פראגע, ווי אזוי, אַ שטייגער, זעט אויס דאָס היגע לעבן אין משך פון די לאנגע ווינטערן? זיי וואָלטן געווען שטאַרק פארחידושט, ווען עמעצער זאָל זיי פארזיכערן, אַז עס שיידט זיך לגמרי נישט אונטער פון דעם לעבן אין שטאָקהאלם אָדער קאָפּענהאַגן. טייל הייזער זענען אפילו נישט געקוקט אויף זייער אָרעמע מעבלירונג, גאַנץ באַקוועם איינגעאָרדנט. זיי האָבן זאַלן, עס-צימערן און אַפילו ביבליאָטעקן, ווייל די, אַזוי צו זאָגן, „העכערע געזעלשאַפט" פון דענישן יחוס פארנעמט זיך מיט ליטעראַטור. דער פאָרשטייער פון דער מאַכט איז דער דעלעגאַט פון דער רעגירונג, וואָס איר זיצאָרט איז אופּערניוויק.

אין דעם פאָרט פון דערדאָזיקער שטאָט האָט זיך „מאָזיק" אָפּגעשטעלט דעם 10-טן אַרום 6 פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי ער האָט געמיטן דעם אינזל דיסקאָ.

קאפיטל זיבעצן,

אין וועלכן דער ווונדערבארער מעטעאָר באַגעגעגנט זיך מיט אַ פּאַסאַזשיר פון „מאָזיק", „מאָזיק" מיט אַפּאַסאַזשיר פון „אָרעגאָן", און דער מעטעאָר — מיט דער ערדקויל.

גרענלאַנד באַטייט: גרין לאַנד. אין פלוג וואָלט גלייכער געווען עס צו רופן „ווייס לאַנד", ווייל דידאָזיקע מדינה איז אייביק באַדעקט מיט שניי. זיין נאָמען האָט גרענלאַנד צו פאַרדאַנקען דער פיינער איראָניע פון זיין טויף-פאָטער, אַ געוויסן „עריק דער רויטער", אַ מאַטראָז פון צענטן יאָרהונדערט, וועלכער איז מסתמא געווען פונקט אַזוי רויט, ווי גרענלאַנד איז גרין.

אַגב, קאָן גריילעך זיין, אַז דערדאָזיקער סקאַנדינאָווער האָט אַזוי-אַרום געוואָלט זיינע מיטברידער צוגעבן חשק צו באַפעלקערן דידאָזיקע גרינע פּאָלאַר-מדינה. דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן.

די קאָלאָניסטן האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרמאַניען פון דעם לאָקנדיקן נאָמען, און איצט האָט די באַפעלקערונג פון גרענלאַנד, שוין צוזאַמען מיט די תושבים, באַטראָפן לפי-ערך צען טויזנט נפשות.

אויב עס האָט ווען עס איז עקזיסטירט אויף דער וועלט

אַ מדינה, וואָס איז לחלוטין נישט מסוגל אויפצונעמען אַ מע־טעאָר, דער ווערט פון פינף טויזנט זיבנהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד, איז עס בלי־ספק די מדינה גרענלאַנד.

אַוודאי איז עס נישט איינעם פון די פּאַסאַזשירן, וואָס די נייגעריקייט האָט זיי געבראַכט צו שלעפּן קיין אופּערניוויק, געקומען אויפן זינען דידאָזיקע זאַכלעכע באַמערקונג. צי וואָלט נישט זיין פלוג געווען פאַרן מעטעאָר אַלצאיינס, ער זאָל אַראָפּ־פאַלן, אַ שטייגער, עטלעכע הונדערט מייל ווייטער, צו דרום צו אויף די ברייטע קאַנאַדער פליינען אָדער פאַראייניקטע שטאַטן, ווו מען וואָלט אים נישט־דער־ערך באַקוועמער געקאָנט גע־פינען?

צי איז טאַקע געווען כדאַי, אַז דווקא אַזאַ זעלטן־באַזונטע און אומגאַסטפריינדלעכע מדינה זאָל ווערן די אַרענע פון אַזאַ וויכטיקער געשעעניש?

אמת, דאָס איז נישט געווען קיין נאָווינע. גרענלאַנד האָט שוין, אַ דאַנק גאָט, געזען פאַלנדיקע מעטעאָרן. צי האָט נאָר־דענסקיאָלט נישט געפונען אויפן אינזל דיסקאָ דריי אייזן־בלאָקן צו פיראונצוואַנציק טאָן אַ שטיק? דאָס זענען וואַרשיינלעך געווען יענע מעטעאָריסטן, וואָס געפינען זיך אַצינד אין דעם שטאָקהאָלמער מוזיי.

אויף וויפיל הער לעווענטאַל האָט זיך נישט טועה געווען, האָט דער מעטעאָר געזאָלט אין אַ מזלדיקער שעה אַראָפּפאַלן אין אַ גאַנץ צוגעגלעכן אָרט, ווו די טעמפּעראַטור שטייגט אין חודש אויגוסט איבערן זעראָ.

אין דער צייט קאָן די ערד באמת ערטערווייז באַרעכטיקן דעם איראָנישן נאָמען פון דער „גרינער" מדינה.

אין די גערטנער זעט מען לכל־הפחות אַ ביסל גאָרטנוואַרג און קרייטעכצער, און ווייטער צו צפון צו, אַ ביסל מאָך מיט פאַרנקרויט.

אויפן ברעג, ווו עס פאַרשווינדט דאָס אייז, אַנטפּלעקן זיך פּאַשע־לאָנקעס, ווו מען קאָן כאָטש אַ ביסל צופיטערן די בהמות.

מילא, קיין הונדערטער אָקסן מיט קי וועט איר דאָ טאַקע נישט געפינען, דערפאַר זענען דאָ פאַראַן מערקווירדיקע ציגן מיט הינער — אַ פשיטא שוין רעניפורן און אָן אַ שיעור הינט.

נאָך אַ צוויי-דריי זומער-חדשים, לויפט-אָן צוריק דער ווינטער מיט זיינע אומענדלעכע נעכט אין האַרבע אַטמאָספע-רישע שטראָמען, וואָס קומען אַרויס פון די פּאָלאַרע שטרייפן. איבער דער ערדשאָל שוועבט אַרום עפּעס אַ מין גרויער שטויב, וואָס ווערט גערופן קאָריאָקאָניט, דער מעטעאָרנשטויב, פול מיט מיקראָסקאָפּישע פלאַנצן, וועלכע נאָרדענסקיאָלד האָט דער ער-שטער באַמערקט.

דערפון אָבער, וואָס דער מעטעאָר האָט געזאָלט אַראָפּ-פאַלן אויף דער גרענלאַנדישער טעריטאָריע, דרינגט נאָך נישט אַרויס, אַז גרענלאַנד האָט געדאַרפט ווערן זיין אייגנ-טימער.

לא די, וואָס אומפּערניוויק געפינט זיך אויפן ברעג פון ים, — דער ים רינגלט אים אַרום פון אַלע זייטן.

דאָס איז אַן אינזל, וואָס געהער צום אינזלען-אַרכיפּעלאַג לענג-אויס דעם ברעג און מען מוז צוגעבן, אַז דער אינזל פון אַ צען מייל אין אומפאַנג איז געווען זייער אַ באַגרעניצטער ציל פאַר אַ פונקט אינדערלופטן.

וואָרים, וויבאַלד ער וועט נישט טרעפן מיט אַ מאַטעמאַ-טישער גענויקייט אין פינטל אַריין, מוז ער אַראָפּפאַלן אין די טיפענישן פון באַפינישן ים.

אַלזאָ, די טיף פון ים דערגייט אין דידאָזיקע געגנטן טייל-מאָל ביז צוויי טויזנט מעטער.

ווי-זשע וועט מען באַוויייזן פון אַזאַ אָפּגרונט אַרויס-צוקריגן אַ משא, וואָס וועגט אומגעפער ניינהונדערט טויזנט טאָן?

דידאָזיקע מעגלעכקייט האָט נישט אויפגעהערט צו פּיי-ניקן דעם הער דע שנאַק, וועלכער האָט זיך נישט איינמאָל

פאַרטרויערט פאַר סעט סטענפאָרן, זיין נייעם וועג-באַ-גלייטער.

אָבער דערצו האָט מען גאָרנישט געקאָנט העלפן, און ער האָט זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיט די אויסרעכנונגען פון דעם געלערנטן לעוועגטאַל.

דאָס אומגליק, פאַר וועלכן הער דע שנאַק האָט זיך אַזוי געשראָקן, האָבן פראַנס גאָרדאָן און ד׳זשעני הודעלסאָן געהאַלטן פאַרן גליקלעכסטן אויסוועג פון זייער איצטיקער לאַגע. ווען דער מעטעאָר זאָל אומקומען, וואָלטן זיך זייערע אַפּוטרופּסים, פון וועלכע עס איז אָפּגעהאַנגען זייער גליק, אויפגעהערט צו אַמפּערן אַרום די בכורה-רעכט סיי צום מעטעאָר גופא, סיי צו זיין נאָמען.

דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער טריט פאָרויס אויפן וועג פון דער באַגערטער און געוווּנטשענער פשרה.

מיר נעמען אָן, אַז ס׳רוב פּאַסאַזשירן פון „מאָזיק״ און אַנדערע שיפן, וואָס זענען איצט געשטאַנען אין פּאָרט או-פּערניוויק, האָבן נישט געטיילט די מיינונג פון דעם יונגן פּאָר.

זיי זענען דאָך געקומען אַהער זען אַן אומגעוויינלעכן ספּעקטאַקל.

ווי עס זאָל נישט זיין, וואָלט אַפילו די נאַכט נישט בכוח געווען צו שטערן זייערע הייסע פאַרלאַנגען, ווייל גאַנצע אַכציק טעג קומט נישט אויף און גייט נישט אונטער די זון אויף דער-דאָזיקער געאָגראַפישער ברייט.

עס זענען אַלזאָ פאַראַן אַלע נויטיקע אומשטענדן אויף צו זען דעם מעטעאָר, — אויב דאָס מזל וועט טאַקע, לויט די ווערטער פון הער לעוועגטאַל, אַראָפּברענגען אַהער דעם מעטעאָר.

באַלד אויף צומאָרגנס נאָכן אָנקומען האָט זיך אַ גרוי-סער עולם פון כלערליי עלעמענטן צעזייט און צעשפּרייט איבער די עטלעכע הילצערנע הייזלעך פון אופּערניוויק, ווו דאָס הויפּט-

הויז איז געווען באַצירט מיט אַ ווייסער פּאַן און רויטן גרענ-לאַנדישן קרייז.

קיינמאָל נאָך האָבן די גרענלענדער איינוווינער נישט געזען אַזאַ אָנפלוס פון געסט אויף די ברעגעס פון דעמדאָזיקן אינזל.

און די גרענלענדער, דאַרף מען וויסן, זענען טיפּן טשע-קאַווע, דער עיקר אויפן מערב-ברעג. נידעריקע, אָדער פון מי-טעלן וווקס, געפּאַקטע, שטאַרקע, מיט קורצע פיס, שלאַנקע הענט, אַ ווייסער צערע, אַ ברייטן און פלאַטשיקן פּנים, כמעט אָן אַ נאָז, מיט ברוינע, עטוואָס שיקלדיקע אויגן, מיט שוואַר-צע, האַרטע האָר, וואָס פאַלן זיי אַראָפּ אויפן שטערן, ענלעך צו די פּאָקעס, וועלכע זיי דערמאָנען שטאַרק מיטן מילדן אויס-דרוק פון זייער פּנים, ווי אויך מיטן דיקן שיכט פעטס, וואָס באַוואָרנט זיי פון דער קעלט.

די מענער און ווייבער גייען אָנגעטאָן אַלצאיינס: שיך, הויזן אָדער מיצלעך; פונדעסטוועגן פאַרקעמען די חנעוודיקע און פריילעכע יונגע פרויען גאַנץ הויך זייערע האָר, פּוצן זיך אין כלערליי מאָדע-שטאָפן און פאַרשידנפאַרביקע סטענ-געס.

די טאַטואירונג, וואָס איז אַמאָל געווען שטאַרק אין גע-ברויך, איז אונטער דער השפעה פון די מיסיאָנערן אינגאַנצן אויפגעגעבן געוואָרן; דערפאַר אָבער איז ביי דידאָזיקע שבטים פאַרבליבן די ליידנשאַפטלעכע ליבשאַפט צו געזאַנג און טענץ, זייער איינציקע פאַרווילונגען.

זייער געטראַנק איז וואַסער און זיי דערנערן זיך מיטן פלייש פון די פּאָקעס און עס-הינט, מיט פיש און וואַסער-יאַגדעס, בקיצור, דאָס לעבן פון די גרענלענדער איז גענוג טרויעריק.

דער אָנקום פון אַזאַ גרויסער צאָל אויסלענדער קיין או-פּערניוויק איז געווען אַ געוואַלדיקער סיורפּריז פאַר די איינ-וווינער פון אינזל, בפרט ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דער

סיבה פון דעם אָנפלוס.

דידאָזיקע בידנע מענטשן האָבן שוין, צום באַדויערן, גע־ווּסט דעם ווערט פון גאָלד און אויך דאָס, אַז די מיליאַרדן, וואָס פעלן אָט־אָט אַראָפּ, וועלן נישט אַריינקומען צו זיי אין די קעשענעס.

זיי האָבן גוט געוווּסט, אַז די מיליאַרדן וועלן אָנפילן די רעגירונגס־קאַסעס, פון וועלכע זיי וועלן שוין, ווי דער שטייגער איז, שוין צוריק נישט אַרויס.

דאָס האָט זיי פונדעסטוועגן נישט געשטערט זיך צו פאַר־נעמען מיט די אייגענע „ענינים״.

ווער ווייס, צי וועט זיך גאָרנישט פאַרגרעסערן דער וווּיל־שטאַנד פון די גרענלענדער בירגער?

יעדנפאַלס איז שוין געווען די העכסטע צייט, אַז צו דער זאַך זאָל נעמען אַ סוף.

ווען צום פאַרט אין אופּערניוויק וואָלטן געוואָלט אָנקו־מען מערער שיפן, וואָלטן זיי פּשוט נישט געהאַט ווו זיך אַהינ־צוטאָן.

און געווען איז עס האַלב אויגוסט, און די שיפן האָבן נישט געקאָנט וואַרטן צו לאַנג, אויב מען זאָל נעמען אין באַ־טראַכט, אַז אין סעפּטעמבער הויבט זיך אָן דער ווינטער. מיטן אָנקום פון דעם צפון־אייז ווערט דער באַפינישער ים אומצוטריט־לעך פאַר ים־נסיעות.

מען האָט אַלזאָ געדאַרפט פאַרלאָזן דידאָזיקע געגנט, וואָ־רים אין קעגנפאַל האָט געדראָט די געפאַר צו ווערן פאַרקאָוועט אין דעם אייז די גאַנצע זיבן אָדער אַכט חדשים פון דעם האַרבן ווינטער אויפן אייז־אָקעאַן.

אין משך פון די לאַנגע שעהן וואַרטעניש האָבן די טו־ריסטן דורכגעמאַכט נישט איין שפּאַציר ווייט אויפן אינזל. זייך פעלזיקער, כמעט פלאַכער באָדן, מיט די לייכטע דערהויבונגען אינדערמיט, איז זייער גינסטיק פאַר פוס־שפּאַצירן. דאָ און דאָרט איז צו זען פליינען, באַדעקט מיט מאָך און מיט אַ מין גראָז,

וואָס איז גיכער געל איידער גרין, און דאָרט וואַקסן קוסטעס, אַ מין איינגעשרומפּענע בעריאָזקעס, וועלכע מען קאָן נאָך זען איבערן צווייאָונזיבעציקסטן פּאַראַלעל.

דער הימל איז ס׳רוב געווען פאַרנעפּלט, נישט זעלטן באַדעקט מיט לייכטע וואָלקנס, וואָס דער מזרח-ווינט פלעגט צוהער ברענגען.

די טעמפּעראַטור האָט נישט אַריבערגעשטיגן צען גראַד אונטערן זעראָ.

דעריבער טאַקע זענען די פּאַסאַזשירן געווען זייער צופרידן פון די באַקוועמלעכקייטן אויף דער שיף, וואָס דאָס שטעטל וואָלט זיי אַזעלכע נישט בכוח געווען צו געבן, און אויך פון דעם שפּייז, וואָס זיי וואָלטן נישט געפונען נישט אין גאַדיהאָון, נישט אין קיין שום אַנדערן ברעג-ישוב.

פינף טעג זענען שוין פאַרביי זינט דער „מאָזיק״ איז אָנגעקומען, ווען דעם 16-טן אויגוסט אינדערפרי איז אָנגעקומען די לעצטע שיף.

דאָס איז געווען אַ דאַמפשיף, אויף וועלכער עס האָט געפלאַטערט אַ פלאַג מיט די 52 שטערן פון די פאַרייניקטע אַמעריקאַנער שטאַטן.

עס איז קיין ספק נישט, אַז דידאָזיקע שיף האָט געבראַכט צו פירן אַ פאַרשפּעטיקט הייפל, וואָס האָט געוואָלט אָנקוקן די גרויסע מעטעאָראָלאָגישע דערשיינונג. אַגב, זי האָט זיך לחלוטין נישט פאַרשפּעטיקט, וויבאַלד די גאָלדערנע קויל האָט זיך נאָך געפונען אין די רוימען.

אַרום אַזייגער עלף האָט די דאַמפשיף „אָרעגאָן״ געלאַנדט.

אינגיכן איז אָפּגעשווומען פון אים אַ שיפל, וואָס האָט געבראַכט צו פירן אַ געוויסן רייזנדן, וועלכן עס איז, משמעות, געגאַנגען אין לעבן צוצוקומען צו דער יבשה פריער ווי די איבעריקע.

גלייך האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דערדאָזיקער

רייזנדער איז געווען איינער פון די אַסטראָנאָמער פון דער באָסטאָנער אָבסערוואַטאָריע, אַ געוויסער ה׳ וואַרף, וועלכער האָט זיך געלאָזט גיין צום רעגירונגס־שעף. אַ באַאַמטער האָט געגעבן צו וויסן וועגן זיין קומען דעם ה׳ דע־שנאַק; דער ווי־דער האָט זיך געלאָזט גלייך לויפן צום הייזל, וווּ עס האָט אויפן דאַך געפלאַטערט די נאַציאָנאַלע פאָן.

מען איז געוואָרן אומרויִק.

אפשר וועט זיך דעם מעטעאָר, צופעליק, פאַרגלוסטן צו פאַרלאָזן די געזעלשאַפט אָן אַ זיי־געזונט און זיך אַרויסדרייען „מעשה־ענגלענדער" אין אַנדערע הימלשע מקומות, ווי עס האָט זיך געוווּנטשן פראַנס גאָרדאָן.

אינגיכן האָט מען זיך אָבער באַרויִקט.

די אויסרעכענונג פון ה׳ לעווענטאַל איז געווען אַ גענויע; ה׳ וואַרף האָט דורכגעמאַכט דידאָזיקע לאַנגע רייזע, נאָר כדי בייצווזיין בעתן פאַל פון מעטעאָר, ווי דער פאָרשטייער פון זיין געלערנטן שעף.

דאָס איז געווען דעם 16־טן אויגוסט. מען האָט נאָך גע־דאַרפט צוואַרטן דריי מעת־לעת אויפן דערשיינען פונם מעטעאָר אויפן גרענלאַנדישן באָדן.

— אויב ער וועט נישט אַריינפאַלן אין ים אַריין! — האָט געברומט פראַנס גאָרדאָן, דער איינאונאיינציקער מענטש, וואָס האָט געהאַט דאָ אַזאַ מין פאַרלאַנג.

ווי עס זאָל נישט זיין, עס זענען נאָך געבליבן דריי טעג ביז אַ באַשייד.

דריי טעג — דאָס איז גאָרנישט, בפרט אין גרענלאַנד, וואָס אַ משוגענער וואָלט סיידן געזאָגט, אַז דאָס לאַנד האָט אַסאַך פאַרגעניגנס.

מען האָט זיך דעריבער געלאַנגווייליקט, און אַן אָנ־שטעקנדיקער גענעץ האָט אַרומגעכאַפּט די ליידיק־אַרומשטייענדי־קע טוריסטן.

איינער פון דידאָזיקע, וואָס די צייט איז זיי אַדורך ווײ־

ניקער לאַנגווייליק, איז בלי-ספק געווען מר. סעט סטענפאָר. אַ וועלט-וואַנדערער, וואָס לאָזט זיך אַהין, ווו עפּעס קומט נאָר פאָר, צוגעווינט צו איינזאַמקייט, — ער האָט געקענט, ווי מען זאָגט, „זיך אַליין האַלטן געזעלשאַפט".

און דאָך האָט, בלויז פאַר זיין נוצן וועגן, — זייער אָפט קומען-פאַר אַזעלכע אומגערעכטיקייטן — האָט געזאָלט איבער-געריסן ווערן די מאַטערנדיקע איינטאָניקייט פון די לעצטע טעג.

מר. סעט סטענפאָר האָט שפּאַצירט איבערן ברעג, כּדי זיך צוצוקוקן, ווי עס לאַנדן אויס די רייזנדע פון „אָרעגאָן", ווען דער אָנבליק פון אַ פרוי אין שיפל האָט אים ממש צוגע-שמידט צום אָרט.

סעט סטענפאָר האָט נישט געגלויבט זיינע אייגענע אויגן.

ער איז צוגעגאַנגען צו איר און מיט אַ טאָן פון ליבער פאַרוווּנדערונג געפרעגט:

— מיס אַרקאַדיע וועלקער, אויב איך האָב נישט קיין טעות?

— מר. סטענפאָר? — האָט זי געענטפערט.

— איך האָב זיך נישט גערעכנט, אַרקאַדיע, אייך צו באַ-געגענען אויף דעמדאָזיקן אינזל!

— און איך אייך אויך נישט, מר. סטענפאָר.

— וואָס מאַכט איר?

— גוט. און איר?

— זייער גוט. אויסגעצייכנט.

אָן שום הקדמות האָבן זיי גענומען שמועסן צווישן זיך, ווי צוויי אַלטע באַקאַנטע, וואָס באַגעגענען זיך אויף אַן אויס-טערלישן אופן.

אַרקאַדיע וועלקער האָט קודם-כּל געפרעגט, אָנווייזנדיק אויפן הימל:

— ער איז נאָך נישט אַראָכגעפאַלן?

— זייט רויִק, נאָך נישט, נאָר באַלד וועט עס געשען.

— בין איך, הייסט עס, געקומען צו דער צייט! — האָט מיס אַרקאַדיע וועלקער מיט העכסטער צופרידנקייט געזאָגט.

— איך אויך — האָט מר. סטענפאָר געענטפערט.

דאָס זענען בלי־ספק געווען אַ פּאָר זייער עלעגאַנטע געשטאַלטן, צוויי מענטשן פון דער געזעלשאַפט, אויב נישט — צוויי אַלטע פריינד, וואָס ביידן האָט זיי פאַרייניקט דיזעלבע נייגעריקייט אויפן אופּערנוויק־ברעג.

אַגב, וואָס איז דער וווּנדער? אוודאי האָט אַרקאַדיע וועלקער נישט געפונען אין סעט סטענפאָרן איר אידעאַל; עס קאָן דאָך אָבער זיין, אַז דערדאָזיקער אידעאַל עקזיסטירט נישט, ווײַבאַלד זי האָט אים ביז איצט נישט געפונען? זי האָט קיינמאָל נישט געשפּירט יענעם פונק, וואָס ווערט אין די ראָמאַנען גערופן „דער זעץ פון אַ דונער", און אויס מאַנגל אין אַ לעגענדאַרן פונק, האָט זי נישט אָפּגעגעבן איר האַרץ צוליב דאַנקבאַרקייט פאַר עפּעס אַ טובה...

די חתונה האָט אויך נישט צופרידנגעשטעלט מר. סעט סטענפאָרן, וואָס עס האָט איר נישט געשטערט צו פילן סימפּאַטיע צום מענטשן, וועלכער האָט איר אַרויסגעוויזן פיל איידלקייט, אָפּזאָגנדיק זיך צו זיין איר מאַן און דאָך צו האַלטן ווייטער זיין אַמאָליק ווייב פאַר אַן אינטעליגענטע, אָריגינעלע און אויסגעצייכנטע פּערזאָן, זינט זי האָט אויפגעהערט צו זיין זיין פרוי.

זיי זענען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אָן טענות, אָן מענות.

מר. סעט סטענפאָר האָט אַרומגערייזט אַליין, אַרקאַדיע ווידער באַזונדער.

אַ קאַפּריז האָט זיי ביידן צוזאַמענגעבראַכט אויפן גרענלאַנדישן אינזל.

פאַרוואָס זאָלן זיי זיך מאַכן, אַז זיי קענען זיך נישט?

וואָס קאָן זיין פּראָסטער, ווי דאָס שקלאַפּערישע האַלטן זיך אָן פּאָראורטיילן און קאָנוועגציאָנעלע ליגנס? נאָכן ערשטן שמועס האָט מר. סטענפאָר פאַרגעלייגט אַרקאַדיען זיין דינסט-גרייטקייט און זי האָט עס גערן אָנגענומען, און זינט דעמאָלט האָבן זיי שוין נישט גערעדט וועגן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר וועגן דער מעטעאָראָלאָגישער דערשיינונג, וואָס איר באַשייד האָט אַ ליאַ-דע טאָג געדאַרפט קומען.

די צייט איז געגאַנגען.

די רייזנדע האָט אַרומגעכאַפּט וואָס-אַמאָל אַ גרעסערע אויפרעגונג, און קודם-כּל — די פאַראינטערעסירטע צדדים, דאָס הייסט, די איינוווינער פון גרענלאַנד און אויך מר. פאָרסיטן מיט הודעלסאָנען, ווייל זיי האָבן נאָך אַלץ געטענהט זייערס.

— זאָל ער כאָטש אַראָפּפאַלן אויפן אינזל! — האָבן גע-טראַכט פאָרסיט מיט הודעלסאָנען.

— און נישט, חלילה, אין אַ זייט! — האָט געטראַכט דער גרענלאַנדישער רעגירונגס-שעף.

— אָבער נישט אונז אויף די קעפּ! — האָבן צוגעגעבן עטלעכע פּחדנים.

צו נאָענט, אָדער צו ווייט, — דאָס האָט אַלעמען באַ-אומרויִקט.

דעם 16-טן און 17-טן אויגוסט איז געווען רויִק. צום אומגליק האָט זיך דער הימל פאַרוואָלקנט, און די טעמפּעראַטור האָט זיך גענומען אַראָפּלאָזן.

אומגעריכט האָט געקענט אָנקומען דער ווינטער. די בערג אויף די ברעגעס זענען שוין געווען מיט שניי באַדעקט, און דער ווינט פון דער זייט איז געווען אַזאַ שניידיקער, אַזאַ דורכ-נעמענדיקער, אַז מען האָט זיך פון אים געמוזט אויסבאַהאַלטן אין די שיף-זאַלן.

בלייבן ווייטער אין אַזאַ קאַלטן קלימאַט האָט קיינער נישט געהאַט בדעה, און אַלע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער דערשיינונג, כּדי וואָס-פריִער אַוועקצופאָרן צו דרום.

בלויז די צוויי קאָנקורענטן זענען געבליבן שטאָל-און-אײַזן ביי זייערע תביעות, כדי צו בלייבן ביים אוצר. מען האָט זיך געמעגט פון זיי ריכטן אויף אַלץ, און פראַנס גאָרדאָן האָט געטראַכט מיט שרעק, ווי וועט זיין טייערע דזשעני אַריבער-טראָגן דעם אָנקומענדיקן ווינטער.

אין דער נאַכט פון 17-טן אויפן 18-טן אויגוסט האָט זיך צעבושעוועט אַ געוואַלדיקער שטורעם.

מיט צוואַנציק שעה צוריק האָט זיך דעם באַסטאָנער אַסטראָנאָם איינגעגעבן פעסטצושטעלן, אַז די שנעלקייט פונם מעטעאָר ווערט וואָס-אַמאָל קלענער.

אָבער דער שטורעם האָט געבושעוועט אַזוי שטאַרק, אַז מ׳האָט זיך געמעגט מורא האָבן, טאָמער רייסט ער נישט אַוועק דעם מעטעאָר.

דער שטורעם האָט געדויערט אָן אויפהער דעם גאַנצן טאָג פון 18-טן אויגוסט, און די ערשטע שעהן פון דער צווייטער נאַכט זענען געוועזן אומרויִקע אויף אַזוי ווייט, אַז די קאַפּיטאַנען האָבן געציטערט וועגן זייערע שיפן.

דערוויל האָט זיך אַרום האַלבע נאַכט, פון 18-טן אויפן 19-טן אויגוסט, איינגעשטילט אינגאַנצן דער שטורעם. די פּאַ-סאַזשירן האָבן אויסגענוצט די געלעגנהייט, כדי פינף פאַרטאָג זיך צו לאָזן צו דער יבשה. צי איז נישט דער 19-טער אויגוסט געוועזן דער באַשטימטער טערמין פאַרן מעטעאָר?

און באמת, אַזייגער זיבן האָט זיך דערהערט אַ הילכיקער זעץ, אַז דער גאַנצער אינזל האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. —

אין עטלעכע מינוט אַרום איז איינער פון די גרענלענדער איינוווינער געקומען צו לויפן מיט דער ידיעה אינם הויז, ווו ס׳האָט געוווינט צו גאַסט ה׳ דע-שנאַק...

דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן אויפן צפון-מערב-ראַנד פון דעם אינזל אופּערניוויק.

קאַפּיטל אַכצן,

אין וועלכן ה׳ דע־שנאַק מיט זיינע צאָלרייכע שותּפים ווילן זיך צוקריגן צום מעטעאָר און זיי זענען בשעת־מעשה עובר אויפן געזעץ פון איינבּרוך.

דידאָזיקע ידיעה האָט זיך פאַרשפּרייט אין אַ רגע.

אין איין מאָמענט האָבן אַלע טוריסטן, די גאַנצע גרענלענדישע באַפעלקערונג, אַלע שיף־מאַנשאַפטן, מיט איין וואָרט — אַ גאַנצער מענטשן־המון האָט גענומען שטראָמען אין דער ריכטונג צום מעטעאָר.

ווען אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט וואָלט נישט געווען אַזוי אַבסאָרבירט פונם מעטעאָר, וואָלט מען זיכער באַמערקט אַ פאַקט, וועלכן ס׳איז געווען נישט אַזוי לייכט צו דערקלערן. גלייך אַ געהיימנישפולער פּאַראָל וואָלט אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט איינער פון די דאַמפּערס אינם אויסגוס אויפגעהויבן דעם אַנקער און איז מיט דער גאַנצער קראַפט אַרויסגעשווומען אויפן ים. דאָס איז געווען אַ שיף אין אַ לענגלעכער פאָרם, אַן אומגעווײנלעך שנעלער. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער נעלם געוואָרן הינטער די פעלזן.

דאָס איז געווען אַ חידוש. צו וואָס קומען קיין אופּערניוויק, וויבאַלד מען פאַרלאַנגט אים אין אַזאַ וויכטיקן מאָמענט?

קיינער אָבער האָט נישט באַמערקט דאָס מערקווירדיקע אָפּפאָרן, ווייל אַלעמען האָט באַשעפטיקט בלויז איין געדאַנק.

די איינציקע זאָרג פונם זיך איילנדיקן עולם, ווי עס האָבן זיך געפונען אַפילו עטלעכע ווייבער און אַפילו עטלעכע קינדער, איז געווען — וואָס-גיכער אָנצוקומען צום אָרט, ווו דער מע-טעאָר איז אַראָפּגעפאַלן. מען איז געגאַנגען אין אומאָרדענונג, זיך געשטויסן און געשטופט. בלויז איין מר. סעט סטענפאָר איז נישט אַרויס פון די כלים.

ער איז נישט געווען גערירט און האָט מיט לייכטער פאַראַכטונג געקוקט אויף דער אויפרעגונג פונם המון. ער האָט זיך אַפילו — צי איז עס געווען אַ מין ראַפינירטע העפלעכקייט אָדער עפּעס אַן אַנדער געפיל? — אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער גאַנצער געזעלשאַפט און זיך געלאָזט גיין אין דער פאַר-קערטער ריכטונג, אַנטקעגן דער אָנקומענדיקער אַרקאַדיע וועל-קער. אַגב, צי איז עס נישט געווען קיין נאַטירלעכע זאַך, וואָס די אַלטע באַקאַנטע ווילן גיין צוזאַמען באַטראַכטן דעם מעטעאָר?

— ענדלעך איז ער אַראָפּגעפאַלן, מר. סטענפאָר! — זייגען געווען די ערשטע ווערטער פון אַרקאַדיע וועלקער.

— ענדלעך אַראָפּגעפאַלן! — האָט סעט סטענפאָר גע-ענטפערט.

— ענדלעך אַראָפּגעפאַלן! — האָט אָך אויפהער איבערגע-חזרט דער המון, איילנדיק צום צפון-מערבדיקן ראַנד פונם אינזל.

דאָך האָבן פינף פערזאָן באַוויזן איבערצויאָגן די איבע-ריקע. אין דער שפּיץ איז געגאַנגען ה׳ דע-שנאַק, דער דעלע-גאַט פון גרענלאַנד אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, פאַר וועלכן עס האָבן געמאַכט פּלאַץ אַפילו די אומגעדולדיקסטע פערזאָנען.

אַזוי-אַרום איז דאָס פריי-געוואָרענע אָרט תיכף פאַרנומען געוואָרן דורך פּאָרסיטן און הודעלסאָנען, וועלכע האָבן זיך אַזוי-אַרום אַרויסגערוקט צום שפּיץ צוזאַמען מיט זייערע טרייע באַ-באַגלייטער, פראַנס און דזשעני.

דאָס יונגע פּאָר האָט נאָך אַלץ אויסגעטוישט צווישן זיך די ראָלן, ווי פֿריִער אויף דער שיף. דזשעני האָט באַגלייט דעם מר. פּאָרסיט, און פֿראַנס האָט זיך פֿאַרנומען מעשה-אַפּוטרופּוס מיטן דר. הודעלסאָן. מיר מוזן מודה זיין, אַז נישט אַלעמאָל איז זייער דינסט-גרייטקייט גוט אויפֿגענומען געוואָרן, אָבער דאָס מאָל זיינען ביידע קאָנקורענטן געווען אַזוי שטאַרק געריִרט, אַז זיי האָבן נישט באַמערקט איינער דעם צווייטנס קעגנוואָרט. עס האָט, אַלזאָ, קיין רייד נישט געקענט זיין וועגן קיין שום שלעכטן ווילן לגבי די יונגע מענטשן, וועלכע זיינען די גאַנצע צייט געגאַנגען צווישן זיי ביידן האַנט-ביי-האַנט.

— דער דעלעגאַט וועט דער ערשטער פֿאַרכאַפּן דעם מעטעאָר — האָט מר. פּאָרסיט געברומט.

— און אַרויפֿלייגן אויף אים זיין לאַפּע — האָט דר. הודעלסאָן צוגעגעבן, מיינענדיק, אַז ער ענטפֿערט פֿראַנסן.

— אָבער דאָס שטערט נישט, אַז איך זאָל פֿאָדערן מיינע רעכט! — האָט מר. פּאָרסיט געזאָגט, כלומרשט צו דזשענין.

— אַוודאי! — האָט מר. הודעלסאָן באַשטעטיקט, טראַכטנדיק בשעת-מעשה וועגן זיינע אייגענע רעכט.

צו דער גרויסער צופֿרידנקייט פֿונם שוועסטער-זון און פֿון דער טאָכטער, האָט זיך עפּעס אויסגעדוכט, אַז די צוויי קעגנער פֿאַרגעסן ביסלעכווייז אָן זייערע אייגענע, פּערזענלעכע טענות און זיי דערנענטערן זיך, צוגעצויגן קעגנזייטיק פֿון דער שותּפֿותדיקער שנאה צום פֿיינט.

אַ דאַנק אַ גליקלעכן צופֿאַל, האָט זיך דער אַטמאָספֿעַרישער מצב געענדערט צום גוטן. דער שטורעם האָט אויפֿגעהערט, ווי-נאָר דער ווינט האָט זיך פֿאַרנומען צו דרום-זייט. אויב די זון האָט זיך אויפֿגעהויבן בלויז עטלעכע גראַד איבערן האָריזאָנט, האָט זי לכל-הפּחות געשיינט דורך די וואָלקנס, וואָס האָבן זיך, אַ דאַנק די שטראַלן, פֿאַרקלענערט. קיין רעגן איז נישט געפֿאַלן, דער ווינט האָט אויפֿגעהערט בלאָזן, דאָס וועטער איז געווען לויטער, די צייט אַ רויִקע, און דער טערמאָמעטער האָט

געוויזן אַכט ביז ניין גראַד איבערן נול.

פון דעם שטעטל ביזן ברעג פונם אינזל איז געווען הע־כער אַ מייל, וועלכן מ׳האָט געדאַרפט אַריבערגיין צופוס, וואָרעם אין אופערניוויק איז קיין איין פור נישט געווען. אַגב, איז דער וועג נישט געווען קיין שווערער, — אַ פעלזיקע פלאַך, בלויז עטוואָס העכער אינמיטן, נאָענט צום ברעג, ווּ עס זיינען געווען עטלעכע הויכע פעלזן־בערג.

הינטער דידאָזיקע פעלזן איז טאַקע אַראָפּגעפאַלן דער מעטעאָר, און מ׳האָט אים דעריבער פונם שטעטל אַרויס נישט געקענט דערזען.

דער אָרטיקער איינוווינער, וואָס האָט דער ערשטער גע־בראַכט די ידיעה, האָט זיי געדינט ווי אַ וועגווייזער. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען ה׳ דע־שנאַק, דאַן פאָרסיט און הודעלסאָן, פראַנס און דזשעני, און הינטער זיי אָמיקראָן און אַ באָסטאָנער אסטראָנאָם, און ערשט ווייטער — דער גאַנצער עולם טוריסטן.

עטוואָס ווייטער זענען געגאַנגען סעט סטענפאָר און אַר־קאַדיע וועלקער, די געוועזענע מאַן־און־ווייב האָבן געהערט די מעשה וועגן דער רייסעניש צווישן די צוויי משפחות; אַגב, האָט זיך סטענפאָר דערוווּסט פון פראַנסן, מיט וועלכן ער האָט זיך אויפן דאַמפער נענטער באַקאָנט, וועגן די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער רייסעניש.

— אַלץ וועט זיין כּשורה! — האָט אַרקאַדיע וועלקער נבואה געזאָגט, ווען זי האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם גורל פון די חתן־כּלה.

— הלוואַי! — האָט סעט סטענפאָר צוגעגעבן.

— אַוודאַי! — האָט אַרקאַדיע געזאָגט — און דאַן וועט אַלץ נאָך בעסער זיין. אַ ביסל שוועריקייטן, מר. סטענפאָר, אַ ביסל דאַגות ברענגען מאַן־און־ווייב נישט קיין שאָדן. אַ בונד, וואָס געשעט צו שנעל, מוז דעריבער שנעל צעריסן ווערן! זענט איר מסכּים דערמיט?

— פולשטענדיק,׳ מ׳ס אַרקאַדיע. אַ שטייגער, מיר... איך

פינף מינוט... רייטנדיק אויף פערד... אַזויפיל צייט, כדי אָפּצו־לאָזן די לייצעס...

— און כדי אין זעקס וואָכן אַרום זיי ווידער אָפּצולאָזן, אָבער דאָסמאָל שוין זיך אַליין! — האָט מיס אַרקאַדיע וועל־קער איבערגעריסן מיט אַ שמייכל — אַזוי־אַרום מעגן פּראַנס גאָרדאָן מיט דזשעני הודעלסאָן, וועלכע האָבן נישט חתונה גע־האַט, רייטנדיק בשעת־מעשה אויף פערד, גאַנץ זיכער זיין, אַז זיי וועלן דערגרייכן זייער גליק.

מיר האַלטן פאַר איבעריק צוצוגעבן, אַז צווישן דעמדאָ־זיקן געזעמל פון נייגעריקע מענטשן, זיינען בלויז סעט סטענ־פּאָר און אַרקאַדיע וועלקער — אויב מ׳זאָל נישט רעכענען די חתן־כּלה — געווען די איינציקע, וואָס האָבן זיך נישט פאַר־נומען מיטן מעטעאָר, נישט גערעדט וועגן אים, נישט געמאַכט קיין שום אויספירן, ווי דאָס וואָלט זיכער געטאָן, אַ שטייגער, דזשאָן פּרוט, וואָס זיין גוטמוטיק פּנים האָט אויפגעלעבט אין זייער געדעכעניש צוזאַמען מיט עטלעכע זכרונות...

דער המון האָט זיך הייטערדיק גערוקט פאָרויס איבערן וועג, וואָס איז באַזייט געווען מיט געמיינע קוסטעס, פון וואָ־נען עס זיינען אַרויסגעפלויגן דערשראָקענע פייגעלעך, וואָס עס פלעגט קיינמאָל נישט טרעפן אין דידאָזיקע געגנטן אין אופּער־ניוויק. אין אַ האַלבע שעה צייט האָט מען אַדורכגעמאַכט דריי פערטל מייל.

עס איז איבערגעבליבן דורכצוגיין אַן ערך טויזנט מעטער, כדי צוצוקומען צום מעטעאָר, וועלכער האָט זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די פעלזן־בערג. דאָרט זאָלן זיי אים, לויט דעם שליחס ווערטער, דערזען דעם מעטעאָר, און דער שליח האָט זיך נישט געקענט טועה זיין.

ער איז געווען פאַרנומען ביי דער ערד־אַרבעט און האָט מיטאַמאָל דערזען דאָס פייערדיקע ליכט פונם מעטעאָר און אויך דערהערט זיין פאַל, ווי אַסאַך זיינע חברים.

אַן אומשטאַנד, וואָס איז אין דערדאָזיקער מדינה אַ פאַ־

ראַדאָקס, האָט געצוווּנגען די טוריסטן צו בלייבן אַ ווײַלע שטיין. עס איז געווען הייס. אַזוי האָט מען, כאָטש דאָס זעט אויס אומוואַרשײַנלעך, געווישט זיך דעם שווייס פון שטערן, גלייך מען וואָלט זיך געפונען אויף אַ מעסיקן קלימאַטישן שטרייף. צי האָט דער שנעלער גאַנג געזאָלט זיין די סיבה פון דערדאָ־זיקער דערוואַרעמונג? אוודאַי איז דאָס אויך געווען אַ סיבה, עס איז אָבער קיין ספק נישט, אַז די טעמפּעראַטור האָט טאַקע גענומען שטייגן.

אין דער נאָענט פונם צפון־מערבדיקן ברעג פונם אינזל, האָט דער טערמאָמעטער געמוזט אומבאַדינגט ווייזן עטלעכע גראַד העכער לגבי דער טעמפּעראַטור פונם שטעטל. עס האָט זיך אַפילו אויסגעדוכט, אַז די היץ שטייגט, וואָס־מער מען האָט זיך דערנענטערט צום ציל.

— צי זאָל די דערנענטערונג צום מעטעאָר ווירקן אויף דער ענדערונג פונם קלימאַט? — האָט מר. סטענפאָר מיט געלעכטער געזאָגט.

— דאָס וואָלט פאַר די גרענלענדער געווען זייער גינ־סטיק — האָט אויך פריילעך געענטפערט מיס אַרקאַדיע.

— וואַרשײַנלעך געפינט זיך נאָך די גאָלד־מאַסע, וואָס איז דערוואַרעמט צוליב דער רייבונג אָן די אַטמאָספערישע שיכטן, אין אַ פייער־צושטאַנד — האָט דער באָסטאָנער אַסטראָ־נאָם דערקלערט — און איר היץ דערגרייכט אַזש צו אונז.

— ס׳איז גוט! — האָט סעט סטענפאָר אויסגערופן — אפשר וועלן מיר גאָר מוזן וואַרטן, ביז דער מעטעאָר וועט זיך אָפּקילן?

— די אָפּקילונג וואָלט געווען אַ שנעלערע, ווען ער פאַלט אַראָפּ מחוץ דעם אינזל, אָנשטאָט אויף אים — האָט פראַנס גאָרדאָן אַ טראַכט געטאָן, זיך אומקערנדיק צו זיין באַליבטן ווונטש.

אים איז אויך געווען הייס, און נישט בלויז אים, נאָר אויך ה׳ דע־שנאַקן און ה׳ וואַרפן, וועלכע האָבן אויך געשוויצט,— צוזאַמען מיט זיי אויך דער גאַנצער עולם און אַלע גרענלענ־

דער, וואָס האָבן קיינמאָל אַזאַ נחת-רוח נישט געהאַט.

זיי האָבן זיך אַ ווײַלע אָפּגערוט און זיך געלאָזט גיין ווײַ־טער. נאָך פינפהונדערט מעטער זענען איבערגעבליבן ביזן פעלזן־אויסבויג, נאָך וועלכן עס האָט זיך געדאַרפט באַווײַזן דער מע־טעאָר אין זײַן גאַנצער פּראַכט.

צום באַדויערן, מיט צווייהונדערט טריט ווייטער, האָט זיך ה׳ דעשנאַק, וועלכער איז געגאַנגען אין דער שפּיץ, געמוזט אָפּ־שטעלן, און נאָך אים אויך פּאַרסיט און הודעלסאָן, און באַלד טאַקע דער גאַנצער עולם. דאָסמאָל איז נישט די היץ געווען די סיבה פונם אָפּשטעל, נאָר אַ גאַנץ אומגעריכטע מניעה, אויף וועלכער מ׳האָט זיך אין אַזאַ מין מדינה צום ווינציקסטן געקענט ריכטן.

דער פּלויט, וואָס איז באַשטאַנען פון פלאָקנס, פאַרבונדן צווישן זיך דורך דריי רייען דראָטן, האָט געצייכנט אַן אומ־ענדלעכע קרומע ליניע, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון ביידע ברעג-זייטן, פאַרמאַכנדיק פון אַלע זייטן דעם דורכ־גאַנג. ווו-נישט-ווו האָט מען אויף די העכערע סלופּעס גע־קענט זען אַזעלכע טאָוועלעך מיט אויפשריפטן אויף ענגליש, פראַנצויזיש און דעניש. ה׳ דע-שנאַק האָט אויף איינער פון די טאָוולען איבערגעלייענט מיט גרויס דערשטוינונג: „פּריוואַט-אייגנ־טום. „אַריינגאַנג פאַרבאָטן״.

פּריוואַט-אייגנטום אין אַזעלכע ווייטע מקומות — דאָס איז באמת עפּעס אומגעווייגלעכס! אויף די זוניקע ברעגעס פונם מיטל־לענדישן ים אָדער אויף די מער-פאַרנעפּלטע אָקעאַן-ברעגעס — האָבן אַזעלכע זומער-ווינונגען אַן עקזיסטענץ-באַרעכטיקונג. אָדער אויף די ברעגעס פונם אייז-אָקעאַן!... וואָס טויג דאָסדאָזיקע ווילדע, פּעלזיקע אייגנטום דעם מערקווירדיקן באַזיצער?

יעדנפאַלס איז דאָס נישט ה׳ דע-שנאַקס עסק. אַזוי צי אַנ־דערש, דאָס פּריוואַט-אייגנטום האָט אים פאַרצוימט דעם וועג, און דידאָזיקע ריין-עטישע מניעה האָט אים אָראָפּגעשליידערט מיט־אַמאָל פון די הויכקייטן פון זײַן התלהבות. אַן אָפיציעלער דע־

לעגאַט מוז שאַנעווען די געזעצן, אויף וועלכע עס שטיצן זיך די רעכט פון אַלע ציוויליזירטע געזעלשאַפטן, און די אומבאַרירלעכקייט פון פּריוואַט-אייגנטום-נחלאות איז אַן אַקסיאָמע, וואָס ווערט אומעטום געשעצט.

אַגב, האָט דער אייגנטימער געדענקט אויפמערקזאַם צו מאַכן דערויף די יעניקע, וועלכע האָבן געקענט דערפון פאַרגעסן. „אַריינגאַנג פאַרבאָטן" — דידאָזיקע ווערטער אויף די טאָוולען, אָנגעשריבן אין דריי שפּראַכן, האָבן דערויף עדות געזאָגט.

ה' דע-שנאַק איז געשטאַנען און נישט געוווּסט, וואָס טוט מען דאָ. בלייבן שטיין — איז דאָך אַ שרעק! פון דער צווייטער זייט אָבער — ווי האָט ער געקענט אָנרירן אַ פּריוואַט אייגנטום און דערמיט צעטרעטן מיט די פיס אַלע מענטשלעכע און געטלעכע רעכט!

אין דער לאַנגער שורה פון הינטן האָט זיך געלאָזט הערן וואָס-אַמאָל אַ שטאַרקערע געברומעריי, וועלכע האָט ביסלעכווייז אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן המון. פאַרבליבענע פון הינטן, נישט ווייסנדיק וואָס דאָ קומט פאָר, האָבן זיי ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דער פאַרהאַלטונג. די ידיעה וועגן דער נייער שטערונג האָט זיי להלוטין נישט צופרידנגעשטעלט, און דידאָזיקע אומצופרידנקייט, וואָס האָט כּסדר געשטיגן האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ מוראַדיקן געפילדער, אין וועלכן אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען.

ס'טייטש, זאָל מען בלייבן שטיין צוליב אַזאַ מין צוים? דערויף האָט מען עס, אַפּנים, דורכגעמאַכט טויזנטער מיילן, כּדי עפּעס אַ נישטיק שטיקל דראָט זאָל זיי פאַרשטעלן דעם וועג? דער אייגנטימער פונם באָדן קען נישט האָבן קיין שום תּביעות צום מעטעאָר. ער האָט נישט געהאַט קיין שום סיבה צו פאַרווערן דעם אַריינגאַנג. איבעריקנס, אויב אַפילו עס איז אַזוי, איז נישטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי אַריינצורייסן זיך מיט געוואַלד.

צו האָט זיך ה' דע-שנאַק געלאָזט איבערצייגן פון דידאָ-

יקע ענערגישע אַרגומענטן? דאָס איז אומבאַוווסט; דער עיקר — ער האָט זיך געלאָזט בויגן און אַלע האָבן גענומען צווייפלען אין זיינע פּרינציפּן. פּונקט איז קעגנאיבער געווען אַ פּאָרטקע, פאַרמאַכט מיט אַן איינפּאַך שנירל. האָט ער עס איבערגעשניטן מיט אַ מעסערל און איז אַרויף אויף אַ פּרעמדן, פאַרבאָטענעם באָדן, נישט אַ טראַכט טוענדיק צומאָל, אַז ער האַנדלט ווי אַן איינפאַכער גזלן.

דער המון האָט זיך הינטער אים געשטופּט צו דער פּאָרטקע אָדער אַריבערגעשפּרונגען איבער די דראָטן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דער המון פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע פּריוואַט-אייגנטום, — אַ המון פון דריי טויזנט פאַרשוין, אַן אויפגערעגטער, אַ טומלדיקער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו פּלוידערן וועגן דעמדאָזיקן צופאַל!

מיטאַמאָל איז אָבער, ווי אונטער דער ווירקונג פון אַ צויבערשטעקעלע, געוואָרן שטיל.

אַ הונדערט מעטער פון דעם צוים האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אַלעמענס אויגן אַ הייזל, וואָס איז ביז איצט געווען באַהאַלטן הינטער אַ בערגל. אין דער טיר פון דער אָרעמער כאַטע האָט זיך באַוויזן אַ מענטש מיט אַ מערקווירדיקן אויסזען.

מיט אַ האַרבן קול האָט ער זיך אָנגערופן אויף פראַנצויזיש צו די פאַרכאַפּערס:

— העי, הערט נאָר! זשענירט זיך נישט. פילט זיך, ווי ביי זיך אין דערהיים!

ה׳ דע-שנאַק האָט פאַרשטאַנען פראַנצויזיש. דעריבער איז ער שטיין געבליבן אויף אַן אָרט, און הינטער אים אַלע טוריסטן, וועלכע האָבן בשעת-מעשה מיטאַמאָל געווענדט זייערע דרייטויזנטפאַכיקע בייגעריקע פּנימער צום אומגעוויינלעכן פאַרשוין:

קאַפּיטל נײַנצן,

אין װעלכן ס׳װערט דערציילט, װי אַזױ אין זעפירין קסירדאַלן דערװעקט זיך אַ שרעקלעכער עקל צום מעטעאָר, און אויך װעגן די רעזולטאַטן, װאָס זײַנען דערפֿון אַרויסגעקומען.

װען זעפירין קסירדאַל זאָל זײַן איינער אַליין — צי װאָלט ער גינסטיק אַדורכגעמאַכט די רייזע? סוף־כּל־סוף איז אַלץ מעגלעך. גערעכט װאָלט אָבער געװען דער, װאָס װאָלט געהאַלטן פֿאַרקערט.

קיין געלעגנהייט צו גיין צוליב דעם אין געװעט האָט זיך נישט געמאַכט דערװײַל, װײַל עפּעס אַ מזלדיקער שטערן האָט איבערגעענטפֿערט קסירדאַלן אין די הענט פֿון אַן אַפּוטרופּוס, װאָס זײַן פּראַקטישער חוש איז געװען נישט קלענער פֿונם פֿאַנטאַזיאָרס רײַכן כּוח־הדמיון. דערפֿאַר טאַקע האָט זיך אײַנגעגעבן צו באַזיגן פֿלערליי מניעות, װאָס האָבן זיך געמאַכט אינטערװעגס, און קודם־כּל אַ דאַנק דעם ה׳ ראָבערט לעקער, װעלכער האָט געװוּסט די שװערע נסיעה צו פֿאַרװאַנדלען ממש אין אַ שפּאַצירגאַנג איבער דער פּאַריזער געגנט.

קיין האַװער זענען זיי געפֿאָרן עטלעכע שעה מיטן שנעלצוג. דאָ האָט אויף זיי געװאַרט אַ פּראַכטפֿולע דאַמפֿשיף, װעלכע האָט העכסט־העפֿלעך אויפֿגענומען די רייזנדע און זיך תּיכּף געלאָזט אין װעג אַרײַן, נישט מיטנעמענדיק מיט זיך מער קיינעם

„אַטלאַנטיק” איז נישט געווען קיין געוויינלעכע שיף, נאָר אַ יאַכט פון פינף ביז זעקסהונדערט טאָן אין אומפאַס, וועלכן ה׳ ראָבעט לעקער האָט געדונגען ספעציעל פאַרן אייגענעם געברויך. צוליב דער וויכטיקייט פון דער אונטערנעמונג האָט דער באַנקיר געהאַלטן פאַר נויטיק צו האָבן די געלעגנהייט זיך פריי צו פאַרשטענדיקן מיט דער ציוויליזירטער וועלט. די גרויסע הכנסות, וועלכע ער האָט דערוואָרבן פון כלערליי גינסטיקע פינאַנסיעלע אָפעראַציעס מיט גאָלד־גרובן, האָבן אים דערלויבט אויף דעמדאָזיקן פירשטלעכן לוקסוס, אויף אַלערליי קאַפריזן און אויך אויף דעמדאָזיקן פּרעכטיקן יאַכט, דעם בעסטן, וועלכן ער האָט זיך אויסגעקליבן צווישן הונדערט אַנדערע ענגלישע שיפן.

„אַטלאַנטיק” איז געווען דאָס אייגנטום פון איינעם אַ לאָרד, אַ מולטימיליאַרדער, וועלכער האָט אים ספעציעל געלאָזט אויפבויען פאַר אַשנעלערער און באַקוועמערער וואַסער־קאָמוניקאַציע. אַ לענגלעכער און שלאַנקער, האָט ער דאָך אַ דאַנק זיינע מאַשינען, די קראַפט פון פיר טויזנט פערד, געקענט איבעריאָגן אַפילו די גרעסטע שיפן. דידאָזיקע שנעלקייט האָט צוגעצויגן ה׳ לעקער און צוגעאיילט זיין באַשלוס אויסצוקלייבן דידאָזיקע שיף, וועלכע וואָלט זיי אין אַ נויט־פאַל, געקענט ברענגען אומגעהייערע נוצן.

זעפירין קסירדאַל האָט זיך לחלוטין נישט געחידושט, וואָס ער האָט צו זיין דיספּאָזיציע אַזאַ מין שיף. עס איז אַפילו מעגלעך, אַז ער האָט גאָר דידאָזיקע קלייניקייט נישט באַמערקט. יעדנפאַלס האט ער אַריינגעשטיגן אין יאַכט און זיך ברייטלעך צעזעצט אין זיין קאַיוטע, נישט אויסריידנדיק קיין וואָרט.

דער שטח צווישן האַווער און אפערניוויק באַטרעפט אַן ערך אַכטהונדערט ים־מייל, וועלכער דער „אַטלאַנטיק” איז געווען בכוח אַדורכצושווימען, מיט דער גאַנצער קראַפט, אין משך פון זעקס טעג.

אָבער ה׳ לעקער האָט זיך לחלוטין נישט געאיילט, און דערפאַר האָט די נסיעה געדויערט צוועלף טעג. זיי זעבען אַזוי־

ארום אָנגעקומען קיין אופּערניוויק ערשט דעם 18-טן יולי אין אָוונט.

בעת דער נסיעה האָט זעפירין קסירדאַל כמעט לחלוטין נישט גערעדט. אומזיסט האָט ה׳ לעקער געפּרוווט ביים עס־טיש, ווו זיי האָבן זיך שוין געמוזט טרעפן, אָנקניפּן מיט אים אַ שמועס מכּוח דער רייזע; ער האָט זיך נישט דערוואָרט אויף קיין ענטפער.

אַפילו דאָס וואָרט „מעטעאָר" האָט ביי אים נישט אַרויסגערופן קיין שום געדאַנק אָדער ענטפער; עס האָט אויסגעזען, גלייך ווי ער וואָלט לחלוטין פאַרגעסן אָן דער עקזיסטענץ פונם מעטעאָר, און קיין שום גייסטיקע אָנרעגונג, קיין שום גלאַנץ האָט זיך נישט באַוויזן אין זיינע אָנפאַרביקע אויגן.

וואָרעם קסירדאַל איז אין דעם מאָמענט געווען באַשעפטיקט מיט אַנדערע פּראָבלעמען. אָבער פון וועלכן מין דידאָזיקע פּראָבלעמען זענען געווען, דאָס האָט ער קיינעם נישט אַנפאַרטרויט.

מען האָט זיך אָבער געקענט משער זיין, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם ים, ווייל ער איז נאָכאַנאַנד געווען פאַרקוקט אין די כוואַליעס — אַלצאיינס, צי האָט ער זיך געפינען פון פאָרנט אָדער אויפן הינטערשטן טייל פון דער שיף. עס וואָלט אויך נישט געווען צו דרייסט די השערה, אַז ער האָט אויף אַזאַ מין אופן אָבסערווירט די דערשיינונג פון דעם פלאַךדרוק, וועגן וועלכן ער האָט עפּעס אַ ברום געטאָן צו עטלעכע פאַרבייגייענדיקע פאַרשוינען, מיינענדיק, אַז ער רעדט צו זיין פריינד ראָבערט לעקער.

ווער ווייס אַפילו, צי די אויספירן, וועלכע ער האָט דעמאָלט געמאַכט, האָבן נישט מיטגעווירקט אויף זיינע אומגעוויינלעכע אַנטדעקונגען, וועלכע האָבן אין דער צוקונפט געזאָלט דערשטוינען די גאַנצע וועלט.

צומאָרגנס נאָכן אָנקומען קיין אופּערניוויק, האָט זיך ה׳ לעקער באַמיט צו ווענדן די אויפמערקזאַמקייט פון זיי טויף-

זון אויף דער מאַשין, וועלכע מען האָט אַרויסגעשלעפּט פונם פּוטלאַר.

ער האָט אים פּראָסט-פּשוט אַוועקגעשטעלט די מאַשין פאַר די אויגן. און ער האָט זיך נישט טועה געווען. דאָס מיטל איז געווען באמת ווירקזאַם.

ביים אָנבליק פון דערדאָזיקער מאַשין, האָט זיך זעפּירין קסירדאַל ווי אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף און גענומען זיך אַרומ-קוקן אַרום זיך מיט אַ בליק, וואָס איז פול געווען מיט אַנט-שלאָסנקייט און קלאָרקייט, ווי עס פלעגט אַלעמאָל פּאַסירן ביי אים אין די וויכטיקע מאָמענטן פון זיין לעבן.

— ווו זענען מיר? — האָט ער געפרעגט.

— אין אופּערניוויק.

— און מיין שטיקל ערד?

— מיר וועלן באַלד אַהינגיין.

דאָס האָט נישט געשטימט מיטן אמת. מען האָט קודם-כל געמוזט אַריבערגיין צום ה׳ ביאַרן האַלדאָרסען, דעם שעף פון דער צפון-אינספּעקציע, וואָס זיין זיצאָרט איז לייכט געווען אויסצוגעפינען לויטן פענדל, וואָס האָט דאָרט געפלאַטערט.

נאָכן קעגנזייטיקן באַגריסן זיך, איז מען צוגעטרעטן צום ענין גופא, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַן איבערזעצער, וועלכן ה׳ לעקער האָט אויסגעפונען.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ מניעה, נישט מצד דעם ה׳ ביאַרן האַלדערסאָן, חלילה, וועלכער האָט נישט געהאַט בדעה צו לייקענען דאָס אייגנטום-רעכט, וויבאַלד פאַר אים זענען געלעגן די דאָקומענטן פון דער קניה; אָבער די דאָקומענטן גופא זיינען נישט געווען גענוג קלאָר.

לויט די פּאַפּירן, וואָס זענען געווען מוסטערהאַפט רע-דאַקטירט און באַזאָרגט מיט אַלע נויטיקע אונטערשריפטן און אַמטלעכע חתימות, איז אויסגעקומען, אַז די גרענלענדישע רע-גירונג טרעט-אָפּ, דורך דער פאַרמיטלונג פון איר דיפּלאָמאַטישן פאַרשטייער אין קאָפּענהאַגן, דעם ה׳ זעפּירין קסירדאַל אַ שטיק

באָדן אין דער גרויס פון זיין קוואַדראַט-קילאָמעטער, מיט פיר גלייכן זייטן צו דריי קילאָמעטער אַ זייט, אין דער ריכטונג פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, וואָס זאָלן זיך אַדורכשניידן אונטער אַ גראַדווינקל אין אַ דיסטאַנס פונם צענטראַלן פונקט, וואָס ליגט אויפן "72°51'30 גראַד פון דער געאָגראַפישער צפון-לענג און "55°35'18 גראַד פון דער מערב-לענג, — פאַרן פרייז פון פינפהונדערט קראָן פאַר אַ קוואַדראַט-קילאָמעטער, דאָס הייסט, צוזאַמען העכער זעקס טויזנט פראַנק.

ה' ביאַרן האַלדאָרסען האָט לחלוטין נישט געהאַט קעגן דעם, ער האָט אָבער געמוזט זיך באַקענען מיט דער לאַגע פון אָט דעם צענטראַלן פונקט.

אַוודאי האָט ער עפּעס-וואָס געמוזט הערן וועגן דער געאָגראַפישער לענג און ברייט, — יעדנפאַלס האָט ער געוווּסט, אַז אַזעלכע זאַכן עקזיסטירן.

אָבער דאָ איז אויסגעגאַנגען די גאַנצע וויכטיקייט פון ה' ביאַרן האַלדערסאָן. צי איז די „ברייט" געווען אַזאַ מין פלאַנץ אָדער חיה, און צי איז די „לענג" געווען עפּעס אַזאַ סאָרט מינעראַל אָדער כּלי, — דאָס איז אים לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, און ער האָט זיך דערויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט.

זעפירין קסירדאַל האָט מיט אַ פּאָר ווערטער דערגאַנצט די קאָסמאָגראַפישע ידיעות פונם שעף פון צפון-קרייז און אויך קאָרעגירט די טעותים.

דאַן ד'האָט ער פאָרגעשלאָגן, אַז ער וועט זיך אַליין פאַרנעמען, מיט דער הילף פון די פּאַסיקע מכשירים אויפן „אַטלאַנטיק", מיט די נויטיקע אָבסערוואַציעס און אויסרעכענונגען. אגב, האָט דער דענישער שיפסקאַפּיטאַן, וועלכער האָט זיך גראָד געפונען אין פּאָרט, געקענט קאָנטראָלירן די רעזולטאַטן און מודיע זיין זיין עקספּעלענץ, דעם ה' ביאַרן האַלדערסאָן, וועגן זייער גענויקייט. דאָס האָט מען טאַקע באַשלאָסן.

אין משך פון צוויי טעג האָט זעפירין קסירדאַל פאַרענדיקט די אַרבעט, וואָס אירע רעזולטאַטן האָט דער דענישער

קאַפּיטאַן געקענט פעסטשטעלן מיט דער גרעסטער גענויקייט; דעמאָלט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַ נייע מניעה.

דאָס אָרט אויף דער ערד־קויל, וואָס איז געלעגן אויף דעם באַשטימטן שטח, איז גראָד אויסגעקומען אינמיטן ים, אַ צווייהונדערט מיט פופציק מעטער אין דער צפון־ריכטונג פונם אינזל אופּערניוויק.

ה׳ לעקער, דערשראָקן פון אַזאַ מין אַנטדעקונג, איז געווען אויסער זיך.

וואָס וועט איצט זיין? דערויף, הייסט עס, זענען זיי געקומען אין דעמדאָזיקן העק, כּדי זיך צו דערוויסן, אַז דער מעטעאָר וועט אומקומען אין די אָפּגרינטן פון ים! צי קען מען זיך פּשוט פאָרשטעלן אַזאַ מין לייכטזיניקייט! ווי האָט זעפירין קסירדאַל, אַזאַ גערנטער, געקענט זיך אַזוי טועה זיין?

און דאָך איז דערדאָזיקער שטות געווען אַ גאַנץ פּשוטער. זעפירין האָט נישט געוויסט, אַז דאָס וואָרט „אופּערניוויק״ באַטייט נישט בלויז אַ שטעטל, נאָר אויך אַן אינזל.

נאָכדעם ווי ער האָט מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט דאָס אָרט, וווּ דער מעטעאָר האָט געדאַרפט אַראָפּפאַלן, האָט ער עס זייער גענוי אויסגעזוכט אויף דער קאַרטע פון אַ שול־אַטלאַס, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון טאַש, כּדי צו ווייזן דעם דערצאָרנטן באַנקיר.

דידאָזיקע קאַרטע האָט געוויזן, אַז דער באַשטימטער פּונקט געפינט זיך נישט ווייט פונם שטעטל אופּערניוויק; ער האָט אָבער נישט אָנגעוויזן, אַז דאָסדאָזיקע שטעטל, וואָס ליגט גאַנץ ווייט פון ברעג, געפינט זיך נישט אויף דער יבשה, נאָר אויף אַן אינזל מיטן זעלבן נאָמען, אין אוממיטלבאַרער שכנות מיטן ים. זעפירין קסירדאַל האָט דעמאָלט ווייטער נישט געזוכט, נאָר געגלויבט דערדאָזיקער נישט־גענויער קאַרטע אויפן וואָרט.

זאָל נאָר דידאָזיקע פּאַסירונג נישט אַריבער אָן שלעכטע רעזולטאַטן! איך ווינטש פון גאַנצן האַרצן אונזערע לעזער, זיי זאָלן נישט גרינגשעצן די געאָגראַפיע, און דער עיקר — נישט

פאַרגעסן, אַז אופּערניוויק איז אַן אינזל! אפשר וועט זיי די־דאָזיקע ידיעה צונוץ קומען, ווען זיי וועלן האָבן צו טאָן מיט אַ מעטעאָר, וואָס איז ווערט גאַנצע פינף טויזנט זיבנהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד!

אין דעם פאַל אָבער האָט שוין דידאָזיקע עצה נישט געקענט העלפן...

ווען דער גרענעץ פון דעמדאָזיקן שטיק ערד וואָלט געקענט אויסגעמאָסטן ווערן מער צו דרום צו, וואָלט די ענדערונג, אין פאַל, ווען דער מעטעאָר זאָל זיך אָפּנייגן אין אַ זייט, געווען גרייליך אַ גינסטיקע.

אָבער זעפירין קסירדאַל איז פּשוט געווען אומפּאַרזיכטיק, בעת ער האָט דערגאַנצט די ידיעות פון זיין עקסעלענץ, ה' ביאַרן האַלדערסאָן און בעת ער האָט געפאָדערט די קאָנטראָל פונם דענישן קאַפּיטאַן; דעריבער איז דערדאָזיקער שווינדל געווען אוממעגלעך.

מען האָט, אַלזאָ, ווילנדיק-נישט-ווילנדיק, געמוזט אָננעמען פאַר ליב אַלע רעזולטאַטן פון אַט דעם טעות און איבערנעמען אין דער אייגענער רשות דעם באָדן, וואָס איין טייל זיינער איז געווען וואַסער און אַ צווייטער — יבשה.

דער דרום-גרענעץ פון אַט דעם צווייטן טייל, וואָס גייט אונז אָן צום מערסטן, האָט פאַרנומען טויזנט צווייהונדערט מיט איינאונפופציק מעטער ביים צפון-ברעג פון אופּערניוויק, און זיין לענג האָט מיט דריי קילאָמעטער איבערגעשטיגן די ברייט פונם אינזל אין דעמזעלבן אָרט; דערפון דרינגט אַרויס, אַז די מזרח- און מערב-גרענעצן האָבן געדאַרפט אָנגעצייכנט ווערן אויפן ים.

זעפירין קסירדאַל האָט אַזוי-אַרום באַקומען אַריבער צוויי-הונדערט מיט צווייאונזיבעציק העקטאַר אָנשטאָט די געקויפטע און אָפּגעצאָלטע ניין קוואַדראַט-קילאָמעטער, וואָס עס האָט באַדייטנדיק פאַרקלענערט דעם ווערט פונם אייגנטום. בקיצור — עס איז געווען אַ שלעכט געשעפט.

וואָס שייך ווידער דעם מעטעאָר, איז אויך געווען נישט פייגלדיק.

דער פּאָל-פּונקט, וועלכן זעפּירין קסירדאַל האָט אַזוי גע-נוי אויסגעקליבן, האָט זיך געפונען אויפן ים.

אַוודאַי האָט ער זיך משער געווען, אַז עס קען פּאָרקומען אַן אָפּנייגונג, ווייבאַלד ער האָט אָנגעצייכנט אַרום דעם פּונקט אַ שטח פון פופצנהונדערט מעטער. אָבער פון וועלכע זייט וועט די אָפּנייגונג פּאָרקומען? דאָס האָט ער נישט געקענט וויסן. דער מעטעאָר האָט אַוודאַי געקענט אַראָפּפאַלן אויפן אייזיקן טייל פון זיין נחלה; ער האָט אָבער פּונקט אַזוי גוט געקענט אַראָפּפאַלן אויך אין וואַסער אַריין.

דאָס איז געווען די סיבה פון ה׳ לעקערס גרויסע דאגות.

— וואָס רעכנסטו צו טאָן אַצינד? — האָט ער געפרעגט ביי זיין טויף-זון.

דער לעצטער האָט אויסגעשטרעקט די הענט צום הימל, אַז ער ווייס נישט.

— און דאָך דאַרף מען עפּעס טאָן — האָט דער טויף-פּאָטער מיט אַ שטרענגן קול געענטפערט — דו מוזט אונז אַרויס-פירן פון ז׳ערדאָזיקער אויסגאַנגסלאָזער לאַגע.

זעפּירין קסירדאַל האָט זיך פאַרטראַכט.

— קודם-כל דאַרף מען אָפּצוימען דאָסדאָזיקע שטיקל ערד און אויפבויען אַ דאַך איבערן קאָפּ. דערנאָך וועלן מיר ווײַ-טער זען.

ה׳ לעקער האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. אין משך פון איין וואָך האָבן די מאַטראָזן פון „אַטלאַנטיק", מיט דער הילף פון עטלעכע, גוט באַלוינטע גרענלענדער, אויפגעשטעלט אַ צוים פון דראָטן, וואָס זיינע ביידע עקן האָבן באַרירט דעם ים; זיי האָבן אויך אויפגעבויט אַ הייזל פון ברעטער, אַ באַ-שיידנס, באַזאָרגט בלויז מיט די נויטיקסטע חפצים.

דעם 26-טן יולי, אַן ערך דריי וואָכן פאַרן אַראָפּפאַלן פונם מעטעאָר, האָט זיך זעפּירין קסירדאַל אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

ער האָט קודם-כּל גענוי באַטראַכט די לאַגע פונם מעטע-אָר און דאַן זיך אָפּגעגעבן אײנגאַנצן די מאַטעמאַטישע אויס-רעכענונגען.

די נײַע אויסרעכענונגען האָבן באַשטעטיקט די פּאַריקע. ער האָט קײן שום טעות נישט געמאַכט. קײן אָפּנײַגונג איז נישט געװען. דער מעטעאָר װעט אַראָפּפאַלן אויפן פּאַראויסגע-זעענעם אָרט.

— הײסט עס, אַז אין ים אַרײַן, — האָט ה׳ לעקער גע-דרונגען, קוים באַהערשנדיק זײַן גרימצאָרן.

— אוודאי אין ים אַרײַן. — האָט רויִק געזאָגט קסירדאַל, װעלכער האָט, װי אַן אמתער מאַטעמאַטיקער, געהאַט גרויס פאַר-געניגן פון דער װוּנדערלעכער גענויקײט פון זײַנע אויסרע-כענונגען.

באַלד האָט אָבער תּופס געװען די צװײטע זײַט פונם ענין.

—צו אַלדי רוחות! — האָט ער מיט אַ פאַרענדערטן טאָן אויסגערופן, קוקנדיק מיט קװענקלעניש אויף זײַן טויף-פאָטער.

ה׳ לעקער האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כּוחות.

— זעפּירין! — האָט ער מיט אַ גוטמוטיקן טאָן געזאָגט, װי מען רעדט צו קינדער — איך האָף, אַז מיר װעלן נישט בלײַבן זיצן מיט פאַרלײגטע הענט. מען האָט געמאַכט אַ פע-לער און מען מוז אים פאַרריכטן. װיבאַלד דו ביסט בכּוח גע-װען אַראָפּצוברענגען דעם מעטעאָר פון הימל אויף דר׳ערד, װאָס פאַר אַ באַדײַטונג האָט שוין פאַר דיר אָפּצונײגן זײַן װעג אויף עטלעכע הונדערט מעטער?

— אַזוי מײנסטו, פעטער? — האָט זעפּירין קסירדאַל געענטפערט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ — װען איך האָב געהאַט צו טאָן מיטן מעטעאָר, איז ער געװען מיט פירהונדערט קילאָ-מעטער דערװײַטערט פון דער ערד. פון אַזאַ דיסטאַנס האָט די צוציונגס-קראַפט פון דער ערד געװירקט אויף אַזאַ אופן, אַז די צאָל ענערגיע, װעלכע איך האָב געפּטרט פאַר אײן זײַט, איז

געווען מסוגל אַרויסצורופן אַ גרויסע וואַקלעניש אין דעם גלייכגעוויכט פון מעטעאָר. איצט איז עפּעס אַנדערש. דער מעטעאָר געפינט זיך נענטער. די צוציונגס-קראַפט פון דער ערד ווירקט אויף אים אַזוי שטאַרק, אַז אַ קליינע ענדערונג האָט דאָ קיין שום באַדייטונג נישט. פון דער צווייטער זייט ווידער, האָט זיך די אַבסאָלוטע שנעלקייט פונם מעטעאָר פאַרקלענערט, און עס האָט זיך פאַרגרעסערט זיין ווינקל-שנעלקייט. ער גייט איצט אַדורך ווי בליץ, אין דער סאַמע גינסטיקער פּאָזיציע, און עס קלעקט שוין כמעט קיין צייט נישט עפּעס אויפצוטאָן.

— ביסטו, הייסט עס, אומבאַהאָלפן? — איז צוגעשטאַנען ה׳ לעקער, בייסנדיק אַזש די ליפּן, כדי נישט אַרויסצופּלאַצן.

— דאָס האָב איך נישט געזאָגט, — האָט זעפירין קסירדאַל געענטפערט — נאָר עס איז אַ שווערע זאַך. פונדעסטוועגן מאַכט נישט אויס צו פּרוּוון.

ער האָט ווירקלעך גענומען פּרוּוון, און מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, אַז ער איז דעם 17-טן אויגוסט געווען זיכער אין זיין נצחון.

דער מעטעאָר האָט געזאָלט ענדגילטיק אַראָפּפאַלן אויף דר׳ערד אַ פינפהונדערט מעטער פון ברעג — אַ דיסטאַנס, וואָס איז גענוג, כדי אויסצומיידן כלערליי געפאַרן.

צום אומגליק, האָט זיך אין די ווייטערדיקע טעג צעבושעוועט אַ שטורעם מיט אַזאַ קראַפט, אַז עס האָבן זיך געטרייסלט די שיפן, וואָס זענען געשטאַנען אין פּאָרט, און דער שטורעם האָט אַלץ אַוועקגעריסן פון דער אויבערפלאַך; עס איז, אַלזאָ, קיין חידוש נישט, וואָס זעפירין קסירדאַל האָט, טראַכטנדיק וועגן דעם אומגעווייגלעך-שטאַרקן לופט-שטראָם, געקענט מורא האָבן פאַר אַן ענדערונג אינם וועג-לויף פונם מעטעאָר.

ווי באַוווּסט, האָט דער שטורעם אויפגעהערט אין דער נאַכט פון 18-טן אויפן 19-טן אויגוסט, אָבער די איינוווינער פונם הייזל האָבן נישט אויסגענוצט די מעגלעכקייט זיך אויסצורוען, וועלכע די איינגעשטילטע נאַטור-עלעמענטן האָבן זיי גנעדיק געגעבן.

די דערוואַרטונג פון מעטעאָר האָט נישט דערלאָזט קיין רו. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שקיעה, אַן ערך האַלב עלף אין אָוונט דאַן האָבן זיי געזען דעם זון-אויפגאַנג, אין דריי שעה אַרום, אויפן כמעט לויטערן הימל.

דער אַראָפּפאַל איז פאָרגעקומען אין דערזעלבער שעה, וועלכע זעפּירין קסירדאַל האָט פאָרגעזען. זעקס אַזייגער מיט זיבנאונפופציק מינוט און פינפאונדרייסיק סעקונדעס האָט אַ פייער-שיין אַדורכגעשניטן די רוימען אין דער צפון-זייט, פאַר-בלענדנדיק כמעט דעם ה׳ לעקער און זיין טויף-זון, וועלכע זיי. נען פון אַ שעה געשטאַנען אויף דער שוועל פון הייזל אויפ-מערקזאַם אָבסערווירנדיק דעם האָריזאָנט.

כמעט אין דערזעלבער רגע האָט זיך דערהערט אַ טעמפּער הילך, און די ערד האָט אַ ציטער געטאָן אונטערן שטאַרקן זעץ. דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן.

ווען זעפּירין קסירדאַל און ה׳ לעקער זיינען געקומען צו זיך נאָך דער פאַרבלענדונג, האָבן זיי ראשית-כל דערזען אַ גאַל-דערנע מאַסע, אַן ערך אַ פופציק מעטער פון זיי.

— עס ברענט — האָט ה׳ לעקער אַרויסגעפּליסטערט אונ-טערן רושם פון דער גרויסער גערירטקייט.

— יאָ — האָט זעפּירין קסירדאַל געענטפערט און האָט מער נישט געקענט אויסריידן קיין וואָרט.

ביסלעכווייז האָבן זיי זיך אָבער באַרויקט און גענומען גענויער באַטראַכטן די מאַסע, וואָס איז פאַר זיי געלעגן.

דער מעטעאָר איז באמת געווען אין אַ צעגליטן צושטאַנד. זיין טעמפּעראַטור האָט געמוזט באַטרעפן העכער טויזנט גראַד, און ער האָט געמוזט האַלטן ביים צעשמאָלצן ווערן. דעם שוואָמ-אַרטיקער באַשטאַנד פון דעם קערפּער איז איצט געווען קענטיק, און דאָס האָט באַשטעטיקט די באַמערקונג פון דער גרינוויטשער אָבסערוואַטאָריע, וועלכע האָט אים פאַרגליכן צו אַ שוואָם. די אויבערפלאַך, וועלכע איז אַ דאַנק דער אָפּקילונג מחמת שראַ-לונג טונקעלער געוואָרן, האָבן אַדורכגעשניטן אַ סך קאַנאַלן,

וועלכע האָבן דעם אויג געלאָזט זען אין דער טיף, ווו דער מעטאַל איז געווען צעגליט אַזש ביז צונטער-רויטקייט. דידאָ־זיקע קאַנאַלן, וואָס זיינען געווען צעטיילט, געקרייצט, אויסגע־דרייט אויף כּלערליי אופנים, האָבן געבילדעט אָן אַ שיעור קעמערלעך, פון וואַנען עס האָט זיך אַרויסבאַקומען מיט אַ סווישטש די צעגליטע לופט.

הגם דער מעטעאָר איז געווען שטאַרק צוגעפלאַטשיקט צוליב זיין שווינדלענדיקן אַראָפּפאַל, האָט מען דאָך נאָך אַלץ געקענט פאַנאַנדערשיידן די פאָרם פון אַ קויל. דער אויבערשטער טייל האָט געוויזן אַ גאַנץ רעגלמעסיקע קויל־ליניע, און דער אונטערשטער, אַ צעקוועטשטער, האָט זיך צוגעוואַקסן כּמעט צו דעם ראַציקן באָדן.

— אָבער... ער וועט זיך אַראָפּגליטשן אין ים אַריין! — האָט ה׳ לעקער אין עטלעכע מינוט אַרום אויסגערופן.

זעפּירין קסירדאַל האָט געשוויגן.

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז ער וועט אַראָפּפאַלן פּופּציק מעטער פון ברעג!

— ער געפינט זיך איצט צען מעטער פון ברעג, ווייל מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט די העלפט פון זיין דיאַמעטער.

— צען איז נישט פופציק!

— די אָפּנייגונג איז צוליב דעם שטורעם.

נאָך דעמדאָזיקן וואָרט-אויסטויש זענען זיי ביידע אַנטשוויגן געוואָרן און זיך צוגעקוקט דער גאָלד-מאַסע.

אין דעראמתן איז לעקערס שרעק נישט געווען קיין אומ־זיסטע. דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן אַ צען מעטער פון דעם לעצטן ים-פעלז, אויף אַ פעלזן-זייט, וואָס האָט דעם פעלז פאַ־רייניקט מיטן אינזל. אזוי-ווי דער שטראַל פון דעמדאָזיקן קער־פּער האָט באַטראָפן פינפאונפופציק מעטער, ווי מען האָט ריכטיק פעסטגעשטעלט אין דער גרינוויטשער אָבסערוואַטאָריע, דעריבער האָט דער מעטעאָר אַרויסגעשטאַרצט פינפאונפערציק מעטער אי־בערן חלל. דידאָזיקע ריזיקע מעטאַל-מאַסע, וואָס איז ווייך גע־

וואָרן פון דער וואַרעמקייט און האָט אַרויסגעשטאַרצט איבער דער פעלזן-וואַנט, האָט זיך ווי פאַנאַנדערגעגאָסן לענג-אויס, אַראָפּהענגענדיק טרויעריק כּמעט ביז דער אויבערפלאַך פון ים. נאָר דער צווייטער טייל, וואָס איז געווען אַריינגעפּרעסט אין פעלז, האָט דערהאַלטן די גאַנצע מאַסע איבער דער אויבערפלאַך פון אָקעאַן.

פאַרשטייט זיך, אויב ער איז נישט אַראָפּגעפאַלן, איז עס דערפאַר ווייל ער האָט געהאַט גליייכגעוויכט. אָבער דידאָזיקע גלייכגעוויכט איז געווען כּלל נישט קיין זיכערע, און יעדערער האָט פאַרשטאַנען, אַז ביי דער מינדסטער אויפטרייסלונג וועט דערדאָזיקער לעגענדאַרער אוצר אַראָפּפאַלן אין תּהום אַריין. ווען ער זאָל זיך אַ ריר טאָן פון אָרט, וואָלט ער, נאַטירלעך, נישט אָפּגעהאַלטן פון קיין שום קראַפט, אַראָפּגעגליטשט זיך אַראָפּ, ביז דער ים וואָלט זיך איבער אים פאַרמאַכט.

— דעריבער טאַקע דאַרף מען זיך נאָך מער איילן,—האָט ה׳ לעקער, קומענדיק צו זיך, מיטאַמאָל אַ טראַכט געטאָן — עס וואָלט געווען אַ שגעון צו פטרן צייט איבער נאַרישע טראַכטע-נישן, בעת דאָס ברענגט שאָדן די אייגענע אינטערעסן.

נישט פאַרלירנדיק קיין איין רגע, האָט ער אויפגעהאָנגען די פראַנצויזישע פאָן אויף אַ מאַסטבוים מחוץ דעם הייזל, — אויף אַזאַ הויכן אָרט, אַז מען זאָל זי קענען זען און באַמערקן אויך אין די שיפן, וואָס שטייען אין פּאָרט.

„אַטלאַנטיק" איז גלייך אַרויסגעשווומען אויפן ים און זיך געלאָזט צו דער נאָענטסטער טעלעגראַפישער סטאַנציע, כּדי אויפן אַדרעס פון ראָבערט לעקערס באַנק, אויף דרוא-גאַס אין פּאַריז, אַרויסצושיקן אַ דעפּעשע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט.

„דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן, פאַרקויפן".

אין פּאַריז וועט מען שוין אויספירן דעם באַפעל, און ה׳ לעקער וועט האָבן אַ רייכן שניט, שפּילנדיק מיט זיכערע שאַנסן. ווי-נאָר די ידיעה וועגן אַראָפּפאַלן פון מעטעאָר וועט זיך פאַר-שפּרייטן, וועלן די גרובן-אַקציעס ענדגילטיק פאַלן. ה׳ לעקער

וועט די דעמאָלט צונויפקויפן פּאַר גלענצנדיקע באַדינגונגען. יעדנפאַלס איז דער עסק אַן אויסגעצייכנטער, און ה׳ לעקער וועט יעדנפאַלס. אַזוי צי אַנדערש, פאַרדינען אַ היפּשע צאָל מיל- יאָנען. זעפירין קסירדאַל, גלייכגילטיק צו דידאָזיקע ערדישע זאַכן, איז ווייטער געבליבן פאַרזונקען אין זיינע רעיונות, בעת ער האָט מיטאַמאָל דערהערט הינטער זיך אַ מענטשלעכן געשריי. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען די טוריסטן מיטן ה׳ דע-שנאַק בראש, וועלכע האָבן זיך מיט געוואַלד אַריינגעריסן אין זיין נחלה.

דאָס איז שוין געווען איבער דער טבע! בעת קסירדאַל האָט געקויפט דעמדאָזיקן באָדן, איז ער אויסגעוועזן צו זיין דער באַלעבאָס איבער זיין אייגנטום. ער איז געווען אויפגערעגט פון דעמדאָזיקן אומרעכט.

ער האָט זיך אײליק אַ לאָז געטאָן צו די „פאַרכאַפּער״.

דער דעלעגאַט פון גרענלאַנד איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען.

— ווי אַזוי האָט איר געהאַט דאָס רעכט אַהער אַריינ- צוקומען? — האָט אים קסירדאַל געפרעגט — צי האָט איר נישט געזען די אויפשריפטן?

— זייט מוחל, — האָט ה׳ דע-שנאַק העפלעך געענטפערט — מיר האָבן זיי גאַנץ גוט געזען, מיר האָבן אָבער געמיינט, אַז אין אַזעלכע אויסנאַמלעכע באַדינגונגען וועט איר אונז מוחל זיין, וואָס מיר זיינען עובר אויף די אַלגעמיינע געזעצן.

— אויסנאַמלעכע באַדינגונגען? — האָט קסירדאַל נאַיוו נעפרעגט — וועגן וועלכע אויסנאַמלעכע באַדינגונגען רעדט איר, אייגנטלעך?

די פיגור פון ה׳ דע-שנאַק האָט אויסגעדריקט אַ געוויסע פאַרוווּנדערונג.

— וועלכע אויסנאַמלעכע באַדינגונגען? — האָט ער איבער- געחזרט — צי דאַרף איך אייך מודיע זיין, אַז דער וואַסטאָנער מעטעאָר איז נאָר-וואָס אַראָפּגעפאַלן אויף דעמדאָזיקן אינזל?

— איך וויים וועגן דעם אויסגעצייכנט — האָט קסירדאַל

דערקלערט — אָבער אין דעם איז נישט פאַראַן קיין שום זעלטנ־קייט. דער אַראָפּפאַל פון אַ מעטעאָר איז אַ גאַנץ געוויינלעכער פאַקט.

— אָבער נישט אַ מעטעאָר פון גאָלד!

— יאָ גאָלד, נישט גאָלד, אַ מעטעאָר איז אַ מעטעאָר.

— דידאָזיקע הערן און דאַמען האָבן אָבער אַן אַנדער מיינונג, — האָט ה׳ דע־שנאַק געענטפערט, אָנווייזנדיק אויפן גרויסן המון טוריסטן, וואָס האָבן על־פּי רוב נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט פון דעם גאַנצן שמועס — אָט די אַלע פּערזאָנען זיינען געקומען צופאָרן בלויז מיטן צוועק צו זען, ווי אַזוי עס וועט אַראָפּפאַלן דער וואַסטאָנער מעטעאָר. איר וועט מודה זיין, אַז עס וואָלט געווען צו פריקרע נאָך די גרויסע רייזע־שוועריקייטן צו בלייבן שטיין צוליב עפּעס אַ דראָטן־צוים.

— אמת — האָט קסירדאַל מיט אַ פשרהדיקן טאָן געענטפערט.

נאָך דערדאָזיקער תשובה האָט מען זיך געדאַרפט ריכטן, אַז די זאַך וועט באַקומען אַן אַנדער ווענדונג, ווען ה׳ דע־שנאַק האָט זיך אומגעלומפּערט אָנגערופן:

— איך ווידער האָב זיכער נישט געהאַט קיין שום סיבה צו בלייבן שטיין פאַרן שטאַכעטן־צוים, וועלכע וואָלט מיר געשטערט אויסצופירן דעם אָפיציעלן פאַראָרדענונג, וועלכע איך האָב באַקומען.

— אַ פאַראָרדענונג? דהיינו?

— איבערצונעמען אין מיין רשות דעם מעטעאָר אין נאָמען פון גרענלאַנד, וואָס האָט מיך געשיקט אַהער ווי איר פאַרשטייער.

קסירדאַל איז אויפגעשפּרונגען.

— איבערצונעמען אין אייער רשות דעם מעטעאָר! — האָט ער אויסגערופן — איר זענט געווירט פון זינען, מיין הער!

— איך זע נישט, פאַרוואָס איך זאָל דאַרפן זיין געווירט פון זינען, — האָט ה׳ דע־שנאַק געענטפערט מיט אַ באַליי־

דיקטן סאָן — דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער גרענײ־לאַנדישער טעריטאָריע, געהערט ער, אַלזאָ, צו דער גרענלענ־דער רעגירונג, ווייל ער געהערט נישט צו קיין אַנדערן.

— וויפיל ווערטער, אַזויפיל פעלערן — האָט זעפירין קסירדאַל אָפּגעשפּאַרט מיט אַ שטייגנדיקער היציקייט — ראשית איז דער מעטעאָר נישט אַראָפּגעפאַלן אויף דער גרענלענדער טעריטאָריע, נאָר אויף מיין אייגענע טעריטאָריע, אויב מען נעמט אין באַטראַכט, אַז גרענלאַנד האָט זי מיר אָוועקגעגעבן אָפּיציעל און פאַר געלט. צווייטנס, געהער דער מעטעאָר צו עמעצן, און דערדאָזיקער עמעצער בין איך.

— איר?

— נישט קיין צווייטער.

— מיט וועלכן רעכט?

— אויפן סמך פון אַלע מעגלעכע געזעצן, מיין ליבער הער! אָן מיר וואָלט דערדאָזיקער מעטעאָר געהאָנגען אין די רוימען, וווהין איר וואָלט זיך זיכער, נישט געקוקט אויף אייער הויכן אַמט, נישט געלאָזט גיין אים זוכן. ווי־זשע קען ער נישט געהערן צו מיר, וויבאַלד ער געפינט זיך ביי מיר און וויבאַלד איך האָב אים אַראָפּגעבראַכט אַהער אויף דער ערד?

— וואָס רעדט איר? — איז ה׳ דע־שנאַק געוואָרן צו־דרינגלעך.

— איך זאָג, אַז דאָס האָב איך אים אַראָפּגעבראַכט אויף דער ערד. אגב, האָב איך וועגן דעם תיכף מודיע געווען די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ, וועלכע איז זיך צונויפגעקומען אין וואַשינגטאָן. איך האָף, אַז נאָך מיין דעפעשע זענען דאָרט אַלע אַרבעטן אָפּגעשטעלט געוואָרן.

ה׳ דע־שנאַק האָט געקוקט אויף אים מיט אַ מין ספק: צי האָט ער דאָ צו טאָן מיט אַ ליגן, צי גאָר מיט אַ חסר־דעה?

— מיין הער, — האָט ער געענטפערט — איך האָב זיך באַטייליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ, און קען אייך פאַרזיכערן, אַז ווען איך האָב פאַרלאָזן וואַשינגטאָן, זענען

די זיצונגען פֿאָרגעקומען ווייטער. איך מוז אייך אויך פֿאַרזיכערן אַז איך הויב נישט אָן צו וויסן וועגן דער דעפּעשע, וועלכע איר האָט דערמאָנט.

ה׳ דע שנאַק איז געווען אויפֿריכטיק. אַביסל אַ טויבלעכער, האָט ער קיין איין וואָרט נישט געהערט פֿון דער דעפּעשע, וועלכע מען האָט איבערגעלייענט, ווי דער שטייגער איז אין יעדן אָרנטלעכן פּאַרלאַמענט, אין אַ שרעקלעכן טומל פֿון כּלערליי פּריוואַטע שמועסן.

— עס מאַכט נישט אויס, יעדנפֿאַלס האָב איך זי אַרויסגעשיקט, — האָט זעפּירין קסירדאַל גערעדט מיט שטייגנדיקער אויפֿרעגונג — צי זי איז אָנגעקומען אויפֿן באַשטימטן אַדרעס, צי נישט, דאָס האָט נישט לחלוטין קיין ווירקונג אויף מיינע רעכט צום מעטעאָר.

— אייערע רעכט... — האָט געענטפֿערט ה׳ דע-שנאַק, וועלכן עס האָט גענומען פֿאַרדריסן דערדאָזיקער אומגעריכטער וויכּוח — צי האָט איר באמת די עזה צו פֿאָדערן רעכט אין שייכות מיטן דאָזיקן מעטעאָר?

— וואָס דען, צי דאַרף איך זיך זשענירן! — האָט קסירדאַל מיט אַ שפּאָטישן טאָן אויסגערופֿן.

— אַ מעטעאָר, די ווערט פֿון זעקס טריליאָן פֿראַנק?

— טאָ וואָס-זשע איז, מה רעש? ווען ער זאָל אַפֿילו ווערט זיין דרייהונדערט טויזנט מיליאָן מיליאַרד טריליאַרדן, וואָלט ער אויך געהערט צו מיר!

— צו אייך... איר שפּאַסט! איין מענטש זאָל באַזיצן מערער גאָלד, ווי די גאַנצע איבעריקע וועלט! דאָס וואָלט געווען אומדערטרעגלעך!

— איך ווייס נישט, צי דאָס וואָלט געווען אומדערטרעגלעך, צי נישט — האָט זעפּירין קסירדאַל אויסגערופֿן — איך ווייס בלויז דאָס, אַז דער מעטעאָר געהער צו מיר.

— מיר וועלן זען — האָט ה׳ דע-שנאַק פֿאַרענדיקט מיט אַ טרוקענעם טאָן—דערווייל וועט איר דערלויבן, מיר זאָלן גיין ווייטער.

דערביי האָט דער דעלעגאַט לייכט אַראָפּגענומען דעם הוט, און אויף זיין צייכן האָט זיך דער וועג-ווייזער געלאָזט גיין ווייטער.

ה׳ דע-שנאַק איז אים נאָכגעגאַנגען, און נאָך אים דער גאַנצער דרייטויזנט-קעפּיקער המון.

זעפירין קסירדאַל האָט, שטייענדיק אויף זיינע לאַנגע פיס, געקוקט אויפן פאַרבייגייענדיקן עולם, וועלכער האָט אים דאַכט זיך, אפילו נישט באַמערקט.

ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט. אַריינגיין צו אים אָן אַ דערלויבעניש און זיך פאַרהאַלטן אַזוי, ווי אין אַ באַזיגטן לאַנד! לייקענען זיינע רעכט! דאָס שטייגט שוין אַריבער יעטוועדער גרענעץ!

וואָס האָט ער אָבער געקענט מאַכן מיט אַזאַ ריזן-עולם! ווען דער לעצטער גייער איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט ער זיך פאַרנומען אויף צוריק, צו זיך אין הייזל. אַ באַזיגטער, האָט ער זיך אָבער נישט געלאָזט איבערצייגן. און גייענדיק, האָט ער אויסגעלאָזן זיין גרימצאָרן צו זיינע שונאימס קעפּ:

— דאָס איז עקלדיק, עקלדיק... — האָט ער אָן אויפהער איבערגעחזרט, פאָכנדיק מיט די הענט, ווי אַ סעמאַפאָר.

דערווייל איז דער עולם שנעל נאָכגעגאַנגען דעם וועג-ווייזער וועלכער האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט פאַרן לעצטן ראַנד פונם אינזל. מען האָט שוין ווייטער נישט געקענט גיין.

ה׳ דע שנאַק און וואַרף האָבן אים איינגיכן דעריאָגט. נאָך זיי זענען געגאַנגען: פאָרסיט, הודעלסאָן, פראַנס און דזשעני, אָמיקראָן, מר. סעט סטענפאָר און אַרקאַדיע וועלקער, און הינטער זיי דער גאַנצער נייגעריקער עולם, וועלכן די שיפן האָבן געבראַכט צו פירן צום ברעג פון באַפינישן ים.

באמת איז ווייטער שוין שווער געווען צו גיין. די אומדערטרעגלעכע היץ האָט זיי נישט געלאָזט מאַכן קיין טריט פאָרויס.

אַגב, וואָלט דערדאָזיקער טריט געווען איבעריק. אַן ערד

פון אַ פירהונדערט מעטער ווייטער האָט מען געזען די גאָלדע־נע קייל, און אַלע האָבן זי געקענט באַוווּנדערן, פּונקט ווי זע־פירין קסירדאַל און ה׳ לעקער האָבן זי באַוווּנדערט מיט אַ שעה צוריק.

זי האָט שוין נישט געשטראַלט אַזוי, ווי בעת איר נסיעה אין די רוימען, נאָר איר גלאַנץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט געבלענדט די אויגן.

מיט איין וואָרט — זי איז געווען נישט־צוגענגלעך אין די רוימען און איז געבליבן נישט־צוגענגלעך אויך דאָ, אויף דער ערד.

אין דעם אָרט האָט זיך דער ברעג פאַרקיילעכיקט אין דער פאָרם פון פלאַכע פעלזן, וואָס ווערן דורך די אָרטיקע איינוווינער גערופן „אונאַלעך״. אויסגעבויגן צום ים צו, האָט זיך דאָס אָרט געענדיקט מיט אַ משופּעדיקן פעלז, וואָס איז געווען אַ דרייסיק מעטער העכער איבער דער אויבערפלאַך פון ים.

דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן אויפן ברעג פון אָט דעם באַרג־פלאַכלאַנד, עטלעכע מעטער אויף רעכטס, און ער וואָלט לייכט געקענט פאַרשווונדן ווערן אינעם תהום, וואָס צו־פוסנס דעם משופּעדיקן פעלז.

— יאָ, — האָט זיך פראַנס גאָרדאָן נישט געקענט מער איינהאַלטן — צוואַנציק מעטער ווייטער, און ער וואָלט געווען אויפן דנאָ...

— פון וואַנען מען וואָלט אים שוין אַזוי לייכט נישט אַרויסקריגן — האָט צוגעגעבן אַרקאַדיע וועלקער.

— עך, ה׳ דע שנאַק האָט אים נאָך נישט ביי זיך אין די הענט — האָט מר. סעט סטענפאָר באַמערקט — ס׳וועט נאָך אַ סך וואַסער אָפּפליסן, איידער די גרענלענדער רעגירונג וועט אים איבערנעמען אין איר רשות.

אַוודאי, אָבער פריער אָדער שפּעטער וועט זי דאָך ווערן וויין אייגנטימער.

מען דאַרף בלויז האָבן געדולד. ער וועט זיך זיכער אָפּ־קילן, דער עיקר אין שייכות מיטן אָנקומענדיקן פּאָלאַרן ווינ־טער.

מר. פּאָרסיט און הודעלסאָן זענען געשטאַנען אומבאַוועג־לעך, ווי פאַרהיפּנאָטיזירט מיטן אָנבליק פון דערדאָזיקער גאָלד־מאַסע, וואָס האָט געבּרענט פאַר זייערע אויגן. ביידע האָבן זיך געוואָלט דערנענטערן און ביידע האָבן זיך געמוזט צוריקציען צוזאַמען מיטן אומגעדולדיקן אַמיקראָן, וועלכער איז שיער נישט געוואָרן אָפּגעבראָטן ווי אַ פּאָרציע פלייש.

אין אַ מרחק פון פירהונדערט מעטער איז די טעמפּעראַ־טור דערגאַנגען צו פופציק גראַד, און די היץ, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פונם מעטעאָר, האָט ממש פאַרהאַקט דעם אָטעם.

— אָבער... ער איז דאָ פאַראַן... אויף דעם אינזל... נישט אין תהום פון ים... ער איז נאָך פאַר אונז נישט פאַרלוירן... אין די הענט פון דערדאָזיקער גליקלעכער מדינה, גרענלאַנד... מ׳דאַרף נאָר וואַרטן... מ׳דאַרף וואַרטן.

דאָס האָבן איבערגעחזרט די אויפגערעגטע טוריסטן, וועל־כע עס האָט פאַרהאַלטן די שטיקנדיקע היץ ביים פעלז־אויס־בויג.

יאָ, וואַרטן... אָבער ווי לאַנג? עד מתי? אפשר וועט זיך גאָר דער מעטעאָר נישט אָפּקילן פריער, ווי אין אַ חודש אָדער צוויי אַרום? אַזעלכע מיני מעטאַל־מאַסן, ביי אַזאַ הויכער טעמ־פּעראַטור, האַלטן לאַנג זייער היץ. דאָס האָט שוין פּאַסירט מיט מעטעאָרן פון אַ סך אַ קלענערן אומפאַנג.

דריי שעה זענען פאַרביי, און קיינער האָט נישט גע־טראַכט צומאָל זיך צוריקצוקערן.

צי האָט מען זיך געוואָלט דערוואַרטן דעם מאָמענט, ווען דער מעטעאָר וועט ווערן צוטריטלעך? דאָס וועט דאָך נישט געשען נישט היינט, נישט מאָרגן. אויב מען וועט דאָ נישט אויפ־שטעלן קיין געצעלטן און נישט פאַרזיכערן קיין שפּייז, וועט

מען זיך מוזן צוריקקערן אויף די שיפן.

— מר. סטענפאָר — האָט אַרקאַדיע וועלקער געפרעגט— צי וועט זיך דערדאָזיקער מעטעאָר אָפּקילן אין עטלעכע שעה?

— נישט אין עטלעכע שעה, נישט אין עטלעכע טעג.

— קער איך זיך, אַלזאָ, אום אויפן „אָרעגאָן" און וועל קומען אַהער שפּעטער.

— איך בין פולשטענדיק מסכּים מיט אייך — האָט מר. סטענפאָר געענטפערט — און איך וועל טאָן דאָסזעלבע. איך גיי אויפן „מאָזיק". שוין צייט מסתמא צו עסן פרישטיק.

דאָס איז געווען דער קלוגסטער אויסוועג, אָבער נישט מר. פאָרסיט, נישט הודעלסאָן האָבן נישט געוואָלט הערן און געדענקען וועגן דעם, הגם פראַנס און דזשעני זענען צו זיי שטאַרק צוגעשטאַנען.

אומזיסט האָט זיך דער המון דערוויטערט אַביסל שפּעטער, אומזיסט האָט זיך אַפילו ה' דע שנאַק אַנטשלאָסן זיך אומצוקערן קיין אופּערניוויק; די ביידע מאַניאַקעס האָבן זיך עקשנותדיק געקלאַמערט אָן זייער מעטעאָר.

— אָבער סוף-כּל-סוף, פּאַפּאַ, דו וועסט גיין, צי ניין? — האָט דזשעני הודעלסאָן שוין אַוודאי צום הונדערטסטן מאָל געפרעגט, ווען עס איז געוואָרן אַ זייגער צוויי נאָכמיטאָג.

אַנשטאָט אָן ענטפער, האָט דער דאָקטאָר געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס.

ער האָט זיך אָבער תיכף געמוזט צוריקציען. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, גלייך ווי ער וואָלט אַריינגעפאַלן אינם פּיסק פון אַ ריזיקן אויוון.

מר. פאָרסיט, וועלכער איז הינטער אים געגאַנגען, האָט געמוזט וואָס-גיכער זיך אָפּטראָגן.

— פּעטער, — האָט זיך איצט אָנגערופן פראַנס גאָרדאָן — ה' הודעלסאָן, שוין צייט צו גיין צוריק אויף דער שיף. דער מעטעאָר וועט דאָך אייך נישט אַנטלויפן. איר וועט דאָך אייערע מאָגנס נישט זאַט מאַכן מיט זיין אָנבליק.

אומזיסטע רייד. ערשט אין אָווגט האָבן הודעלסאָן און פּאָרסיס, פּשוט פאַלנדיק פון די פיס מחמת מידקייט און אָפּגע־שוואַכקייט, מסכים געווען צו פאַרלאָזן זייערע פּאָזיציעס, מיטן פעסטן באַשלוס צוריקצוקומען איף צומאָרגנס.

פאַרשטייט זיך, אַז זיי זענען צוריקגעקומען, אָבער צו זייער גרויסער פאַרוווּנדערונג זענען זיי גאָר פאַרהאַלטן געוואָרן לכתחילה פון באַוואָפנטע זעלנער, אַן ערך פופציק מאַן. דאָס איז געווען די גאַנצע גרענלענדער מאַנשאַפט, וואָס איז באַ־שטימט געוואָרן צו היטן די אָרדענונג ביים טייערן מעטעאָר.

קעגן וועמען האָט די גרענלענדער רעגירונג אָנגענומען די־דאָזיקע פאָרזיכטיקייטס-מיטלען? קעגן זעפּירין קסירדאַל? אויב אַזוי, איז פופציק מאַן געווען צופיל, בפרט נאָך, ווען דער מע־טעאָר האָט זיך אַליין אויסגעצייכנט פאַרטיידיקט. זיין ברען האָט געצוווּנגען צו האָבן דרך-ארץ אַפילו די סאַמע געוואַגט־סטע. מען האָט געקענט צו אים צוגיין קוים מיט איין מעטער נענטער, איידער דעם פאַריקן טאָג.

אזוי-אַרום האָט ה׳ דע שנאַק קוים אין עטלעכע חדשים אַרום געקענט איבערנעמען דעם מעטעאָר אין זיין רשות אין נאָמען פון גרענלאַנד.

ווי עס זאָל נישט זיין, מען האָט געהייסן היטן דעם מע־טעאָר.

וויבאַלד עס האַנדלט זיך וועגן פינף טויזנט זיבנהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד, צי האָט די פאָרזיכטיקייט געקענט זיין אַן איבעריקע?

אויף דער בקשה פון ה׳ דע שנאַק האָט זיך איין שיף געלאָזט צו אַ טעלעגראַפישער סטאַציע, כדי איבערצוגעבן די גרויסע ידיעה דער גאַנצער וועלט. אין אַכטאונפערציק שעה־אַרום וועלן אַלע וועגן דעם וויסן.

צי וועט עס נישט צעשטערן די פּלענער פון ה׳ לעקער? בשום אופן נישט.

„אַטלאַנטיק" האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט פיר־

אונצוואַנציק שעה פריער, און אויב מ׳זאָל נעמען אין באַטראַכט זיין אומפאַרגלייכלעכע שנעלקייט, האָט דער באַנקיר געהאַט פאַר זיך זעקסאונדרייסיק שעה צייט, און דאָס וועט קלעקן כדי גינסטיק צו פאַרענדיקן די טראַנזאַקציע.

אויב די גרענלענדישע רעגירונג האָט זיך צופרידנגעשטעלט מיט פופציק מענטשן, ווי צופרידן האָט זי געמעגט זיין, פעסט־שטעלנדיק, אַז ביי טאָג איז די צאָל צוגעוואַקסן ביז זיבעציק.

אַרום מיטאָג־צייט איז אַ פאַנצער־שיף געבליבן שטיין אינם פאָרט אופערניוויק.

אויפן מאַסטבוים האָט געפלאַטערט די שטערן־פאָן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

זי האָט קוים פאַרוואָרפן דעם אַנקער, ווען פון דאָרט זענען אַרויסגעשטיגן צווייהונדערט מאַן אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר און זיך גלייך געלאָזט גיין אויף די פּאָזיציעס אַרום דעם מעטעאָר.

זעענדיק אַ פאַרגרעסערטע מאַנשאַפט, האָט ה׳ דע שנאַק נישט געוווסט, צי זאָל ער זיין טרויעריק אָדער זיך פרייען. די פאַרשטאַרקטע וואַך אַרום דעם טייערן מעטעאָר איז אים געווען זייער באַקוועם, אָבער דער אָנקום פון די באַוואָפנטע אַמעריקאַנער מאַטראָזן, האָט אים שטאַרק באַאומרויִקט.

דער אָפיציר, צו וועלכן ער האָט זיך געווענדט, האָט אים נישט געוווסט קלאָר צו מאַכן. ער האָט געפאָלגט די פאַראָרדענונגען פון זיין מאַכט און האָט מער נישט געוווסט גאָרנישט.

ה׳ דע שנאַק האָט באַשלאָסן צו פאַרטרויען זיינע ספקות דעם פירער פון דער אַמעריקאַנער שיף, נאָר ווען ער האָט עס געוואָלט אויספירן, האָט ער זיך ווידער געפונען אין אַ נייער פאַרלעגנהייט.

אין דער נאַכט איז אָנגעקומען אַ צווייטע שיף, דאָסמאָל אַן ענגלישע.

ווען דער פירער האָט זיך דערוווסט, אַז דער מעטעאָר

איז אַראָפּגעפאַלן, האָט ער אַראָפּגעלאָזן אויפן ברעג, פונקט ווי זיין אַמעריקאַנער קאָלעגע, צווייהונדערט מאַטראָזן, וועלכע האָבן זיך, אונטער דער אָנפירונג פון אַ צווייטן אָפיציר, געלאָזט גיין מיט אַן איילקן טראָט אין דער צפון-מערב-ריכטונג פונם אינזל.

ה׳ דע שנאַק האָט זיך באַאומרויקט נישט אויף קיין געלעכטער.

וואָס זאָל עס באַדייטן? און זיין אומרו איז געווען אויסגעשטעלט אויף שווערע נסיונות, וואָס-מער די צייט איז געלאָפן.

נאָכמיטאָג האָט פאַרוואָרפן איר אַנקער אַ דריטע שיף מיט אַ דריי-פאַרביקער פלאַג, און אין צוויי שעה אַרום האָבן צוויי צענדליק פראַנצויזישע מאַטראָזן געהאַלטן וואַך ביים מעטעאָר.

די אומשטענדן זענען געוואָרן וואָס-אַמאָל קאָמפּליצירטער. ביינאַכט, פון 21-טן אויפן 22-טן, איז געקומען אַ רוסישע שיף. דערנאָך, דעם 22-טן בייטאָג, זענען איינע נאָך די אַנדערע אָנגעקומען: אַ יאַפּאַנישע, איטאַליענישע און דייטשע שיפן. צומאָרגנס, דעם 23-טן, האָבן די אַרגענטינישע און שפּאַנישע שיפן איבערגעיאָגט עטוואָס די טשיליער שיף, נאָך וועלכער עס זענען אָנגעקומען אויך אַ פּאָרטוגאַלישע און האָלענדישע.

דעם 25-טן אויגוסט האָבן די זעכצן מלחמה-שיפן, צווישן זיי אויך „אַטלאַנטיק״, וועלכער איז ביני-לביני צוריקגעקומען, געבילדעט אין פּאָרט אופּערניוויק אַן אינטערנאַציאָנאַלע עסקאַדרע, וואָס דידאָזיקע געגנט האָט נאָך אַזעלכע נישט געזען. און פונדעסטוועגן האָט יעדערער געשיקט אויף דער יבשה צוויי צענדליק מאַן אונטער דער אָנפירונג פון אַן אָפיציר; צוזאַמען, אַלזאָ, דרייהונדערט צוואַנציק מאַטראָזן און זעכצן אָפיצירן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן געהיט דעם באָדן, וועלכן די פופציק גרענלענדישע זעלנער האָבן, נישט געקוקט אויף זייער מוט, נישט געקענט פאַרטיידיקן.

יעדע מאַנשאַפט האָט מיטגעבראַכט מיט זיך נײַע ידיעות, און דידאַזיקע ידיעות זײַנען געווען גינסטיקע, אויב מען זאָל אורטיילן לויט די רעזולטאַטן. אויף וויפיל ס'איז געווען זיכער, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנפערענץ האַלט־אָפּ זיצונגען, אויף אַזויפיל איז אויך געווען זיכער, אַז זי טוט עס בלויז כלפּי חוץ. איצט איז דער באַשלוס געווען אָפּהענגיק פון דער דיפּלאָמאַטיע, ביז וואַנען — ווי מען האָט געשמועסט — עס וועלן אַנטשיידן הארמאַטן...

דער מיינונגס־אויסטויש אין די מיניסטעריומס איז פאָרגעקומען אין אַ געוויסער אויפרעגונג, געמישט מיט אַ היפּש ביסל ווידערווילן.

צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער צאָל שיפן, איז אויך געוואַקסן די אומרויִקייט. עס איז נישט געווען קיין שום זיכערקייט, אָבער מען האָט אין די שטאַבן, שיף־מאַנשאַפטן דערציילט פאַרשיידענע ידיעות, און די באַציִונגען צווישן די אָקופּאַציע־מיליטערן זײַנען געוואָרן אָנגעצויגענער פון טאָג צו טאָג.

אויב דער אַמעריקאַנער קאָמאַנדיר האָט לכתּחילה אײַנגעלאַדן צו זײַן טיש דעם ענגלישן קאָלעגע, און דער ווידער האָט, אַלס ענטפער אויף זײַן העפלעכקייט, אויסגענוצט די געלעגנהייט, כּדי אַרויסצווייזן פרײַנדלעכקייט דעם קאָמענדאַנט פון דער פראַנצויזישער שיף, — האָט זיך איצט די לאַגע אינגאַנצן געביטן.

יעדער איז געזעסן פאַרשפּאַרט בײַ זיך און אויסגעקוקט, פון וועלכער זײַט וועט אַ בלאָז טאָן דער ווינט, דער אָגזאָגער פון די קומענדיקע שטורמס, כּדי דערצו צוצופּאַסן די אייגענע האַנדלונג.

אין משך פון דערדאָזיקער צײַט האָט זעפירין קסירדאַל נישט אויפגעהערט צו זײַן בייז. ח׳ לעקער האָט שוין פּשוט נישט געקענט הערן זײַנע אומאויפהערלעכע טענות, עס האָבן אָבער קיין שום לאָגישע רייד נישט געהאָלפן.

— דו מוזסט סוף־כּל־סוף פאַרשטיין, טייערע זעפירין, אַז

ה׳ דע-שנאַק איז געדעכט ווען ער טענהט, אַז עס איז אומ-זין צו לאָזן אין די הענט פון איין פּערזאָן אַזאַ ריזיקן פּאַר-מעגן. עס איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס מען וויל ווערן פּאַרמיט-לער. נאָר לאָז מיר טאָן דאָס מייניקע. ווען די ערשטע אויפ-רעגונג וועט אַריבער, וועל איך זיך אַריינמישן אינעם ענין, און איך בין טיף איבערצייגט, אַז מ׳וועט אונז נישט אָפּזאָגן אינ-גאַנצן אַלע אונזערע רעכט. עפּעס וועל איך זיכער קריגן, דאָס איז אויסער יעדן ספק.

— עפּעס! — איז קסירדאַל אַרויס פון די כּלים — דיין „עפּעס״ גייט מיך אָן ווי דער פאַריאָריקער שניי! וואָס טויג מיר דאָס געלד? איך דאַרף עס אויף כּפּרות!

— אויב אַזוי, — האָט זיך אָנגערופן ה׳ לעקער — וואָס-זשע ביסטו אַזוי אויפגעבראַכט?

— ווייל דער מעטעאָר געהער נאָר צו מיר. איך בין אויפגעבראַכט, וואָס מען וויל אים ביי מיר צונעמען. איך וועל עס נישט אויסהאַלטן.

— וואָס ביסטו אָבער בכוח אויפצוטאָן קעגן אַ גאַנצער וועלט, אָרעמער זעפירין?

— כ׳ווייס נישט. נאָר געדולד... באַלד ווי דערדאָזיקער פּאַרשוין בצורת דעלעגאַט האָט זיך דערוועגט אַרויסצושטעלן זיינע תּביעות צו מיין מעטעאָר, איז עס געווען זייער מיאוס. וואָס-זשע זאָל איך שוין זאָגן היינט?... היינט איז וויפיל מלוכות, אַזויפיל גנבים. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס זיי וועלן האַלטן צווישן זיך מלחמה, ווי מיר איז באַוווּסט... צום טייוול, צי וואָלט איך נישט בעסער געטאָן, ווען איך לאָז אים איבער אין די רוימען! מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז עס וועט זיין אַ פיינער שפּאַס, אַראָפּצושלעפּן ... מעטעאָר אויף דר׳ערד. די זאַך האָט מיך אינטערעסירט... ווען איך זאָל פריער וויסן אַזאַ מעשה!... אָרעמע מענטשלעך, קבצנים נעבאָך, וואָס האָבן קיינ-מאָל נישט געהאַט קיין גראָשן ביי דער נשמה, קעמפן איצט פאַר מיליאַרדן... רעד וואָס דו ווילסט, נאָר דאָס איז נאָך מיאוסער.

קטירדאַל האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן.

יעדנפאַלס איז ער נישט געווען גערעכט, וואָס ער האָט געטראָגן אַ כעס אויף ה׳ דע-שנאַק. דער אָרעמער דעלעגאַט האָט אויך, צווישן אונז גערעדט, געהאַט דערפון ווייניק נחת. דאָס, וואָס מען האָט מיטאַמאָל פאַרנומען די טעריטאָריע פון גרענלאַנד, איז געווען נישט קיין פריילעכע דערשיינונג, און די מאַטעריעלע אויסזיכטן פון דער רעפובליק האָבן זיך געשטיצט אויף גאַנץ שוואַכע האָפענונגען.

וואָס זאָל ער אָבער טאָן? צי האָט ער געקענט מיט זיינע פופציק מענטשן אַריינוואַרפן אין ים אַריין די דרייהונדערט צוואַנציק פרעמדע מאַטראָזן? אָבער גאָר — באָמבאַדירן, צי אויפרייסן אָדער גאָר דערטרינקען אין וואַסער דידאָזיקע זעכצן ריזיקע פאַנצער-שיפן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט?

ניין, אַוודאי האָט ער עס נישט געקענט. אָבער דאָס, וואָס ער האָט יאָ געקענט טאָן, לפּחות וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן, איז: פּראָטעסטירן אין נאָמען פון זיין מדינה קעגן דער פאַרגעוואַלטיקונג פון זיין פאָטערלאַנד.

אַ געוויסן טאָג, ווען דער פראַנצויזישער קאָמענדאַנט מיטן ענגלישן האָבן זיך צוזאַמען געלאָזט גיין באַזוכן די יבשה, האָט ה׳ דע-שנאַק אויסגענוצט די געלעגנהייט און געפאָדערט פון זיי דערקלערונגען אין דער פאָרם פון עטלעכע האַלב-אָפיציעלע פראַגן, וואָס זייער דיפּלאָמאַטישע צוריקגעהאַלטנקייט האָט נישט אויסגעשלאָסן קיין געוואַלדיקע אויפרעגונג.

געענטפערט האָט דער ענגלישער קאָמענדאַנט.

— ה׳ דע-שנאַק — האָט ער געזאָגט — דאַרף זיך נישט באַאומרויקן. די שיף-קאָמענדאַנטן אין פאַרט פירן בלויז אויס די פאַראָרדענונגען פון זייער מאַכט. נישט צו זיי געהער צו דיסקוטירן אָדער זיך צו פאַרטראַכטן אויף די פאַראָרדענונגען, נאָר זיי אויסצופירן. מען איז זיך אָבער משער, אַז דער אָנקום פון פרעמדן מיליטער אויף דער טעריטאָריע פון גרענלאַנד האָט האָט נישט געהאַט קיין אַנדער צוועק, ווי אויפצוהאַלטן אָרדענונג

לגבי דעם אָנפּלוס פון נייגעריקע — אַן אָנפּלוס, באמת אַן אומ־געהייערער, בפרט ווען מ׳האָט זיך געריכט נאָך אויף מער. ה׳ דע־שנאַק דאַרף זיין פולשטענדיק רויק נאָכמער דערפאַר, ווייל דער גאַנצער ענין ווערט ערשט געפּאָרשט און אַלעמענס רעכט וועלן אין אַ גלייכער מאָס געשוינט ווערן.

— גאַנץ ריכטיק — האָט צוגעגעבן דער פראַנצויזישער קאָמענדאַנט.

— וויבאַלד אַלעמענס רעכט וועלן געשוינט ווערן, וועל איך קענען אויך מיינע פּאַרטיידיקן — האָט זיך מיטאַמאָל אָנגערופן איינער פון די נאָענט-שטייענדיקע, איבעררייסנדיק אַן שום קונצן דעם שמועס.

— מיט וועמען האָב איך דעם כבוד? — האָט געפרעגט דער קאָמענדאַנט.

— מר. פּאָרסיט, דער אַסטראָנאָם פון וואַסטאָן, דער ריכ־טיקער פאָטער און אייגנטימער פונם מעטעאָר — האָט געענטפערט דער פּאַרשוין זייער ערנסט, בעת ה׳ דע שנאַק האָט בלויז לייכט געהויבן מיט די אַקסלען.

— אַך, אויסגעצייכנט! — האָט דער קאָמענדאַנט געענט־פערט — אייער פאַמיליע-נאָמען איז מיר זייער גוט באַקאַנט, מר. פּאָרסיט... אָבער פאַרשטייט זיך, אויב איר האָט געוויסע רעכט, דאַרפט איר זיי פאָדערן.

— אמת? — האָט זיך אָנגערופן נאָך איינער פון די דער־בייאיקע — טאָ וואָס-זשע וואָס דאַרף איך שוין זאָגן וועגן מיינע רעכט? צי בין איך, דאָקטאָר הודעלסאָן, נישט געווען דער ערשטער, וואָס האָט צוויסן געגעבן דער וועלט וועגן דער דערשיינונג פונם מעטעאָר?

— איר!.. — האָט געלייקנט מר. פּאָרסיט, אויסדרייענדיק זיך מיטאַמאָל, גלייך אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן.

— איך.

— אַ שאַרלאַטאַן פון דער פּאָרשטאָט וועט פאָדערן זיינע „רעכט״, וועט האָבן תביעות צו אַזאַ אַנטדעקונג!

— אזוי ווי אזא עם-הארץ, ווי איר.

— א גראָבער יונג, וואָס ווייס אַפילו נישט, פון וועלכער זייט צו קוקן דורך דער לונעטע.

— א לץ, וואָס האָט אין זיין לעבן קיין טעלעסקאָפּ נישט געזען פאַר די אויגן.

— אַן עם-הארץ, איך ?...

— איך, אַ שאַרלאַטאַן ?..

— איך בין נאָך נישט אזא עם-הארץ, אַז איך זאָל נישט קענען דעמאַסקירן אַן אויסוואורף.

— איך בין נאָך נישט אזא שאַרלאַטאַן, איך זאָל נישט געפינען קיין מיטל אויף א גנב.

— דאָס איז שוין איבער דער טבע ! — האָט מיט א פּאַר-שטיקטער שטים געשריען מר. פאָרסיט, אינגאַנצן אַן אויפגע-קאָכטער — היט אייך !

ביידע קאָנקורענטן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט בייז-דראָענ-דיקע בליקן, געדראָט איינער דעם צווייטן מיט די פויסטן, און דערדאָזיקער פאַל וואָלט זיך געווען טרויעריק געענדיקט, ווען נישט די פאַרמיטלונג פון פראַנס און דזשעני, וועלכע האָבן זיך א וואָרף געטאָן צווישן די קעמפנדיקע.

— פעטער ! — האָט פראַנס גערדאָן געשריען, אָפּהאַלטנ-דיק אים מיט אַ שטאַרקער האַנט.

— פאָטער... איך בעט ידיך... פאָטער — האָט דזשעני מיט טרערן אין די אויגן געבעטן.

— ווער זיינען די צוויי משוגעים ? — האָט זעפירין קסיר-דאַל א פרעג געטאָן ביי מר. סעט סטענפאָרן, נעבן וועלכן ער האָט זיך געפונען צופעליק בעת דער גאַנצער טראַגיקאָמעדיע.

אונטערוועגס פאַרפליכטן נישט קיין שום צערעמאָניעס ; מר. סעטנפאָר האָט דעריבער אָן קונצן געענטפערט דעם אומבאַקאַנטן, וועלכער האָט אים געשטעלט די פראַגע :

— ס'איז אוממעגלעך, איר זאָלט נישט האָבן געהערט וועגן דעאַן פאָרסיט און דאָקטאָר סידניי הודעלסאָן.

— די צוויי אַסטראָנאָמען פון וואַסטאָן?

— יאָ.

— די, וואָס האָבן אַנטדעקט דעם מעטעאָר?

— דיזעלבע.

— וועגן וואָס שפּאַרן זיי זיך?

— זיי קאָנען נישט דורכקומען בנוגע דער אַנטדעקונג.

זעפירין קסירדאַל האָט מיט פאַראַכטונג אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען.

— ס׳איז דאָ וועגן וואָס! — האָט ער געזאָגט.

— און ביידע פאָדערן זייער רעכט צום מעטעאָר — האָט זיך מר. סטענפאָר אָנגערופן.

— מיטן תירוץ, אַז זיי האָבן אים ביידע צופעליק דערזען אויפן הימל?

— יאָ.

— עס פעלט זיי נישט קיין מוט — האָט זעפירין קסירדאַל דערקלערט — אָבער וואָס טוען דאָ דערביי דער בחור מיטן מיידל?

מר. סטענפאָר האָט אים אויפן העפלעכסטן אופן דערקלערט. ער האָט דערציילט, וואָס פאַר אַ סיבות עס האָבן איבערגעריסן די באַציונגען צווישן חתן-כלה, ווי אַזוי די אומזיניקע קנאה און שטאַרקער האַס האָבן פאַנאַנדערגעטיילט די צוויי משפחות און צעבראָכן זייער גוטע, רירנדיקע באַציונגען.

עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז קסירדאַל איז דערפון שטאַרק געריירט. ער האָט געקוקט אַזוי, גלייך ער וואָלט געפאָרשט עפּעס אַ דערשיינונג, אויף מר. פאָרסיט און פראַנס גאָרדאָן, וועלכער האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט, אויף דזשעני הודעלסאָן, וועלכע האָט מיט אירע שוואַכע אָרעמס אַרומגענומען דעם צערייצטן פאָטער.

ווי-נאָר מר. סעט סטענפאָר האָט געענדיקט דערציילן, האָט זעפירין קסירדאַל, נישט דאַנקענדיק צומאָל, אויסגעשריען אויפן קול: „דאָס איז שוין צופיל!" און האָט זיך מיט גרויסע טריט דערווייטערט.

דער דערציילער האָט פלעגמאַטיש נאָכגעקוקט דעם מערק-ווירדיקן פאַרשוין, וועלכער האָט זיך דערווייטערט, און זיך צו-ריקגעקערט צו אַרקאַדיע וועלקער, וועלכע ער האָט אויסנאַמלעך געהאַט געלאָזן אַליין בעת דעמדאָזיקן שמועס.

דערווייל האָט זעפירין קסירדאַל נישט געקענט קומען צו זיך. ער האָט מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג געעפנט די טיר פון הייזל.

— פעטער, — האָט ער געזאָגט צום ה׳ לעקער, וועלכער האָט זיך אַזש אַ הויב געטאָן פון אָרט — איך דערקלער דיר, אַז עס איז שוין פשוט עקלדיק.

— וואָס ווידער? — האָט ה׳ לעקער געפרעגט.

— דער מעטעאָר. אַלץ דער פאַרשאָלטענער מעטעאָר.

— וואָס האָט ער געטאָן אַזוינס, דער מעטעאָר?

— ער האָט זיך פשוט גענומען חרוב מאַכן די וועלט. מ׳קען שוין פשוט נישט איבערציילן זיינע געמיינע מעשים. ער האָט נישט נאָר פאַרוואַנדלט אַלע מענטשן אין גנבים, נאָר ער האָט בדעה אַרויסצורופן בלוטיקע אומרוען אויף דער גאַנצער וועלט, זייענדיק אומעטום מחלוקת און מלחמה. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ. צי האָט ער נישט צעקריגט חתן-כלה? גיי, פעטער, גיב אַ קוק אויפן מיידל, וועסטו זען. דאָס קען רירן אַפילו אַ וועג-סלופּ. דאָס אַלץ צוזאַמען איז עקלדיק איבער דער טבע.

— וואָס פאַר חתן-כלה? וועגן וואָס פאַר אַ מיידל רעדסטו? וואָס פאַר אַ נייע טרוימערייען? — האָט לעקער געפרעגט ווי פאַרשטיינערט.

זעפירין קסירדאַל האָט נישט באַוויליקט צו ענטפערן.

— יאָ, דאָס איז עקלדיק — האָט ער מיט אויפרעגונג גענומען רעדן — ניין, וואָס איר ווילט זיך, נאָר דאָס נישט! אַזוי קען עס ווייטער נישט גיין. איך מוז זיי אַלע ברענגען צו אַ שלום!

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייט גייסטו שוין ווידער אָפּטאָן, זעפירין?

— גלויב מיר, עס איז נישט אזוי שווער. איך וועל פשוט אריינפאקן דעם מעטעאָר אין וואַסער אַריין.

ה׳ לעקערן האָט עס אַ הויב געטאָן פון אָרט. זיין פנים איז בלאַס געוואָרן אונטערן רושם פון דער געוואַלדיקער אויפ־רעגונג. ער האָט אפילו נישט קיין טראַכט געטאָן, אַז קסירדאַל רעדט אין אַ מאָמענט פון גרימצאָרן און אַז ער איז נישט בכוח אויסצופירן זיינע דראָונגען. ער האָט געגעבן אַ באַווייז, ווי ווייט עס גרייכט זיין מאַכט. פון אים האָט מען זיך געמעגט ריכטן אַלץ אין דער וועלט.

— דו וועסט עס נישט טאָן, זעפירין, — האָט ה׳ לעקער אויסגערופן.

— פאַרקערט, איך וועל עס דווקא טאָן. קיין זאַך וועט מיך נישט אָפּהאַלטן. שוין גענוג, און איך נעם זיך תיכף צו דער אַרבעט.

— אָבער גיב אַ טראַכט, אומגליקלעכער...

אין דעם מאָמענט האָט ה׳ לעקער איבערגעריסן. אַ גע־ניאַלע, גלענצנדיקער, ווי אַ בליץ שנעלער געדאַנק איז געבוירן געוואָרן אין זיין קאָפּ. ער האָט לאַנג נישט געדאַרפט, דערדאָ־זיקער אָנפירער פון די גרויסע געלט־קאַמפן, כדי צו באַטראַכטן געניי אַלע פּראָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון דער זאַך.

— ריכטיק! — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט.

אַ נייע אָנשטרענגונג פון געדאַנק האָט באַשטעטיקט די טרעפלעכקייט פונם פּלאַן. ער האָט זיך געווענדט צו זעפירין קסירדאַלן.

— איך וועל דיך מער נישט אָפּהאַלטן — האָט ער געזאָגט — ווי אַ מענטש, וואָס יעדע רגע איז ביי אים אַ שעה. ווילסט אַריינוואַרפן דעם מעטעאָר אין ים אַריין? אדרבה. נאָר צי וואָלסטו מיר נישט געקענט שענקען עטלעכע טעג?

— איך מוז עס טאָן — האָט קסירדאַל געזאָגט — איך מוז אינגאַנצן ענדערן מיין מאַשין, זי צוגרייטן צו אַ נייער ווירקונג. די דאָזיקע ענדערונגען וועל מיר פאַרנעמען אַ פינף־זעקס טעג.

— דאָס הייסט, ביזן 3-טן סעפּטעמבער.

— יאָ.

— זייער גוט — האָט ה׳ לעקער געזאָגט און איז אַרויס.

ער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער ריכטונג צו אופּערני-וויק, בעת זיין טויף-זון האָט זיך בשעת-מעשה אַוועקגעזעצט צו דער אַרבעט.

נישט פאַרלירנדיק קיין צייט, האָט ה׳ לעקער געהייסן זיך אַוועקפירן צום „אַטלאַנטיק״, איבער וועלכן עס האָבן זיך אינגיכן באַוויזן רויך-קנוילן.

אין צוויי שעה אַרום האָט זיך דער אייגנטימער פון די שיף צוריקגעקערט אויף דער יבשה, און „אַטלאַנטיק״ איז, שווי-מענדיק מיט דער גאַנצער פּאַרע, אינגיכן פאַרשוווּנדן געוואָרן פונם האָריזאָנט.

ווי אַלץ, וואָס איז געניאַל, איז דער פּלאַן פון ה׳ לעקער געווען מערקווירדיק איינפאַך.

ער האָט געהאַט פאַר זיך צוויי אויסוועגן: אָדער צוויסן געבן וועגן די פּלענער פון זיין טויף-זון דעם אינטערנאַציאָנאַלן מיליטער און אָפּהאַלטן זיין אַרבעט,— אָדער לאָזן דער זאַך גיין מיט איר נאַטירלעכן וועג.

ה׳ לעקער האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע.

יעדנפאַלס וואָלט ער אַוודאי געקענט זיך ריכטן, אַז די רעגירונגען פון די פאַראינטערעסירטע מלוכות וועלן אים מחמת דאַנקבאַרקייט געבן אַ געוויסן טייל פונם אוצר, וועלכער וואָלט אַ דאַנק זיין פאַרמיטלונג אָפּגעראַטעוועט געוואָרן. אָבער וואָס פאַר אַ טייל וועט עס זיין, מ׳שטיינסגעזאָגט? מסתמא אַ לעכער-לעך-נישטיקער חלק, בפרט נאָך, ווען דער ווערט פון גאָלד וועט צוליב דעם פאַלן, ווייבאַלד עס וועט צוקומען אזא ריזיקע צאָל פון דעמדאָזיקן מעטאַל.

אויב אָבער ער וועט, פאַרקערט, מאַכן אַ שוויג, וועט ער נישט בלויז אומברענגען לכתחילה כלערליי מפּלות, וואָס די רי-זיקע גאָלד-מאַסע קען אַרויסרופן, ווי אַ פאַרניכטונגס-שטראָם,

וואָס קאָן אַרומכאַפּן די גאַנצע וועלט, — נאָר ער וועט אויך אויסמיידן אַ גאַנצע ריי פּערזענלעכע אומאָנגענעמלעכקייטן און וועט זיך נאָך דערצו פּאַרזיכערן קאָלאָסאַלע רווחים. דער סוד, וועלכער וועט אין משך פון פינף טעג פאַרבלייבן אויסשליסלעך זיין אייגנטום, קען אים שטאַרק צונוץ קומען. עס וועט זיין גענוג, אויב ער וועט, דורך דער פאַרמיטלונג פון „אַטלאַנטיק", אַרויסשיקן אַ דעפּעשע אויף דער ברוּאָ-גאַס מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „עס וועט פאָרקומען אַן אומגעריכטע פּאַסירונג. קויפט-אויף גאָלד-גרובן אין אַן אומבאַגרענעצטער צאָל".

דידאָזיקע פאַראָרדענונג איז לייכט געווען אויסצופירן. דאָס אַראָפּפאַלן פונם מעטעאָר איז אַלעמען געווען באַקאַנט, און די אַקציעס פון די גאָלד-גרובן האָבן געמוזט פאַלן ביז אַ מינימום. מען האָט זיי בלי-ספק פאַרקויפט בחצי-חנם און אָן שום קווענקלעניש. וואָס פאַר אַ סענסאַציע עס וועט זיין, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן דער קאַטאַסטראָפע! מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט עס וועלן שטייגן די פּרייזן, צום גונסטן פונם גליקלעכן קויפער.

לאָמיר גלייך זאָגן, אַז ה' לעקער האָט טרעפלעך פאָרויס-געזען. די דעפּעשע איז אָנגעקומען אויף דער דרוּאָ-גאַס און איז געגוי אויסגעפירט. געוואָרן. לעקערס באַנק האָט אין משך פון צוויי טעג אויפגעקויפט אַלע אַקציעס פון די גאָלד-גרובן, צאָלנדיק מיט מזומן געלט.

וואָס פאַר אַ שניט אין משך פון צוויי טעג! די אַקציעס פון די קליינע גרובן צו עטלעכע סענטים אַ שטיק; גרובנס, וואָס האָבן אַמאָל געבליט, צו צוויי אָדער דריי פראַנק, ערשט-קלאַסיקע גרובנס צו צען אָדער צוועלף, — ער האָט געקויפט אַלץ אָן אויסנאַם.

אין אַכטאונפערציק שעה אַרום האָט זיך די ידיעה וועגן דערדאָזיקער קניה געגומען וואָס-אַמאָל מער פאַרשפּרייטן איבער דער גאַנצער וועלט און געמאַכט אַ גרויסן רושם. דער באַנק לעקער, אַן ערנסטע פירמע, וואָס איז געווען באַקאַנט פון אירע

גליקלעכע אָפּעראַציעס, האָט נישט געקענט ליִיכטזיניק אַרומזוכן אַקציעס פון דעם מין. עפּעס איז דאָ געווען. אַזוי איז געווען דער אַלגעמיינער איינדרוק, און די אַקציעס האָבן זיך באַדייטנדיק געהויבן.

עס איז שוין געווען צו שפּעט. ה׳ ראָבערט לעקער האָט שוין געהאַט העכער אַ העלפט אַקציעס פון דער גאָלד-פּראָדוקציע אויף דער גאַנצע וועלט.

בעת דידאָזיקע פּאַסירונג אין פּאַריז, האָט זעפירין קסירדאַל ביני-לביני, מיט דער הילף פון די מכשירים, וועלכע ער האָט געהאַט מיט זיך מיטגענומען, איבערגעאַרבעט זיין מאַשין. ער האָט פון דרויסן צוגעגעבן רערלעך פון מערקווירדיקער פאָרם אַרום צוויי נייע רעפלעקטאָרן. אינם באַשטימטן טערמין דעם 3-טן סעפּטעמבער, איז אַלץ געווען פאַרטיק, און זעפירין קסירדאַל האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט.

די קעגנוואַרט פון זיין טויף-פּאָטער האָט אים פאַרזיכערט, צופעליק, אַווירקלעכע אוידיטאָריע. דאָס איז געווען די איינציקע געלעגנהייט זיך צו באַווייזן מיט זיין רעדנער-קראַפט. ער האָט עס גלייך אויסגענוצט.

— מיין מאַשין — האָט ער געזאָגט, פאַרמאַכנדיק דעם עלעקטרישן קרייז, — איז נישט געהיימנישפול און נישט טייוולאָניש. דאָס איז פּראָסט-פּשוט אַ טראַנספאָרמאַטאָר. ער באַקומט עלעקטריציטעט אין אַ געוויינלעכער פאָרם און גיט זי אָפּ צוריק אין אַ פאַרפולקומטער פאָרם, וועלכע איך האָב אַנטדעקט. דאָסדאָזיקע רערל, וואָס דו זעסט און וואָס נעמט אָט ווירבלען, ווי אַ וואַנזיניקס, איז טאַקע דאָסזעלבע, וואָס האָט מיר געדינט צוצוציען דעם מעטעאָר. מיט דער הילף פונם רעפלעקטאָר. שיקט עס אַרויס אין רוים אַריין אַ שטראָם פון אַ מערקווירדיקן מין, וועלכן איך האָב אַ נאָמען געגעבן: גלייכגילטיקער שרויף-שטראָם. ווי עס באַווייזט דער נאָמען, באַוועגט ער זיך אַזוי ווי אַ שרויף. פון דער צווייטער זייט פאַרמאָגט ער די איינגנשאַפט אימפּעטפול אָפּצושטופּן יעדן מאַטעריעלן קערפּער,

מיט וועלכן ער שטויסט זיך צונויף. זיינע אַלע ספּיראַלע ליניעס שאַפן אַן אויסגעהוילטן וואַלץ, פון וואַנען די לופט, ווי יעדע אַנדערע מאַטעריע, איז באַזייטיקט געוואָרן, אַזוי אַז אינעווייניק, אין דעם וואַלץ, איז נישטאָ ג אָ ר נ י ש ט. צי פאַרשטייסטו, פעטער, וואָס עס באַדייט דאָסדאָזיקע וואָרט: ג אָ ר נ י ש ט? ציגיסטו זיך אָפּ אַ חשבון דערפון, אַז אין אַלע אומענדלעכע רוימען, אומעטום איז פאַראַן אַן ע פּ ע ס, אַ י ש, און נאָר דערדאָזיקער אומגעזעענער וואַלץ מיינער, וועלכער שרויפט זיך אַריין אין דער אַטמאָספער, איז אַ ווײַלע דער איינציקער פּונקט אויף דער גאַנצער וועלט, אין וועלכן עס איז נישטאָ ג אָ ר נ י ש ט: אַ קורצע ווײַלע, קורצער ווי עס דויערט אַ בליץ. דאָס אָרט, אין וועלכן עס הערשט אַן אַבסאָלוטער חלל, איז דער אַרויסגאַנג, דורך וועלכן עס באַקומט זיך אַרויס, מיט געוואַלדיקע כוואַליעס, אַן אומפאַרניכטבאַרע ענערגיע, וועלכע די ערדקויל פּענטעט און פאַקט-איין אין דיקע מאַטעריעלע קעמערלעך. מיין ראָל באַשטייט אין דעם בלויז, וואָס איך פאַרניכט דידאָזיקע מניעה.

ה׳ לעקער האָט מיט נייגעריקייט קאָנצענטרירט זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, כדי נישט צו פאַרלירן דעם פאָדעם פון דערדאָזיקער אינטערעסאַנטער דערציילונג.

— די איינציקע שווערערע זאַך איז די פעסטשטעלונג, וויפיל האַלט די כוואַליע פון דעם גלייכגילטיקן שרויף-שטראָם אין דער לענג. אויב ער וועט זיך צורירן צו אַן אָביעקט, וואָס איז אונטערגעוואָרפן זיין ווירקונג, וועט ער, אָנשטאָט אים צוציען, — אָפּשטויסן פון זיך. עס איז, אַלזאָ, נויטיק, אַז ער זאָל זיך ענדיקן אויף אַ געוויסן מרחק פון דעם אָביעקט, אָבער — אויף וויפיל דאָס איז מעגלעך — אויפן נאָענטסטן מרחק, אַזוי אַז די באַפרייטע ענערגיע זאָל שטראַלן בלויז אין זיין דירעקטער שכנות.

— אָבער כדי אַריינצושטופן דעם מעטעאָר אין ים אַריין, דאַרף מען דאָך אים אָפּשטויסן און נישט צוציען — האָט ה׳ לעקער באַמערקט.

— יאָ און ניין — האָט זעפּירין קסירדאַל געענטפערט. — גיב אַכטונג, פּעטער. איך ווייס דעם שטח, וואָס טיילט אונז אָפּ פונם מעטעאָר. דערדאָזיקער שטח באַטרעפט פינפהונדערט מיט עלף מעטער, מיט אַכטאונפערציק סענטימעטער. איך שטעל־אָן די קראַפט פון מיין שטראָם אָפּהענגיק דערפון.

דערביי האָט קסירדאַל אַ דריי געטאָן דעם רעגולאַטאָר צווישן דעם עלעקטרישן קוואַל און דער דער מאַשין.

— געמאַכט! — האָט ער ווייטער גערעדט — איצט פאַר־האַלט זיך דער שטראָם מיט נישט קיין גאַנצע דריי סענטימעטער פונם מעטעאָר, פון דער זייט פון זיין צפון־מזרחדיקער בולטקייט. די באַפרייטע ענערגיע נעמט אים אַרום אויף דערדאָזיקער פלאַך מיט אַ שטאַרקער שטראַלונג. דאָס וואָלט אָבער אפשר נישט געקלעקט, כדי צו באַוועגן אַ מאַסע, וואָס שטייט־צו אַזוי גענוי צום באָדן. דעריבער טאַקע וועל איך, לשם פּאָרזיכטיקייט, אָנ־ווענדן צוויי צוגאָב־מיטלען.

קסירדאַל האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין דער מאַשין, גלייך האָט איין רערל געגומען שווינדלענדיק וויברירן.

— זאָל דער פּעטער אַכטונג געבן. דאָסדאָזיקע רערל וויברירט אינגאַנצן אַנדערש, איידער יענע. זיין ווירקונג איז פון אַן אַנדער מין. די שטראָמען, וועלכע עס טיילט אַרויס פון זיי, זייגען מערקווירדיקע. לאָמיר זיי אָנרופן, אויב דו ווילסט, גלייכגילטיקע שטראָמען, גראַדליניקע, כדי זיי צו אונטערשיידן פון די אַנדערע. די לענג פון דידאָזיקע שטראָמען דאַרף נישט פעסטגעשטעלט ווערן. זיי וואָלטן געשטראָמט אומגעזעענערהייט אין דער אומענדלעכקייט, ווען איך וואָלט זיי נישט אַרויפגע־קערעוועט אויף דער בולטקייט אין דרום־מערב־זייט פונם מעטעאָר, וועלכן פאַרהאַלט זיי. איך ראַט דיר נישט זיך אָוועקצושטעלן אויף אָט דעם וועג. וואָלסט זיך זיכער איבערגעקערט. נאָר צו דער זאַך. וואָס זייגען זיי, דידאָזיקע גראַדליניקע שטראָמען? פּונקט אַזוי גוט, ווי די שרויף־שטראָמען און, איבעריקנס, אַלע אַנדערע עלעקטרישע שטראָמען, ווי דער קלאַנג, די וואַרעמקייט, אַפילו דאָס ליכט, — איז עס נישט אַנדערש, ווי אַ באַוועגונג פון מאַ־

טעריעלע אַטאָמעלעך אין זייער פּאַראייִנפּאַכטסטער מדרגה. ווערסט האָבן אַ שטיקל באַגריף וועגן דער קלײנער מאָס פון די אַטאָמעלעך, ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז זיי גיבן אַ שפּאַר די אויבערפלאַך פון דער גאָלד-מאַסע מיט דער קראַפט פון זיבנהונדערט פופציק מיליאָן אויף אַ סעקונדע. דאָס איז, אַלזאָ, אַן אמתע באָמבאַרדירונג, אין וועלכער די משא פון קוילן איז פאַרטראַטן דורך זייער אומענדלעכער צאָל און שנעלקייט. ווען מען נעמט צוזאַמען דעם דרוק מיט דער צוציִונגס-קראַפט, וועלכע ווירקט אויף דער צווייטער זייט פון דער מאַסע, קען מען באַקומען אַ צופרידנשטעלנדיקן רעזולטאַט.

— און דאָך באַוועגט זיך נישט דער מעטעאָר — האָט ה׳ לעקער באַמערקט.

— ער וועט זיך באַוועגן — האָט קסירדאַל רויק פאַרזיכערט — אַביסעלע געדולד. אַגב, וועט אונז העלפן נאָך אַ זאַך. פון דעם דריטן רעפלעקטאָר אַרויס שיק איך אַנדערע אַטאָם-קוילן, שוין נישט צום מעטעאָר גופא, נייערט צום באָדן, אויף וועלכן ער געפינט זיך פון דער זייט פון ים. ווערסט זען, ווי דערדאָזיקער באָדן וועט זיך נעמען ביסלעכווייז אַראָפּרוקן און מיט דער הילף פון דער שווער-קראַפט אַראָפּפאַלן באַרגאַראָפּ.

זעפירין קסירדאַל האָט ווידער אַרייַנגעשטעקט די האַנט אין דער מאַשין. דאָס דריטע רעדל האָט גענומען וויברירן.

— און איצט קוק אויפמערקזאַם, פעטער, — האָט ער געזאָגט — מיר דאַכט זיך, אַז מיר וועלן זיך אַביסל פאַרווײַלן.

קאַפּיטל צוואַנציק.

וועלכער ווערט אפשר אַרויסרופן ביים לעזער פאַרדרוס, ער איז אָבער אָנגעשריבן געוואָרן דורך אַ מחבר, וואָס שעצט דעם היסטאָרישן אמת, אַזוי ווי עס וואָלט אים אין דער צוקונפט באַלויכטן די אַסטראָנאָמישע כראָניק.

די איינציקע געשרייען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין געשריי, און דאָס אַלץ צוזאַמען איז געווען דער מעכטיקער גע-ברום, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון המון, ביים אָנבליק פון דער ערשטער באַוועגונג פון דער גאָלד-מאַסע.

אַלע בליקן זענען געווען געווענדט אין איין זייט.

וואָס איז געשען? צי איז עס געווען אַן אויסדאַכטעניש? צי האָט זיך טאַקע דער מעטעאָר באמת באַוועגט? אויב אַזוי, — וואָס איז געווען די סיבה? צי זאָל דער באָדן טאַקע אַראָפּ-זינקען, — און דער אוצר דאַרף נישט שוין-זשע פאַרזונקען ווערן אין תהום?

— דאָס וואָלט געווען אַ מערקווירדיקע אויפלייזונג פונם ענין, וועלכער האָט אויפגערודערט אַ וועלט — האָט באַמערקט אַרקאַדיע וועלקער.

— אַן אויפלייזונג, וואָס געהער נישט צו די ערגסטע — האָט מר. סעט סטענפאָר געענטפערט.

— וואָס וואָלט געווען די בעסטע — האָט צוגעגעבן פראַנס גאָרדאָן.

ניין, מען האָט זיך נישט טועה געווען.

דער מעטעאָר האָט זיך פּאַמעלעך אַראָפּגערוקט צום ים צו.

מען האָט שוין נישט געקענט צווייפלען, אַז די ערד רוקט זיך ביסלעכווייז אַראָפּ.

אויב דידאָזיקע באַוועגונג וועט נישט אויפהערן, וועט זיך די גאָלד-קויל אַראָפּקייקלען צום ברעג און וועט נעלם ווערן אין די טיפענישן פון ים.

אַלעמען האָט באַהערשט אַ פאַרגליווערונג, געמישט מיט עפּעס אַ מין פאַראַכטונג צו דערדאָזיקער ערד, וועלכע איז נישט ראוי צו האָבן אַזאַ ווונדערבאַרע משא.

ס׳איז אַ שאָד, וואָס דער מעטעאָר איז אַראָפּגעפאַלן גראָד אויף דעמדאָזיקן אינזל און נישט אויף די אומבאַווירלעכע גרענעץ־לענדער באַזאַלט-ברעגעס, ווו די טויזנטער מיליאַרדן וואָלטן נישט געווען אין דער געפאַר אַנטרונען צו ווערן פון דער גיריקער מענטשהייט.

יאָ, דער מעטעאָר האָט זיך אַראָפּגערוקט. אפשר איז עס בלויז אַן ענין פון שעהן, און אפשר פון מינוטן, אויב דער באָדן זאָל פּלוצים איינזינקען אונטער דער ריזיקער משא.

צווישן די געשרייען, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון אַלע זייטן, איז דער העכסטער געווען דער געשריי פון ה׳ דע שנאַק:

— זיי געזעגנט איינציקע מעגלעכקייט רייך צו מאַכן מיין לאַנד! זיי געזעגנט, טרוים וועגן רייך מאַכן אַלע בירגער פון גרענלאַנד!

וואָס שייך מר. פאָרסיט און ד״ר הודעלסאָן, איז פשוט געווען אַ מורא וועגן זייער גייסטיקן צושטאַנד.

זיי האָבן מימ פאַרצווייפלונג אויסגעשטרעקט די הענט, גערופן הילף, גלייך ווי מ׳וואָלט זיי געקענט מיט עפּעס העלפן.

אַ שטאַרקערע באַוועגונג פונם מעטעאָר האָט זיי אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט.

נישט טראַכטנדיק וועגן דער סכּנה, אויף וועלכער ער איז אויסגעשטעלט, האָט ד"ר הודעלסאָן איבערגעריסן דעם וואַך־קאָרדאָן און זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער ריכטונג צו דער גאָלד־מאַסע.

ער איז נישט ווייט אַוועק. צוגעדריקט פון דער גליענדי־קער אַטמאָספער, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָכדעם ווי ער האָט געמאַכט אפשר אַ הונדערט טריט. און איז אומגעפאַלן אויף דער ערד.

מר. פאָרסיט. האָט זיך, אייגנטלעך, געמעגט פרייען: זיין קאָנקורענט וואָלט אומגעקומען — וואָלט אויך אומגעקומען די קאָנקורענץ.

אָבער מר. פאָרסיט, איידער ער איז געוואָרן אַן אַסטראָ־נאָם, איז ער געווען אַ בראַווער מענטש; און די געפילן, וועל־כע האָבן אים באַהערשט, האָבן אים צוריקגעקערט זיין אמתע נאַטור.

זיין קינסטלעכער האַס איז פאַרשוונדן געוואָרן, ווי עס פאַרשווינדט אַן אומרויקער חלום נאָך דער דערוואַכונג, און אין זיין האַרצן איז פאַרבליבן דער זכרון פון די אַמאָליקע צייטן. נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין דין־וחשבון, גאָר נישט־ווילנדיק — זאָל מען עס אים זאָגן לשבח — האָט זיך מר. פאָרסיט לחלוטין נישט געפרייט ביים אָנבליק פון דער סכּנה, נאָר ער האָט זיך געלאָזט לויפן ראַטעווען מיט אמתן מוט זיין אַמאָליקן פריינד.

זייגע כּוחות זענען אָבער נישט געווען אַזוי גרויס, ווי זיין מוט.

ער האָט קוים באַוויזן צוצולויפן צום דר. הודעלסאָן, קוים באַוויזן אים אָפּצושלעפּן עטלעכע מעטער הינטערווייטלעכטס, ווען ער איז מיטאַמאָל אומגעפאַלן אַ פאַרחלשטער, געשטיקט פון דער היץ, וואָס האָט געשלאָגן פונם מעטעאָר.

צום גליק האָט זיך פראַנס גאָרדאָן אַ וואָרף געטאָן צו אים, און מר. סעט סטענפאָר האָט זיך אויך נישט געקווענקלט און זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים.

פאַרשטייט זיך, אַז אַרקאַדיע וועלקער איז דערצו נישט געווען גלייכגילטיק.

— סעט!... סעט!.. — האָט זי אינסטיקטיוו גערופן, ווי איבעררעשט פון דער סכנה, אויף וועלכער איר געוועזענער מאַן איז געווען אויסגעשטעלט.

פראַנס גאָרדאָן און סעט סטענפאָר האָבן, אין דער גע־זעלשאַפט פון עטלעכע געוואַגטערע צוקוקער, געמוזט קריכן אי־בער דער ערד, פויזען מיט טיכעלעך אין די מיילער, אַזוי שטיקנדיק איז געווען די לופט.

ענדלעך זענען זיי צוגעקראָכן צו פאָרסיטן און הודעל־סאָנען.

זיי האָבן זיי אויפגעהויבן און אַוועקגעשלעפט ביז צו דער גרענעץ, וועלכע מען האָט שוין נישט געטאָרט אַריבער־שפאַנען, ווייל מ׳האָט געקענט פאַרברענט ווערן.

צום גליק זענען ביידע קרבנות פון דער אומפאָרזיכטיקייט געראַטעוועט געוואָרן.

אַ דאַנק די באַמיונגען, וועלכע מען האָט זיי נישט גע־קאָרגט, זענען זיי געקומען צו זיך, אָבער — צום באַדויערן! — בלויז כדי צו קוקן אויף די חורבות פון זייערע האָפע־נונגען.

דער מעטעאָר האָט זיך אַראָפּגערוקט ביסלעכווייז, גע־שטויסן פון זיך אַליין, ווייל די פלאַך פון באָדן האָט זיך, אונ־טערן דרוק פון דער משא כסדר אַראָפּגעלאָזט.

דער שווערפּונקט האָט זיך דערנענטערט צום ברעג פון תהום, פון ים.

די אויפרעגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער פּיל־טויזנטקעפּיקער עולם האָט אַרויסגעלאָזט אַ מעכטיקן געשריי. מען איז געלאָפן אין אַלע ריכטונגען אָן אַ שום ציל. מר. סעט סטענפאָר און אַרקאַדיע וועלקער האָבן זיך אויך מיט דער גאַנ־צער שנעלקייט געלאָזט לויפן מיט די איבעריקע צום ים צו, כדי נישט צו פאַרלירן דעם מינדסטן פּרט פון דער זיך־דער־נענטערנדיקער קאַטאַסטראָפע.

אַ ווײַלע האָט אַ בליץ געטאָן אַ שטיקל האָפענונג. די גאָלד-מאַסע האָט זיך פאַרהאַלטן...

דאָס איז אָבער געווען בלויז אַ רגע.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער טראַסק... דער פעלז האָט נאָכגעגעבן, און דער מעטעאָר איז נעלם געוואָרן אונטער דער וואַסער-פלאַך.

אויב דער עכאָ פונם ברעג האָט נישט פאַנאַנדערגעטראָגן דעם האַרצרײַסנדיקן געשריי פון המון, איז עס דערפאַר, ווײַל אים האָט פאַרטויבט אַן אויפרײַס, אַ שטאַרקערער, איידער דער קלאַפּ פון אַ דונער.

מיטאַמאָל האָט זיך, גלײַך אַ לאַווינע, אַ ריס געטאָן אַ געוואַלדיקע לופט-שטראָם און איבערגעקערט אַלע צוקוקער איינעם איבערן אַנדערן.

דער מעטעאָר האָט אויפגעריסן.

דאָס וואַסער איז דורך די טויזנטער פלאַך-ליכער אַרײַנגעדרונגען אין דער אומגעהײַערער צאָל קאַמערלעך פון דעמדאָזיקן גאָלדענעם שוואָם און איז, בײַ דער באַרירונג מיטן צעגליטן מעטאַל, פאַרוואַנדלט געוואָרן תיכף אין פאַרע. דער מעטעאָר האָט אויפגעריסן ווי אַ צעזעצטער קעסל. די רעשטלעך פון מעטעאָר זענען, אין דער פאָרם פון סנאָפּעס, געפאַלן אויף די כוואַליעס אין אַ באַטויבנדיקער געסווישטשערײַ.

אונטערן גרויסן דרוק פונם אויפרײַס האָט זיך אַ הויב געטאָן דער ים.

אַ ריזיקע כוואַליע האָט געשפּאַרט צום ברעג און אים פאַרפלייצט מיט אַן אומבאַזיגבאַרער קראַפט. אַ פּחד האָט אַרומגעכאַפּט אַלע אומפאַרזיכטיקע, וואָס האָבן זיך צופיל דערנענטערט צום ברעג; זיי האָבן גענומען לויפן און געוואָלט צוקומען צום שפּיץ פונם שיפּוע.

אָבער נישט אַלע האָבן אים געזאָלט דערגרייכן. געשטויסן פון עטלעכע באַגלייטער, וועלכע זענען אונטערן רושם פון פּחד, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווילדע חיות, איז אַרקאַדיע מיטגעריסן

און איבערגעקערט געוואָרן פון אַ כוואַליע.

נאָך אַ ווײַלע — און די צוריק-כוואַליע וואָלט זי אַוועקגעטראָגן מיט זיך.

אָבער מר. סעט סטענפאַר האָט געוואַכט. הגם די רעטונג האָט ביי אים אויסגעזען שוין כּמעט אוממעגלעך, האָט ער זיך אָבער נישט געקווענקלט און געלאָפן צו הילף אין אַזעלכע שווערע אומשטענדן, אַז מען האָט זיך, אייגנטלעך, געדאַרפט איצט ריכטן אויף צוויי קרבנות, אַנשטאָט איינעם...

עס איז אָבער געשען אַנדערש.

ער איז צוגעלאָפן צו דער יונגער פרוי, און אָנגעשפּאַרט מיט אַלע כּוחות אָן דעם פעלז, באַוויזן זיך אַקעגנצושטעלן דער שפּאַרנדיקער כוואַליע.

די טוריסטן זענען אים גלייך געקומען צו הילף און געשלעפּט הינטערווײַלעכטס.

זיי זענען געווען געראַטעוועט.

מר. סעט סטענפאַר האָט נישט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין, אָבער אַרקאַדיע וועלקער איז, משמעות, געווען ווייניק ווידערשטאַנדספעיק.

די שטאַרקע באַמיונגען האָבן זי אָבער אָבגעפרישט. אירע ערשטע ווערטער זענען געווען געווענדט צו איר געוועזענעם מאַן.

— עס איז געווען באַשערט, איר זאָלט מיר ראַטעווען דאָס לעבן — האָט זי געזאָגט, דריקנדיק בשעת-מעשה זיין האַנט און קוקנדיק אויף אים מיט צערטלעכע דאַנקבאַרקייט.

דער מעטעאָר איז געווען ווייניקער גליקלעך פון אַרקאַדיע וועלקער — ער האָט זיך נישט אויסגעמיטן מיט זיין גורל! די אומצוטריטלעכע רעשטלעך זייַנע זענען געלעגן אין די טיפענישן פון ים.

ווען מען זאָל אפילו, ביי אומדערהערטע אָנשטרענגונגען, באַוויזן זיך צוצוקריגן צו דער גאָלד-מאַסע, וואָלט עס ווייניק וואָס גענוצט.

דער יאָדער, וואָס איז פונם אויפרייס צעריסן געוואָרן, האָט זיך צעשפּליטערט אין פּלערליי ריכטונגען. ה׳ דע שנאַק, מר. פּאַרסיט און דר. הודעלסאָן האָבן אומזיסט אַרומגעזוכט אי־בערן גאַנצן ברעג כאָטש אַ ברעקעלע.

עס זענען ביזן לעצטן סענטים אָנטרונען געוואָרן די לאָקני־דיקע פינף טויזנט זיבנהונדערט אַכטאונאַכציק מיליאַרד. פון דעם אומגעווייינלעכן מעטעאָר איז נישט איבערגעבליבן גאָר־נישט!

דער לעצטער קאַפּיטל — איינאונצוואַנציק

וועלכער איז אויך דער עפּילאָג פון אונזער דערציילונג און אין וועלכן דאָס לעצטע וואָרט האָט מר. דזשאָן פּרוט, דער ריכטער פון וואַסטאָן.

נאָכדעם ווי דער המון האט געשטילט זיין נייגעריקייט, האָט ער זיך געקליבן צו פאָרן צוריק.

צי איז ער געווען צופרידן? דאָס קען מען אויף זיכער נישט זאָגן.

צי האָט געלוינט פאַר אַזאַ מין סוף צו מאַכן אַזעלכע גרויסע רייזע־הוצאות? קוקן אויף אַ מעטעאָר פון אַ מרחק פון מינימום פירהונדערט מעטער, דאָס איז אַ צו קליינער נחת־רוח! מען האָט זיך אָבער געדאַרפט צופרידנשטעלן דערמיט.

צי האָט מען זיך לכל־הפחות געקענט טרייסטן מיט דער אילוזיע, אַז אין דער צוקונפט וועט זיך אַ צווייטער גאָלדענער מעטעאָר באַווייזן אויפן האָריזאָנט?..

ניין. אַזאַ מין פּאַסירונג טרעפט זיך נישט צוויי מאָל. אוודאי קענען עקזיסטירן אין די רוימען אַנדערע גאָלדערנע מע־טעאָרן, אָבער די מעגלעכקייט זיך אַריינצוקריגן אינם קרייז פון דער ערד־צוציונג איז אַזוי קליין, אַז מען קען זי כלל נישט נעמען אין באַטראַכט.

איבעריקנס, אפשר איז עס גראָד לטובה. זעקס טריליאָן

גאָלד, געוואָרפן אין קורס, וואָלט באַדייטנדיק פאַרמינערט דעם ווערט פון אָט דעם מעטאַל, אָט דעם עקלדיקן פאַר אַלע, וואָס פאַרמאָגן אים נישט, אָבער אַזוי טייערן און קאָסטבאַרן, לויט דער מיינונג פון די אַנדערע! מען האָט, אַלזאָ, נישט געדאַרפט באַדויערן דעמדאָזיקן מעטעאָר, וועלכער וואָלט נישט בלויז אויפגעריסן דעם גאַנצן האַנדלס-מאַרק, נאָר ער וואָלט זיכער אַרויסגערופן אַ מלחמה אין דער גאַנצער וועלט.

דאָך — די פאַראינטערעסירטע האָבן געהאַט דאָס רעכט צו פילן זיך שטאַרק אַנטוישט מיט וויפיל פאַרדרוס מר. פאָרסיט און דר. הודעלסאָן האָט באַקוקט דאָס אָרט, וווּ עס דאַרף פאָרקומען דער אויפרייס פון זייער מעטעאָר! עס איז שווער געווען צו גיין צוריק און נישט האָבן מיט זיך אַפילו קיין ברעקעלע פון אָט דעם הימלישן גאָלד, אַפילו אַזאַ פיצעלע, וואָס זאָל קענען דינען בלויז ווי אַ שפילקע צום קראַוואַט אָדער ווי אַ קנעפל צו אַ מאַנזשעט, — אפילו נישט אַזאַ קערנדל, אַז מען זאָל עס קענען איבערלאָזן ווי אַן אָנדענק, אויב מ׳זאָל אָנגעמען, אַז ה׳ דע-שנאַק וואָלט עס נישט געמאָנט פאַר זיין לאַנד.

אין דידאָזיקע שותּפותדיקע דאגות האָבן ביידע קעגנער אינגאַנצן פאַרגעסן זייער אַמאָליקע קאָנקורענץ.

צי האָט געקענט זיין אַנדערש? צי קען מען זיך משער זיין, אַז ד״ר הודעלסאָן זאָל נאָך טראָגן אַ כּעס אויף אַ מענטשן, וועלכער האָט זיין לעבן געשטעלט אין קאָן, כּדי אים צו ראַטעווען?

און פון דער צווייטער זייט, צי איז עס נישט קיין ריינמענטשלעכע דערשיינונג, וואָס מר. פאָרסיט איז געווען פריינדלעך צו אַ מענטשן, פאַר וועלכן ער האָט שיער נישט מקריב געווען זיין לעבן? אַגב, די פאַרשווינדונג פונם מעטעאָר וואָלט זיי, סוף-כּל-סוף, סיי-ווי-סיי פאַרייניקט: — אַ נישט-עקזיסטירנדיקער מעטעאָר איז שוין אַוודאַי נישט ווערט געווען, מען זאָל זיך צוליב אים אַמפּערן.

צי האָבן ביידע קעגנער געטראַכט וועגן דעם? צי האָבן

זיי זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון דערפון, אויף ווי ווייט זייערע איידעלע געפילן-אויסברוכן זענען פּערשפּעקטיקע, בעת זיי זע-נען איצט, שוין ווי נישט-אַראינטערעסירט, פאַרומגעגאַנגען אונ-טער דער האַנט אין אָנהויב פון דעם האָניג-חודש פון זייער באַנייטער פריינטשאַפט?

— עס איז אַ גרויס אומגליק, — האָט ד״ר האָדעלסאָן געטענהט — וואָס פּאָרסיטס מעטעאָר איז דערטרונקען געוואָרן.

— האָדעלסאָנס מעטעאָר, — האָט מר. פּאָרסיט פאַרריכט — ער האָט געהערט צו דיר, מיין טייערער.

— חלילה, — האָט דער דאָקטאָר געלייקנט — דיין באַ-אָבאַכטונג איז געווען פריער ווי מיינע.

— ניין, שפּעטער.

— וואָס אַן אמת, איז אמת. דאָס, וואָס אין מיין וועג-דונג צו דער אָבסערוואַטאָריע אין טשינטשינאַטי האָט געפעלט גענויקייט, איז דער בעסטער עדות, אַנשטאָט שרייבן ווי דו, ליבער פריינד, פון דער ביז דער שעה, האָב איך געשריבן: צווישן דער און דער שעה. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד!

ער האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן, דער ליבער דאָקטאָר, אָבער אויך מר. פּאָרסיט האָט נישט אָפּגעטרעטן.

דערפון איז אַרויס אַ נייע מחלוקת, אָבער שוין אַן אומ-שעדלעכע.

דידאָזיקע רירנדיקע ווענדונג האָט אָבער אויך געהאַט אין זיך אַ סך קאָמיזם.

זי האָט פונדעסטוועגן נישט דערוועקט קיין געלעכטער ביי פראַנס גאָרדאָנען, וועלכער האָט זיך צוריקגעקערט צום אָפּי-ציעלן אַמט פון אַ חתן...

די יונגע מענטשן האָבן, ווי זיי האָבן נאָר געקענט, גע-נאָסן פונם גוטן וועטער, וואָס האָט איצט, נאָך אַזויפיל שטו-רעמס, פאַרגיטיקט די שווערע פאַרלוירענע צייט.

די קריגס-שיפן און אַנדערע דאַמפשיפן האָבן אויפגעהויבן דעם אַנקער דער 4-טן סעפּטעמבער. זיי האָבן זיך געלאָזט שווי-מען צו דרום צו.

פון אַלע רייזנדע, וועלכע האָבן מיט זייער קעגנוואַרט אַריינגעטראָגן אַזויפיל לעבן אין דערדאָזיקער פאָלאַרער געגנט, זעבען בלויז איבערגעבליבן ה׳ ראָבערט לעקער און זיין כלומרשטער פלימעניק, — זיי האָבן געמוזט וואַרטן, ביז עס וועט קומען „אַטלאַנטיק".

דער יאַכט איז צוריקגעקומען ערשט צומאָרגנס. ה׳ לעקער און זעפירין קסירדאַל האָבן זיך גלייך געלאָזט אין וועג אריין.

זיי האָבן שוין געהאַט גענוג אָט די צוויי מעת-לעת אויפן אופּערניוויק-אינזל!

לא-די, וואָס זייער הילצערן הייזל איז פונם אומגעריכטן און האַסטיקן הויבן זיך פונם וואַסער פאַרניכט געוואָרן,—זענען זיי נאָך געוואָרן דורכגעווייקט און דורכגעפראָרן פונם כסדרדיקן נעכטיקן אונטערן פרייען הימל, אין די קלאָגנדיקסטע באַדינגונגען, אָן אַ וואַרעמען צודעק.

די שוואַכע פאָלאַר-זון האָט נישט געטויגט צום טריקענען די מלבושים ווי ס׳קער צו זיין. דער אכזריותדיקער ים האָט זיי צוגענומען אַלץ, אַפילו דעם האַנטקופער און זעפירין קסירדאַלס מכשירים.

נישטאָ שוין מער די טרייע לונעטע, דורך וועלכער ער פלעגט אַזוי אָפט פאָרשן דעם מעטעאָר אין די רוימען! נישטאָ שוין מער די מאַשין, וועלכע האָט צוגעצויגן דעם מעטעאָר צו דער ערד, כדי אים ווידער אַראָפּצושליידערן אין די וואַסער-תהומות!

ה׳ לעקער האָט זיך נישט געקענט באַרויקן נאָכדעם, ווי דער ווונדערבאַרער אַפּאַראַט איז אומגעקומען. קסירדאַל האָט, אַדרבה, געלאַכט.

ער האָט באַוויזן אויפצובויען איין מאַשין, — פאַרוואָסזשע זאָל ער נישט אויפבויען אַ צווייטע, נאָך אַ בעסערע?

אוודאי וואָלט ער געקענט. צום באַדויערן, ער האָט מער דערפון קיינמאָל נישט געקלערט. זיין טויף-פאָטער האָט אים

אומזיסט געטריבן צו אַרבעט. ער פֿלעגט זי אָפּלייגן פֿון טאָג אויף טאָג. ביז ער האָט דערלעבט אַ טיפֿע עלטער און האָט מיטגענומען זיין סוד אין דער ערד אַריין.

מיר מוזן שלום מאַכן דערמיט, אַז די וווּנדער־מאַשין איז אויף אייביק פֿאַרלאָרן פֿאַר דער מענטשהייט, און אַז איר פּרינציפּ וועט אויף אייביק בלייבן אומבאַקאַנט, סיידן אַ נייער זעפֿירין וועט זיך ווידער אַנטפּלעקן אויף דער ערד.

בקיצור, זעפֿירין קסירדאַל האָט זיך צוריקגעקערט פֿון גרענלאַנד אָרעמער, ווי ער איז געפֿאָרן אַהינוועגס. שוין אָפּגערעדט פֿון די מכשירים און רייכער גאַרדעראָב, — האָט ער דאָרט איבערגעלאָזט אַ ברייטן שטח ערד, וואָס עס איז געווען שווער צו פֿאַרקויפֿן, ווייל אַ גרויסער טייל פֿונם באָדן האָט זיך געפֿונען אונטערן וואַסער.

דערפֿאַר האָט שוין זיין טויף־פֿאָטער געהאַט פֿון דער רייזע אַ רייכן שניט, אַ מיליאָנען־שניט. דידאָזיקע מיליאָנען האָט דער באַנקיר געפֿינען נאָכן צוריקקומען אויף דער דרואָ־גאַס, און דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿונם לעגענדאַרישן אייגנטום פֿון דער פֿירמע לעקער, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן ערשטקלאַסיקן נאָמען און אָרט אין דער פֿינאַנסיעלער וועלט.

אמת, זעפֿירין קסירדאַל האָט שטאַרק גורם געווען, אַז דידאָזיקע עשירות זאָל נאָכמער וואַקסן.

ה׳ לעקער האָט זיך איבערצייגט, צו וואָס ער איז מסוגל, און האָט זיך אָפּט באַנוצט מיט זיין הילף. אַלע אַנטדעקונגען פֿון דעמדאָזיקן געניאַלן גייסט האָט דער באַנק אויסגענוצט אויף זיין אופֿן.

די פֿירמע האָט זיך נישט געהאַט אויף וואָס צו קלאָגן. זיך אָפּגענאַרט אין דעם הימלישן אוצר, האָט זי געמאַכט אוצרות געלט פֿונם גאָלד, וואָס אין דער ערד.

אוודאי ה׳ לעקער איז נישט געווען קיין ענגהאַרציקער קמצן, זעפֿירין קסירדאַל האָט זיך געקענט נעמען פֿון זיין אייגנטום, זיין ווערק, וויפֿיל זיין האַרץ האָט נאָר געגלוסט. ווען

מ׳האָט עס אים אָבער געזאָגט, האָט ער געקוקט אַזוי דער-שטוינט, אַז ס׳איז שוין גלייכער געווען אים צו לאָזן געמאַך.

געלט? גאָלד? וואָס וואָלט ער דערמיט געמאַכט?

צי האָט אים נישט געקלעקט אויף זיין באַשיידענע הוצאות די געלט-סומע, וועלכע ער האָט געהאַט צו יעדער צייט?

ביזן סאַמע טויט פלעגט ער קומען צופוס נאָך דער סומע צו זיין „פעטער" דעם באַנקיר, און ער האָט קיינמאָל נישט מסכים געווען צו פאַרלאָזן דעם זעקסטן שטאָק אויף דער קאָסעט-גאַס אָדער זיך צושיידן מיט דער אַלמנה טיבאָ, אַ געוועזענע קצבטע, וועלכע האָט געהאַלטן דעם רודער פון איר באַרעדעוודי-קער דינסט ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן.

אין אַ וואָך אַרום, נאָכדעם ווי ה׳ לעקער האָט אַרויסגע-געבן זיין קאָרעספּאָנדענט די פאַראָרדענונג, האָט שוין די גאַנצע וועלט געוווסט וועגן דער פאַרשווינדונג פונם מעטעאָר. די פראַנצויזישע פּאַנצערשיף האָט די ערשטע געבראַכט דידאָזיקע ידיעה צו דער ערשטער טעלעגראַפישער סטאַציע, פון וואַנען זי איז זיך בליץ-שנעל פאַנאַנדערגעגאַנגען איבער דער גאָרער וועלט.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס פאַר אַ רושם די ידיעה האָט געמאַכט. פונדעסטוועגן האָט מען זיך גאָר שנעל באַרויקט. דאָס איז געווען אַ פאַקט, אויף וועלכן מען האָט זיך לאַנג נישט געקענט אָפּשטעלן. אינגיכן האָבן זיך די מענטשן צוריק גענומען צו זייערע פּערזענלעכע אַרבעטן און דאגות און אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם שליח פון הימל אַראָפּ, וואָס האָט געהאַט אַזאַ וויסטן, און אַפילו לעכערלעכן, סוף, נעבאָך...

מען האָט שוין געהאַט פאַרגעסן אָן אים, ווען „מאָזיק" איז דעם 18-טן סעפּטעמבער אָנגעקומען צום פּאָרט טשאַרלעס-טאָן.

חוץ די פריערדיקע פּאַסאַזשירן, האָט זיך איצט געפונען אויפן „מאָזיק" אַ נייע פּאַרשוינטע, וועלכע האָט פאַרנומען די ליידיקע קאַיוטע פון ה׳ דע-שנאַק. דאָס איז געווען מיס אַר-

קאַרדיע װעלקער, װעלכער האָט אַזױ־אַרום געװאָלט אַרױסװײַזן איר דאַנקבאַרקײט איר געװעזענעם מאַן.

פֿון דרום־קאַראָלינע ביז װירגיניע איז דער מרחק נישט קײן איבעריק גרױסער; אַגב, פֿעלן נישט קײן באַנען אין די פֿאַרײניקטע שטאַטן.

צומאָרגנס, דעם 19־טן סעפּטעמבער, זענען אָנגעקומען מר. פֿאָרסיט, גאָרדאָן און אָמיקראָן, און אױך מר. הודעלסאָן מיט זײַן טאָכטער.

די ערשטע אײַלן זיך צום טורעם אױף עליזאַבעט־סטריט, די אַנדערע — אױף מאָריס־סטריט.

מען האָט זײ אָפּגעװאָרט מיט אומגעדולד. פֿרױ הודעל־סאָן מיט דער טאָכטער לו זענען שױן געװען אױפֿן װאַסטאָנער װאָקזאַל צוזאַמען מיט מיץ, בעת ס'איז אָנגעקומען פֿון טשאַר־לעסטאָן דער צוג מיט די פּאַסאַזשירן. זײ האָבן באמת געמעגט זײַן גערירט פֿונם קבלת־פּנים, װאָס מ'האָט זײ געמאַכט! פֿראַנס גאָרדאָן האָט זיך האַרציק צעקושט מיט זײַן קינפֿטיקער שװיגער, מר. פֿאָרסיט האָט געדריקט די האַנט פֿון פֿרױ הודעלסאָן, װי ס'װאָלט גאָרנישט נישט פֿאָרגעקומען.

אפֿשר װאָלט גאָר קײנער נישט דערמאָנט די טרױעריקע פֿאַרגאַנגנהײט, װען נישט לו, װעלכע האָט געװאָלט באַקומען די באַשטעטיקונג פֿון דער נײַער לאַגע.

— איז אַלץ, הײסט עס, געענדיקט? — האָט זי אױסגע־רופֿן און בשעת־מעשה זיך געװאָרפֿן מר. פֿאָרסיטן אױפֿן האַלז.

נאַטירלעך, איז שױן אַלץ געװען געענדיקט, געענדיקט בכי־טוב.

והראיה — דעם 30־טן סעפּטעמבער האָבן זיך די גלאָקן פֿון סען־אַנדרע הױך צעקלונגען, און דער עכאָ האָט זיך צעטראָגן איבער גאַנץ װאַסטאָן.

אין דער קעגנװאַרט פֿון אַ גרױסן עולם, די עלטערן און פֿרײַנד פֿון בײדע משפּחות, װי אױך פֿאָרשטײער פֿון װאַסטאָן דער שטאָט, האָט דער ערװירדיקער אָ'גאָרט אַדורכגעפֿירט די

חתונה-צערעמאָניע צווישן פראַנטשי גאָרדאָן און דזשעני הודעל-סאָן, וועלכע זענען נאָך אַזויפיל מניעות און צרות אָנגעקומען צו אַ רויקן האַפן אין אַ מזלדיקער שעה.

קיינער צווייפלט דאָך נישט, אַז לו האָט זיך באַטייליקט אין דעמדאָזיקן פייערלעכן מאָמענט, ווי אונטערפירין. זי איז געווען אַנטציקנדיק-שיין אין איר קלייד, וואָס איז שוין געווען פאַרטיק זינט פיר חדשים. אויך האָט מען געהערט צום חתונה-צוג.

זי האָט געוויינט און געלאַכט פון גרויס גליק, וואָס האָט געטראָפן איר „זון".

זי האָט געטענהט, אויב עמעצער האָט געהערט אירע רייד, אַזוי גערירט איז זי נאָך קיינמאָל נישט געווען.

כמעט אין דערזעלבער צייט איז, מיט ווייניקער פּאַראַד, פאָרגעקומען אַן אַנדער סאָרט חתונה-אַקט. דאָסמאָל שוין נישט רייטנדיק און נישט צו-פוס און נישט אין אַ לופט באַלאָן... אַר-קאַדיע וועלקער און סעט סטענפאָר זענען געפאָרן צום ריכטער דזשאָן פרוט אין אַ וועגעלע, איינס לעבן אַנדערן, האַלטנדיק זיך אונטער דער האַנט.

צום ערשטן מאָל זענען זיי אַריינגעקומען צום ריכטער אין שטוב אַריין, כדי אים פאַרצושטעלן, שוין אין ווייניקער-משונה-דיקע אומשטענדן, ווי אַמאָל, זייערע חתונה-דאָקומענטן...

דער ריכטער האָט דערפילט זיין פליכט, נאָכאַמאָל פאַריי-ניקט דאָס אַמאָליקע פּאָר-פאָלק, וואָס האָט זיך געהאַט צעשיידט אויף עטלעכע וואָכן.

דאַן האָט ער זיך העפלעך פאַר זיי פאַרנויגט.

— זייט געזונט, מר. פרוט — האָט פרוי סטענפאָר גע-זאָגט.

— זייט געזונט — האָט צוגעגעבן מר. סטענפאָר.

— זייט געזונט, מיין הערשאַפט, — האָט מר. דזשאָן פרוט געענטפערט און באַלד זיך אומגעקערט צו זיינע בלומען.

נאָר איין געדאַנק האָט געמאַטערט דעם חשובן פילאָזאָף.

ווען ער האָט צום דריטן מאָל גענומען באַגריסן די בלומען, האָט זיין האַנט אויפגעהערט מיטאַמאָל אָנצוטרינקען די דורשטיקע לצווי־קאָניע־בלומען.

— זייט געזונט? — האָט ער אַרויסגעפּליסטערט און איז גע־בליבן שטיין פאַרטראַכט אינמיטן דער אַלעע — אפשר וואָלט גליי־בער געווען צו זאָגן: „צום ווידערזען"...

סוף